STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06602

DI LIEBE PROVINTS

Sch. Gorelik

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די ליעבע פראווינץ

פון

ש. גארעליק.

ווילנער פערלאג פון ב. א. קלעצקין.

דאָס רעכט אויף איבערדרוקען און איבער־
זעצען בעהאלט דער מחבר פאַר זיך.
(לויט דעם אַרטיקעל 33 פון דעם געזעץ
פון 20־טען מערץ 1911 יאָהר).

דרוקעריי ב. א. קלעצקין, ווילנא
קליין־סטעפען־גאַס אייגענע הויז

די ליעבע פראווינץ.

ווען אַ מענש איז אַלט דריי־און־דרייסיג יאָהר און ער האָט דורכגעריזט דעם כדור הארץ שוין עטליכע מאָל אהין און צו־ריק; ווען אין זיין באָרד וואַרפען זיך דורך זילבערנע פעדים, און עס שיטערען זיך די האָר פון קאָפּ; ווען איידעלע קנייטשען, — די קנייטשען פון טיעפע געדאַנקען, נישט אַלע מאָל פרעהליכע, — בעהאַלטען זיך און דאָך שטענדיג קענטיג, שטענדיג דערצעהלען זיי וועגען לעבענס־שטורמען, — דעמאָלט... דעמאָלט הייסט נאָך גאָרנישט, אַז ער דאַרף ווערען אַ מיזאַנטראָפּ, פיינט האָבען דעם מענשען און זוכען פאַר זיך ערגיץ אַ גוטען סען־בערנאַר אָדער אַ דענישען דאָג. אַדרבא, אַז מ׳גיט זיך אַ ביסעלע מיה, קאָן מען אַלע מאָל געפינען דאָס לעבען פאַר זעהר אינטערעסאַנט, רייצענד. און ווען אַפילו די מענשען זענען נישט אַזוי, ווי אונז ווילט זיך, איז פאָרט אָנגענעהם אויפשטעהן אין דערפריה, אַ שפּאַר טון די לאָדען און אַ וואָרף טון זיך צו די זונען־שטראַה־לען: אַזוי גוט וואַשען זיך מיט קאַלטע וואַסער, און געהענדיג איבער די בערג שפּאַצירען, ערגיץ אָנטרינקען זיך פון אַ פרישען קוואַל. איך רעד שוין נישט וועגען די פויגלען, וואָס זינגען פאַר אַלעמען — אַזוי, צי אַזוי, נאָר ביי אַ געוויסער מיה קאָן מען דאָך בלייבען אויף דער וועלט און נישט שטענדיג טראַכטען וועגען דעם, אויף וויפיעל עס איז גערעכט דער פילאָזאָף, וועלכער האָט געזאָגט: „די סומע פון ליידען איז גרעסער, איידער די סומע פון גליק״.

נאָר ווען אַ מענשען ווערט דריי־און־דרייסיג יאָהר, האָט ער געוויס געקויפט זיך דאָס רעכט, צו ווערען אַליין אַ שטיקעל פילאָזאָף, געהן אַ ביסעל פאַמעליכער, רעדען אַ ביסעל שטילער, נישט ווערען פון יעדער קלייניגקייט נתפעל. אָבער ער טאָר אויך נישט אָנטון אויף זיך די מאַסקע פון גלייכגילטיגקייט. ער מעג שמייכלען

מיט דעם ברידערליכן, מענשליכן שמייכל, וואָס עס האָבן אַזוי ליעב אַלע עלענדע, אונגליקליכע; ער דאַרף זיך אָפּהיטען פון צו זיין אין כעס, אויפגערעגט, וואָרום אָט די געפיהלען האָבן נאָך קיינמאָל דעם מענשען ניט פערשאַפט קיין פערגעניגען; פער־קעהרט, אַלע מאָל בלייבט עפּיס אַ שלעכטער איינדרוק.

דער עיקר אָבער, צו וואָס ער דאַרף שטרעבען, איז אַרויס־רייסען זיך פון די גרויס־שטאָדט־קייטען און בעזעצען זיך אין דער פּראָווינץ, אין אַ שטעדטיל פון עטליכע טויזענד איינוואוינער, מיט איין־עטאַזשיגע הייזער און גאַסען, בעזעצט מיט בוימער. דאָרט איז שטיל, רוהיג, די פעלד איז נישט ווייט, און נאָך נעהנ־טער די ווינט־מיהלען. ביי'ם אמת'ן קוואַל פון לעבען געפינט מען זיך נישט דערפאַר, ווייל פון דאַנען טראַנספּאָרטירט מען ווייץ מיט קאָרן אין דער גרויסער שטאָדט. נייך, נישט בלויזע ברויט פשוט'ע, נאָר גרויסע, גרויסע זאַפּאַסען פון גייסטיגער קראַפט געהען פון דאַנען אַהין. דאָ פאָרמירען זיך פערזענליכקייטען, דאָ וואַקסען געפיהלען, אידעאַלען.

יונגע מענשען, בחורים און מיידלעך, פול מיט האָפנונגען, ווע־רען פערבלענדט פון די פייערן, וועלכע זעהען זיך פון דער וויטע־ניש פון די גרויסע שטעדט. זיי פליהען, זיי רייסען זיך אַהין מיט דעם גאַנצען ענטוזיאַזם פון דער יונגער נאַאיוויטעט און ווערען, פער־שטעהט זיך, אָפּגעברענט, און דאַן קומען זיי צוריק מיט פערלאָשענע אויגען, אָפּגענאַרטע, מידע, נידערגעשלאָגענע און האַרמאָנירען אַזוי מיט דעם גאַנצען האַרבסט־בילד, וואָס איז מעלאַנכאָליש־שעָן גראָד אין די קרייז־שטעדט, אין דער פּראָווינץ.

דער פרעהליכער מונטערער געפיהל, וואָס מיר בעקומען שטענדיג, צוזעהענדיג, ווי עס וואַקסט אַ ניי לעבען, ווי עס ברויזט און קאָכט, ווי אויך דער געפיהל פון פערוועלקונג, פון פערוואָרפּע־נעם, דערפראָרענעם, קאָן מען אין ערגיץ נישט אַזוי דערשפּירען, ווי אין דער פּראָווינץ. אין דער גרויסער שטאָדט איז דער גע־לעכטער אַ דערשטיקטער, אַ הייזעריגער, און די טרער — אַ מוטנע, אַ היסטערישע. נאָר אין דער פּראָווינץ לאַכט מען הויך, אַז אַלץ אַרומיגע טרייסעלט און בעוועגט זיך. אָבער דערפאַר

זענען די זיפֿצען אויך טיפֿע, טיפֿע, און איבער דעם בלאַסען פּנים קייקלען זיך גרויסע טרערען.

ווען אין דער גרויסער שטאָדט ווערט, אַדאַנק דער פּאָר־נאָגראַפֿיע, קאַבאַרע, אַדאַנק דעם שרעקליכען וואָרים פֿון ניהיליזם, די ליעבע מגולגל אין אַ קורצען, רייצענדען פֿלירט, און פֿון דעם העכסטען געפֿיהל בלייבט נאָר דער גראָבער אינסטינקט פֿון אַ חיה, ווערט אין דער פּראָווינץ דאָך הערשען דער ראָמאַנטיזם. און די יונגע מיידעל, וואָס דער געליעבטער וואַרפֿט זי אַוועק, לעבט איבער אַנ׳אמת׳ע קאַטאַסטראָפֿע. די מוטער איהרע ווערט ברעכען די הענד און שטילערהייד אין אַ ווינקעלע אויסוויינען זיך, וואָס איהר טאָכטער ווערט אַלץ שוויגענדיגער און בלייכער...

אין דער פּראָווינץ זינגט מען נאָך די אַלטע, אַלטע ראָ־מאַנסען, און איהר קאָנט נאָך טרעפֿען ערגיץ־וואו אַנ׳אַלטען שפּיעל־אינסטרומענט, אַלטע קלאַוויקאָרדען; ווען אין דער גרויסער שטאָדט איז שוין לאַנג אויסגעלאָשען דער פֿייער פֿון דער אָדער יענער אידעע, ברענט נאָך און פֿלאַקערט אין דער פּראָווינץ; און ווען אַ גרויס־שטאָדטיגער ראָבעספּיער דעקלאַמירט: „נישטאָ קיין גאָט״, איז נאָך די גאַנצע פּראָווינץ מתפּלל...

און איך האָב זי ליעב אָט טאַקע פֿאַר דער לאַנגזאַמקייט, פֿאַר אָט דעם פֿערשפּעטיגען, דערפֿאַר וואָס ערשט אין צוויי אָדער דריי יאָהר אַרום ווערט מען דאָרט אָנהויבען טראָגען די שאַנטע־קלער־קלייד.

די פּראָווינץ גלויבט, בעגייסטערט זיך, און ווען וועמען עס איז פֿון אונז קומט אויס אַמאָל דאָרט צו זיין, בעפֿאַלט מען אונז מיט פֿראַגען. און אָט דער יונגערמאַן רידט מיך בפֿועל ממש מיט זיין נישט גלויבען, אַז איך האָב עטליכע מאָל געזעהן פּרצ׳ן און מיט איהם זיך בעקענט.

— אַזוי, אַזוי, איהר האָט איהם טאַקע געזעהן?

— יאָ, מיין ליעבער, געזעהן.

— און אַש׳ן האָט איהר אויך געזעהן?

— יאָ, מיין ליעבער, אַש׳ן אויך.

זיינע אויגען ברענען. ער איז אינגאַנצען אויפֿמערקזאַם און רוקט זיך צו נעהנטער. איך דאַרף דאָך איהם עפּיס געווים

וועגן דעם דערצעהלען, איך האָב דאָך מסתמא וועגן דעם אַ סך צו דערצעהלען.

ליעבע, נאַאיווע פּראָווינץ! זי אייגענטליך שפּייזט אונז מיט אַבאָנענטען, שקלים, מיט „קוראים נלהבים". זי מאַכט אַמאָל ספּעציעלע פערזאַמלונגען וועגן אַ ציטונגס־פעליעטאָן, וואָס דער שרייבער שרייבט איהם גאָר אַמאָל נישט דערפאַר, וואָס ער האָט דאָס נישט געקאָנט אָבלעגען אויף שפּעטער, נאָר וויל ער בע־דאַרף בעצאָהלען פאַר קוואַרטיר, אונבעדינגט דאַרף מען בעצאָה־לען, דער בעל־הבית פאָדערט...

איך געה איבער דער ברייטער, שטויביגער גאַס פון פּראָ־ווינץ־שטעדטיל און בעגעגען אַ געשאָרענע מיידעל מיט אַ סימפּאַ־טישען, אינטעליגענטען פּנים. זי שלעפּט זיך מיט אַ גרויסען, שווערען קאָרב, זי טראָגט די „פּאָליטישע" אין היגער שטאָדט־טורמע פּרוכטען, עסענוואַרג, וואָס דער פּרויען־קאָמיטעט קויפט דאָ איין פאַר זיי אַלע זונטאָג. איך דערמאָן זיך, אַז אין דער גרויסער שטאָדט איז שוין די מאָדע אויף „פּאָליטישע" לאַנג פאַרביי, און די, וואָס האָט דאָרט אַמאָל דעם קאָרב געשלעפּט, איז איצט פערנומען מיט סקעטינג־רינג און איז שטאַרק מקנא איהר חברטע, וועלכע איז נישט געטריי דעם מאַן.

און ווידער איז מיר אַזוי ליעב, טוט מיר אַזוי הנאה, וואָס אין דער פּראָווינץ פערשפּעטיגט מען...

* *
*

אַמאָל טרעפט אַ קאַטאַסטראָפע. פון די קאַטאַסטראָפען, וואָס וועגען זיי שטעהט געשריבען מיט קליינינקע ווערטער אין ציי־טונגס־כראָניק. אַ מענש שטאַרבט פרייוויליג. אַ מענש נעהמט זיך דאָס לעבען. פאַרוואָס? אַ סוד, אַ שרעקליכער סוד. פאַר די אַרו־מיגע איז מעהר נישט בעוואוסט עטליכע אויסוויינינגסטע מאָמענ־טען: זי איז, דוכט זיך, געזעסען גאָר רוהיג ביי'ם טיש. מיט אַמאָל האָט זי זיך אויפגעהויבען פון טיש און איז אַוועק צו זיך אין צימער. פון דאָרטען האָט זיך אין אַ קורצע ווײלע אַרום דערהערט אַ שאָס. מאָרגען וועט די גאַנצע שטאָדט איהר צו

אייביגער רוה בעגלייטען. מען וועט רעדען שטיל אוים אַכטונג צו דעם גרויסען סוד, וואָס אַלע פֿיהלען איהם. ווען די לויה וועט פֿאַרבייגעהן פֿאַרבײַ מיין וואוינונג, וועל איך אַרויס און גלייך מיט אַלעמען געהן. דערנאָך וועט צו מיר געוויס צוטרעטען דער העברעאישער לעהרער, וואָס מען האַלט איהם דאָ פֿאַר אַ נאַר, און בעטען, איך זאָל מיט איהם שפּאַצירען צו די מיהלען. איהם איז אַזוי אומעטיג, עס פּרעסט די האַרץ, און נישטאָ זיך פֿאַר עמיצען אויסצורעדען. ער וועט אָבער די גאַנצע לאַנגע צײַט שווייגען. פֿאַר דעם געזעגענען זיך, וועט ער זאָגען:

— איהר ווייסט, וואָס איך טראַכט?

— וואָס?

— איך טראַכט, אַז דאָס לעבען איז אַ גרויסע רעטעניש — אַ נאַאיווער לעהרער, אַ נאַרישער לעהרער...

איך קוק איהם אָן, ווי ער דערווייטערט זיך לאַנגזאַם צו זיך אַהיים אין איינזאַמען צימער. די נאַכט וועט זיך איהם געוויס שלאָפֿען שלעכט.

שטיל אין פֿעלד, אין גאַס. עס רוהען די פֿליגלען פֿון די ווינט־מיהלען. פֿון אויבען קוקט אַראָב די גרויסע קלוגע לבֿנה, אַ שענע, אָבער אַזאַ קאַלטע.

און איבער'ן וועג אַהיים וועל איך זיך אָבהאַלטען נעבען איין הויז, וואָס פֿון איהם טראָגט זיך אַן'אומעטיגער ראָמאַנס, וואָס ווערט געזונגען נאָר דאָ, נאָר אין די קליינע שטעדט. ווי אַ בעצויבערטער פֿון דער צאַרטער פֿרויען־שטימע וועל איך לאַנג שטעהן און הערען און פֿערשטעהן דעם גאַנצען אומעט, די גאַנצע האָפֿנונגס־לויזיגקייט פֿון די ווערטער.

אין דעם ראָמאַנס טרייסט מען דעם בוים: די וואונד איז נישט געפֿעהרליך, עס וועט קומען דער זומער, ער וועט ווידער שטעהן אַ בעפּוצטער מיט גרינע בלעטער, דעם מענשענס האַרץ אָבער וועט דער זומער היילען ניט קענען, און וואָס איינמאָל צעבראָכען איז, וועט שוין זיין צעבראָכען אויף אייביג.

איך ווייס, ווער דאָס זינגט...

*　　*
*

איך פיהל מיך גוט אין מיין קליינער שטאָדט אין אַלע צייטען פון יאָהר. דאָ לערן איך די חכמה צו זיצען אין דערהיים, דאָ לייען איך גוטע ביכער מיט מעהר ליעבע און אויפמערקזאַמקייט. איך בין בעקענט מיט אַלעמען, און קליינע קינדער רופען מיך ביים נאָמען. איך הער זיך צו צו אַלע מעשיות, איך וויים אַלע ראָמאַנען, און ווען עס געהט דורך אַ וואָך, און איך האָב נישט געלייענט קיין צייטונגען, פיהל איך נישט, אַז מיר זאָל עפּיס פעהלען. איך בין מיט אַנ'אמת דאַנקבאַר דער פּראָווינץ פאַר איהר שטילקייט, פאַר דאָס, וואָס זי לאָזט מיך לאַנג און איינזאַם טראַכטען, אָבער אָהן דער שווערער איינזאַמקייט, וואָס איז שטענדיג אין די ענגע צימערן אויף דעם פינפטען שטאָק. מיר איז קיינמאָל נישט לאַנגווייליג, און שטענדיג איז דאָ איינער, מיט וועמען מען קאָן שמועסען, אויב עס ווילט זיך. ווען פלוצלינג אַמאָל כאַפּט זיך אויף אַ בענקשאַפט נאָך „איראָפּאַ“, נאָך דער „גרויסער וועלט“, געה איך דאַן צום וואָקזאַל און וואַרט איבער דעם קוריער-צוג, וואָס קומט פון קיעוו.

פאַרהאַן, פערשטעהט זיך, סעזאָנען. דאָס איז זומער. מיט די צוגען, וואָס קומען אָן עטליכע מאָל אַ טאָג, קעהרען זיך אום אונזערע עטליכע סטודענטען און אונזערע עטליכע קורסיסטקעס — ווער פון כאַרקאָוו, ווער פון קיעוו, מאָסקווע און פעטערבורג. די פּראָווינץ לעבט אָב. עס הויבען זיך אָן די לאַנגע שפּעטיגע שפּאַצירען אין שטאָדט-גאָרטען, נעבען טייך, נעבען דער שטאָדט-שול און זעמסקאַיאַ אופּראַוואַ. פון די גרויסע שטעדט קעהרט זיך אום די יוגענד לופט, נאָך פרישער עסען. מוטערס האָבען הנאה און ווילען, אַז די דערוואַקסענע קינדער זייערע — אויסגעהונגערטע, אויסגעדאַרטע — זאָלען טרינקען וואָס מעהר מילך. מען לאַכט, מען לויפט אַרום באָרוועס איבער'ן זאַמד און מען וויקעלט זיך אַרום מיט האַנטיכער, לייַלעכער, געהענדיג זיך באָדען. זומערדיגע פּאָעזיע פון אַ קליינער

פראָווינץ־שטאָדט, זומערדיגע פֿאַרנאַכט־פּאָעזיע, ווען דער שטויב פֿאַלט, און נעבען די גאַנקעס שפּילט מען אויף גיטאַרעס. זומערדיגער שעפּטשען זיך אין די טונקעלע אַלייען, ווען די האַרץ איז אָפֿען און זאָגט צו ליעבע אויף אייביג, אויף אייביג.

דערנאָך קומען אַרטיסטען... פֿון איין זייט גאַס רעדט מען זיך צונויף מיט דער אַנדערער זייט גאַס: „וואָס, איהר גֶעהט היינט אין טעאַטער?“ געווים גֶעהט מען קאָמפּאַניעסווייז און מען פֿיהלט זיך אַזוי גוט אין דעם הילצערנעם טעאַטער, אין דעם באַלאַגאַן.

אַזוי לויפֿט די צייט אין באָדען זיך, אין שיפֿען זיך, אין שפּאַצירען אויסערן שטאָדט, אין ליעדער, אין לאַנגע, לאַנגע מעשיות. און אַז מען גֶעהט פֿון טעאַטער, ווילט זיך נישט גֶעהן אַהיים, און מען זאָגט איינער צום צווייטען:

„לאָמיר גאָר גֶעהן אין פֿעלד“.

— אויף אַ גאַנצער נאַכט?

— פֿאַרוואָס טאַקע נישט אויף אַ גאַנצער נאַכט?...

דאָרט אין פֿעלד זעצט מען זיך אַלע אין אַ קרייזעל און מען דערמאָנט פֿון דאָס איבערגעלעבטע, מען דיספּוטירט. אָדער פּלוצלונג ווערט איינער נעלם, בעהאַלט זיך הינטער אַ בוים און שרעקט. לאַכט מען, שרייט מען: „אַאוּ, אַאוּ“.

אַזוי גֶעהט דורך די צייט... ביז צוויי קורסיסטינס, צוויי חבר'טעס, בעגעגענען זיך, און איינע זאָגט: „דו ווייסט, מאַרוסיע שרייבט, אַז זי פֿאָהרט שוין נאָך שבת קיין מאָסקווע; ווען פֿאָהרסטו?“

דער האַרבסט הויבט זיך אָן. אין עטליכע הייזער פּאַקט מען קערבלעך, טשעמאָדאַנעס. מען לויפֿט אָפֿט צום שניידער, מ'איז ערנסט פֿערטראָגען, און מיט דעם ערשטען אַראָבגעפֿאַלענעם פֿערוועלקטען בלאַט טראָגט זיך איבער דעם שטאָדט־טראַקט אַ דראָזשקע און פֿיהרט אָב די ערשטע קורסיסטין צום וואָקזאַל.

דעמאָלט קומען אָן די אומעטיגע, שווערע טעג פֿאַר דער, וואָס קען נישט פֿאָהרען. שוין עטליכע יאָהר, אַז זי קלייבט זיך, און קאָן אַלץ נישט. אַלע פֿאָהרען אַוועק, און זי מוז בלייבען. שפּעטער אַ ביסעל, מיט דעם ערשטען פֿראָסט, ווען זי דאָס

פֿערגעסען, נאָר איצט איז אַזוי שווער. זי וועט אַלעמען בעגלייטען צום וואָקזאַל, בעטען שרייבען, זי וועט לאַכען און לאַנג קושען זיך מיט די חבֿר'טעס. נאָר ביי דעם בעגלייטען די לעצטע קורסיסטין וועט זי זיך פֿאָרט נישט קענען איינהאַלטען און צעוויינען זיך.

אַהיים וועט זי געהן טרויעריג, דעם קאָפּ אַ ביסעל געבויגען און נעבען שטוב וועט זי זיך טרעפֿען מיט דעם העברעאישען לעהרער:

— איך האָב אייך געבראַכט דעם צוגעזאָגטען בוך, קומט אַריין אַ ביסעל זיצען, עפּיס אַזאַ אומעטיגער אָבענד.

האַרבסט אין דער פּראָווינץ. רעגענדיגע טעג, לאַנגע פֿינסטערע אָבענדען. פֿון אופּראַווע האָט מען פֿערזאָגט אָנצוצינדען די פֿיער גאַז־לאַמטערנעס.

צעבראכענע הערצער.

אויבֿ וואַנדערנדיג איבֿער דער גרויסער וועלט, פֿלעג איך מיך אָפֿט אין איינזאַמע רעיונות אַוועקטראָגען צו מיין ליעבֿער פראָווינץ, װאָ האַרבֿסט־צייט פֿיהל איך שטענדיג צו איהר אַ בעזונדער שטאַרקע בענקשאַפֿט. עפּיס ציהט, ציהט אַהין, און עס דערמאָנט זיך פֿיעל גוטס, ריהרענדס. צווישען ברייטע פֿרעמדע פֿעלדער ליגט זיך אַ יודיש שטעדטיל, און אין האַרבֿסט זעהט זי אויס אַזוי יתומ'דיג, ווי דער חודש אלול. יודען געהען אַרום פֿער'דאַג'עט, און יודישע מיידלעך טראַכֿטען וועגען דעם, וואָס זיי ווערען עלטער. און ווער וועט קומען אין אַזאַ פֿערוואָרפֿענעם, פֿערגעסענעם ווינקעל? מיט'ן זומער איז דאָך אַלץ, אַלץ אַוועק, אַלע ליעדער, אַלע האָפֿנונגען. שרייבען זיי דעמאָלט צו זייערע בעקאַנטע אַזוינע קליינע, שטילע, אומעטיגע בריעף. און די לעהרערין דאָרע נעחאַמקעס, וואָס קען אַמאָל אַזוי פֿרעהליך לאַכֿען, ניט קוקענדיג אויף איהרע 28 יאָהר און אויף איהרע דאָ און דאָרט דורכגעוואָרפֿענע גראָהע האָר, — אין אָט דער עלענדער צייט פֿערזינקט זי אין דער טיעפֿסטער, האָפֿנונגסלויזיגער מעלאַנכאָליע. איך וויים פֿאָראויס, אַז זי וועט מיך בעגעגענען, זיצענדיג איינגעוויקעלט אין איהר קאַשעמיר־שאַל, אויפ'ן טיש פֿאַר איהר צעשאָטענער טאַבאַק, צעריסענע הילזען. און זי, דאָרע נעחאַמקעס, וועט הוסטען, וואָרום זי פֿאָלגט ניט דעם דאָקטאָר, וואָס האָט איהר שטרענג פֿערזאָגט ניט צו רויכערן.

— איהר היט זיך גאָרניט, דאָרע, וועל איך בעמערקען.

זי וועט זיך אוננאַטירליך, אַ ביסעל אונאָנגענעהם צעלאַכֿען און נאָך מעהר אַרומוויקלען זיך מיט איהר שאַל.

איך וויים ניט, פֿאַרוואָס, נאָר ווען מיין רייזע־קאָרבֿ איז שוין געווען איינגעפּאַקט, האָבֿ איך נאָך אַמאָל איבערגעלייענט

איהר לעצטען בריעף, וואָס פון איהם הערט זיך דער ריח פון פערוועלקטע בלומען.

„איהר פרעגט, ווי מיר געהט? נאָר איך בין דאָך שוין אזא, אז דער בעסטער געשאַנק פון מזל וועט מיך ניט דערפרעהען. און אין שטעדטיל ביי אונז איז אַליץ, ווי פריהער. אַז איהר וועט קומען, וועט איהר זיך איבערצייגען, אַז אַליץ שטעהט אויף דעם זעלבען אָרט. און די מענשען זענען אויך דיזעלבע, נאָר נאָך מעהר איינגעבויגען, וואָרום עס שמייסט דער לאַנגווייליגער האַרבסט-רעגען. יאָ! אַליץ, ווי פריהער. פרענקעל קען זיך נאָך ניט ענטשליסען חתונה האָבען מיט פאָליע גינזבורג, כאָטש ער האָט שוין געדונגען אַ שענע וואוינונג. זעליגסאָן — אונזער האַמלעט — דערצעהלט וועגען זיין אונגליקליכער ליעבע, וואָס ציהט זיך שוין זיבען יאָהר, און אַז ער האָט זי ליעב, מעהר ווי פערציג טויזענד — ברידער; ער איז געוואָרען עלטער, ציינישער, אָבגעלאָזענער און, זיצענדיג אין דער געזעלשאַפט פון מיידלעך, רעדט ער וועגען זיין רעוומאַטיזם און וועגען דעם, אַז ניט לאַנג האָט איהם גאָר אָנגעהויבען שטעכען אין רעכטען אויער. פאַרהאַנען אויך אומעטיגע נייס. איהר געדענקט דעם הויבען טאָפאָל-בוים, אונזער קרוין פון שטאָדט, דעם וואונדערבאַרען טאָפאָל, וואָס מען פלעגט איהם זעהן פון דער וויטסטער שטרעקע? — האָט מען איהם אויסגעהאַקט היינטיגען האַרבסט. און וועמען וועלען איצט דערצעהלען זייערע סודות די יונגע פאָרלעך? און וואו וועט מען זיך זומער-לעב צונויפקלייבען זינגען אוקראַאינישע לידער? אין דעם זעלבען טאָג איז אויך געשטאָרבען לאָזער דער כלי-זמר. ער האָט 22 יאָהר געשפיעלט אויף דער פלייט אין שטאָדט-גאָרטען, אויף יודישע חתונות און אין אַדעל-קלוב. געשטאָרבען איז ער פון שווינדזוכט. סקעפטיקער זאָגען — פון הונגער. נאָר פאַרין טויט האָט זיך איהם פערוואָלט אַ פרישען שלייען. ער האָט צוגערופען די ווייב, די שטענדיג פערוויינטע יודינע, און צו איהר געזאָגט: „מיר האָט זיך עפּיס פערוואָלט אַ פרישען שלייען". ווי געפעלט איך אַזאַ שפּעטיגער פיינשמעקער? איהם איז אָבער נישט בעשערט געווען דער פערגעניגען. ווען מען האָט געכאַפּט דעם צאַפּעלדיגען

פיש, איז שוין לאַזער געווען אַנ'אויסגעצויגענער, מיט אַ פערשפיצטען נאָז, מיט דעם פערוואונדערטען, אַ ביסעל דערשראָקענעם אויסזעהן, וואָס פערלאָזט ניט דעם יודען אַפילו נאָך זיין טויט“.

אַזוי האָט געשריבען דאָרע נעחאַמקעס. און לייענענדיג דעם בריעף, האָב איך נאָך מעהר דערפיהלט אַ בענקשאַפט צו מיין שטעדטיל, איך האָב זיך נאָך מעהר געאַיילט צום וואָקזאַל.

יאָ, איך האָב טאַקע ליעב האַרבסט און אַלץ, וואָס איהם דערמאָנט. פאַרוואָס? איך האָב געקענט איינעם אַ רוסישען שריפטשטעלער, וואָס האָט ליעב געהאַט שפאַצירען איבערן בית-עלמין. קומענדיג אין אַ שטאָדט ערגיץ, פלעגט ער דעם ערשטען וויזיט אָבריכטען דער שטילער מלוכה פון שאָטענס. און לייט פלעגען מיינען, אַז ער איז געגאַנגען בעזוכען דעם קבר פון זיין געליעבטער, אָדער סתם פון זיינעם אַ נאָהענטען מענשען. געווים האָבען זיי אַ טעות געהאַט: ער האָט קיין כלה ניט געהאַט. דאָס איז געווען אַ ביסעל אַן אומעטיגער, מיעדער שריפטשטעלער, און נאָהענט איז איהם געווען אַלץ, וואָס וועלקט, נאָהענט איז איהם געווען דער האַרבסט.

* * *

און אָט בין איך שוין ביים וואָקזאַל פון מיין קליינער קרייז-שטאָדט. אויפ'ן הויף וואַרט שוין אַלץ דער זעלבער וועלוויל דער בעל-עגלה מיט זיין זעלבען דאַרען הינקענדיגען פערדיל. וועלוויל איז אַ יורד. ער האָט געהאַט אַמאָל אַ גוטען פאַעטאָן מיט אַ גוטע פאָר פערד. וועגען די גוטע צייטען האָט ער ליעב אָפט דערצעהלען און שעמט זיך שטאַרק דעריבער, וואָס ער איז געקומען צו אַזאַ מעמד. איך וויס, אַז קיין זאַך וועט ניט פערשאַפען פערגעניגען וועלווילין, ווי דאָס, ווען איך וועל איהם בעטען פאָהרען פאַמעליכער, ניט אַיילען זיך. צייט איז דאָ. וועלוויל וועט זיך כלומרשט בעטען לאָזען איהם טרייבען, וואָרום ער האָט ליעב פאָהרען, אַז די ערד זאָל ציטערן. איהר פיהרט אָבער דעם אָנשטעל ווייטער. וועלוויל גיט זיך אונטער, און דעמאָלט קומט אויס, אַז מיר פאָהרען אַזוי פאַמעליך ניט הערפאַר, ווייל דער פערד הינקט, נאָר ווייל איך האָב געצוואונגען. ער

האָט דאָס בפירוש ניט געוואָלט, נאָר אַז דעם פּאַני איז דאָס ליעב, טאָ פאַרוואָס ניט? און וועלוויל קערט זיך אום צו מיר מיטן פּנים און דערצעהלט וועגן דעם נייעם היזק, וואָס די שטעדטיל האָט געליטען. די בריגאַדע סאָלדאַטען האָט מען איבערגעפיהרט אין אַנאַנדער שטאָדט ערגיץ אין פּאָדאָלייער גובערניע, טאַקע אָט דאָ ניט לאַנג איבערגעפיהרט. עס איז געוואָרען אַזוי ווי פּוסט, אין די געשעפטען לייזט מען ווייניגער, און אַ סך דירות זענען ליידיג. דערפאַר אָבער האָבען זיי זיך, די אָפיצערען, מיט אַלעמען פיין צעצאָהלט; קיינעם, חלילה, ניט געבליבען שולדיג. נאָר וואָס דען? אַ יודישע מיידעל האָבען זיי מיט זיך פערפיהרט, נאָטע דעם בודאָטשניקס מיידעל. האָט מען דאָך אָבער וועגען איהר שוין לאַנג אין שטאָדט גערעדט....

פאָהרען מיר איבער די ברייטע און שמאָלע גאַסען. עס איז שוין פאַרנאַכט. די געשעפטען זענען געשלאָסען. נעבען דעם טאַבאַק-געשעפט שטעהען אַ גרופּע יודען. און צו מיר דערגרייכען עטליכע ווערטער:

— איך מיין, וואָס דאַרף מען דאָ רעדען? אַז פעלדמאַן האָט געקענט באַנקראָטירען, איז די גאַנצע וועלט פערפאַלען.

און איך טרעט אַריין אין דער אַטמאָספער פון יודישער אונזיכערקייט און ווער אויך דורכגעדרונגען מיט דעם געדאַנק, אַז די וועלט איז טאַקע ניט זיכער, ווען אפילו פעלדמאַן, דער אַזוי פעסטער גביר, האָט באַנקראָטירט.

אין מיין שטעדטיל האָב איך ליעב קומען פּלוצלונג און פאַרנאַכט. איך האָב ליעב, ווען מיין אַלטינקע מוטער, אַ ביסעל אַ קורציכטיגע, דערקענט מיך ניט. דערנאָך, ציטערנדיג נעהמט זי מיך אַרום, און איהרע טרוקענע ליפּען אין קנייטשען שעפּטשען שטיל: „ווי זשע טאַקע שרייבט מען ניט אַ וואָרט, אַז מקומט? אַך! ווי זשע טאַקע שרייבט מען ניט? אַזוי אונגעריכטערהייד!“ באַלד אָבער כאַפּט זי זיך, אַז די לעצטע טעג האָט איהר די האַרץ עפּיס געקלעמט, געזאָגט. און איבערקלייבענדיג אין אַלמער, האָט זי אַלטונג געגעבען אויף דעם סלאָי קאַרשען-וואַרעניע, צי איז ער ניט פערצוקערט געוואָרען, וואָרום דאָס איז דאָך מיין וואַרעניע, איך האָב דאָך אַזוי ליעב קאַרשען...

און בעגלייט דורך די שטילע טריט פון מיין מאמען, געה איך אריין אין דעם ברייטען ליכטיגען עס-צימער. איך דערפיהל די פרומע אינטימקייט. אויף זייער ארט שטעהען אלטע, אלטע זאכען: א פאר שענע לייכטער, אנאלמער בעכער נאך פון דעם עלטער-זיידען און א וואנט-זייגער, וואס קלאפט אמת הייזעריג, נאר מיט האפנונג דאך, מיט מונטערקייט. און אין דעם אונערמידליכען „טיק-טאק" הער איך, ווי עמיצער זאגט: נישקשה, מיר וועלען זיך נאך האלטען. אמת, אלט זענען מיר, אבער פון אמאליגען שטארקען דור. מיר וועלען זיך נאך האלטען". יא, יא: אלטע זייגערס און אלטע יודען פיהלען זיך נאך פעסט. נאר פארוואסזשע זענען די יונגע אזוי אין זיך ניט זיכער, אזוי פערצווייפעלט, פערטרויערט?

איך שטעה אין מיטען צימער, נאך א מיעדער פון וועג. און זכרונות פון אמאל וואכען אויף. מיר איז אנגענעהם וואס לענגער פערברענגען אין דעם דאזיגען איינציגען גן-עדן, וואס פון איהם קאן מען אונז ניט פערטרייבען, אין דעם גן-עדן פון זכרונות. דאס איז געווען אזוי לאנג, גאר, גאר אמאל. פון קליינעם חדר-יונגעל און גרויסען שטיפער, נאר גוטען קאפ איז אויסגעוואקסען א מיעדער יודישער אינטעליגענט, א וואנדערער, א צעבראכענע הארץ. איינמאל אין דריי אדער פיער יאהר קומט ער צו זיך אין שטעדטיל; בעזוכט זיינע אלטע פריינד און פריינדינס און האט ליעב צו זיצען שעה'ן-לאנג שווייגענדיג נעבען זיין אלטער מוטער. דער שווייגען מיינער טוט איהר באנג, זי טראכט: פערפרעמדט געווארען, אבגעזונדערט, א פויגעל ווייט ארומגעפלויגען און ניט דערקענט די נעסט. זיפצט זי, ווען איך בין אין צווייטען צימער. און איינמאל פארנאכט האט זי זיך פארכט ניט איינגעהאלטען און געזאגט:

„איך האב געהערט, מיין זוהן, אז דו ביזט א רעדנער, אז דו שרייבסט אין צייטונגען. מען זאגט, אז דו רעדסט אפט פאר א סך מענשען. פאר אלעמען, מיין זוהן, רעדסטו, נאר אז דו קומסט אהיים, שווייגסטו. די מוטער אבער וואלט אויך אמאל וועלען עפיס הערען, זאלסט מיט איהר רעדען, זאלסט עפיס דערצעהלען, — און דו שווייגסט, יא!".

מיך האָט אַזוי פֿערדראָסען. און שטענדיג פֿערדריסט מיך, וואָס איך האָב ניט בעת מעשה די נויטיגע ווערטער, אום צו דערקלערען, אַז מיר שווייגען שטענדיג, ווען מיר זענען צו טיעף געריהרט, ווען מיר וויגען זיך אויף די שטילע כוואַליעס פון אַלטע, אַלטע זכרונות.

* * *

און דער לאַנגווייליגער האַרבסט־רעגען הערט ניט אויף. ביי־נאַכט קלאַפט ער אין די פֿענסטער. אין אַזאַ פֿינסטערן, רעגענדיגען טאָג האָט מאַדאַנע האָרוויץ געזאָגט „יאָ“ דעם אַפּטייקער, וואָס אַלע אין שטאָדט לאַכען פון איהם. וואונדערט מען זיך, מען קען דאָס גאָרניט פֿערשטעהן, ווי אַזוי? אַנדערע שאָקלען צו מיט׳ן קאָפּ און בעדויערען פֿריינדליך. נאָר וואָס איז דאָ ניט צו פֿערשטעהן? זי האָט שוין איבערגעלייענט אַלע ביכער פון ביבליאָטעק, זי איז שוין פיעל אַרומגעפֿאָהרען, פיעל דורכגעלעבט, זי האָט לאַנג, לאַנג געקליבען. נאָר אָט אין אַזאַ וואָלקענדיגען פֿריהמאָרגען איז זי צוגעגאַנגען צום שפּיגעל, בעקוקט דעם בלאַסען פּנים, דערמאָנט זיך, ווי שלעכט עס ענדיגען די, וואָס וואַרטען לאַנג, און אויך, אַז דער אַפּטייקער איז גאָרניט אַזאַ, וואָס מען זאָל דאַרפֿען פון איהם לאַכען, און אַז... פֿאַרנאַכט איז שוין דער גרויסער צימער געווען שטאַרק בעלויכטען, מען האָט געשריבען תנאים, און מאַדאַנעס מוטער האָט געזאָגט איהר שכנטע: „איהר זאָלט דערלעבען זעהן נחת ביי אייערע קינדער...“

יודישע מיידלעך דאַרפֿען חתונה האָבען. און יודישע מיידלעך פון די קליינע פּראָווינץ־שטעדטלעך דאַרפֿען געוויס חתונה האָבען. און איך פֿערשטעה זעהר גוט מיין מוהמע, וועלכע איז געקומען צו מיר איבעררעדען וועגען איהר טאָכטער, די מאָדנעביילקע מיט די לאַנגע, שווערע צעפּ. זי וויל, די מוהמע, אַז איך זאָל דערקלערען ביילקען, אַז עס מוז דאָך נעהמען אַ סוף. עס ציהט זיך שוין זעקס יאָהר די געשיכטע. ער, דער זייגערמאַכער, האָט זי ליעב, צעהלט איהרע טריט. ער זיצט אָב גאַנצע נעכט,

און זי קוקט אין בוך און שווייגט. זי, די מוהמע, האָט שוין ניט לאַנג געפֿרעגט ביי איהם, וואָס טראַכט ער. האָט ער אַוועקגעלעגט דעם זייגער אָן אַ זייט און געזאָגט: איך האָב אייער ביילקען ליעב, און אַז ניט זי, קען איך וואַרטען ביז פֿופֿציג יאָהר, קען איך גאָרניט חתונה האָבען. פֿרעגט זי איהם טאַקע נאָך אַמאָל, אודאי האָט זי צו איהם גאָרניט, ער געפֿעלט איהר, נאָר וויבאַלד אַז ער זעהט, אַז ניט, דאַרף ער דאָך אויפֿהערען געהן, דאַרף ער דאָך ניט זיצען אַזוי ביז שפּעט אין דער נאַכט. לעגט ער ווידער אַוועק דעם זייגער אָן אַ זייט און זאָגט: זי האָט דאָך שוין געהערט, אַז ער האָט ביילקען ליעב, און ביז וואַנען זי טרייבט איהם ניט, וועט ער זיצען.

געוויס, געוויס וועט ער זיצען, דער אונגליקליכער זייגערמאַכער, אין איהר קליינינקען וויבערן צימער. ער וועט זיצען מיט אַנאַראָבגעלאָזענעם קאָפּ, בלעטערנדיג דעם אַלבום פֿון אָנזיכטסקאַרטען. און זי וועט זיך שטעלען צום פֿענסטער, קלאַפּען מיט די פֿינגער און שטיל ברומען אַ ליעד פֿון דעם ליריקער נאַדסאָן.

ביילקע האָט ליעב נאַדסאָנ׳ען...

און אַ מאָדנע, מאָדנע שטאָדט איז אונזערע. אַזוי פֿיעל געראָטענע, שענע מיידלעך, נאָר מיט אַזאַ שלעכטען מזל. געקומען איז דאָס דערפֿון, וואָס זיי האָבען צופֿיעל פֿאַנטאַזירט, צופֿיעל פֿערלאָזען זיך אויף דער צוקונפֿט און ניט געדענקט וועגען דעם, וואָס יעדער יודישע מיידעל מוז געדענקען. און אַלע זענען זיי איצט ווי די פֿערוואונדעטע ים־פֿויגלען מיט אונטערגעשאָסענע פֿליגלען. וואָס איז געוואָרען פֿון די אַלע, וואָס האָבען אַמאָל אַזוי געבליהט? אָט די פֿאַניע, וועלכע איז בעשאַפֿען געוואָרען פֿאַר ליעדער, גליק, ליעבע, די פֿרעהליכע פֿאַניע, מיט די לאַכעדיגע אויגען, איז אַוועקגעפֿאָהרען אין כאַרקאָוו שטודירען. זי האָט ניט געוואוסט גרינדליך, צוליעב וואָס, צוליעב ווען, נאָר עס איז דאַן אַזאַ צייט געווען, ווען אין דער היים זיצען האָט זיך ניט געוואָלט. עס איז אויך אַזאַ צייט געווען, ווען אַ סטודענט מיט לאַנגע האָר פֿלעגט צוגעהן ערגיץ אין גאַס צו אַ סטודענטין מיט אַ מודות־פֿולער מינע און איבערגעבען וואָס בעהאַלטען: אַ ביכעל, אַ צייטונג אַנ׳אונלעגאַלע. און פֿאַניע האָט אַזאַ צייטונג גענומען

און זי ווייס אַליין ניט, וואָס איז דאָס געווען — עפּיס ווי אַ חלום — זי געדענקט נאָר אַ נערוועזען קלינגען ביי־נאַכט... שפּאָרען... אַ סך זשאַנדאַרמען... זי געדענקט, ווי מען האָט זי געפיהרט איבער טורמעס, און אַז נאָך אַ לאַנגען, לאַנגען וואַנדערן האָט מען זי איבערגעלאָזען אין אַ פערוואָרפענעם דערפיל אין ווייטען סיביר. אַזוי ווייט פון דער היים, אַזוי קאַלט, ביטערליך איינזאַם. זאָל קומען ווער עס וויל, אָבער קומען זאָל ער. און אַז אַ קריסטליכער אַרבייטער ערגיץ פון טאַמבאָוו איז אויך פערשיקט געוואָרען אַהין, אין דעם זעלבען דאָרף, האָט זיך פאַניע דערפרעהט און אַוועקגעגעבען די גאַנצע יוגענד.

איצט אַז זי געדהט איבער'ן גאַס מיט איהם, דעם גרויסען, געזונטען גוי, זי, אַזאַ צאַרטע, און ער, אַזאַ אונגעלומפּערטער, אַזאַ גרויסער, בעהאַלטען זיך יודען און יודינעס פון צער. וואָרום פאַניען האָט מען ליעב געהאַט, און זי איז אונגליקליך. זי האָט ניט לאַנג אַזוי געוויינט און צימער ביי איהר חברטע און דערצעהלט: אַז זי ווייס ניט, ווי דאָס איז אַליך פאָרגעקומען, אַז זי האָט איהם ניט ליעב; אַז ער איז פאַר איהר פרעמד, אַזוי פרעמד; און אַז זי איז ניט שולדיג, וואָרום דאָס איז געווען אין סיביר, אין אַ קאַלטען, פערוואָרפענעם דערפיל, און ער, דער טאַמבאָווער אַרבייטער, איז געווען דער איינציגער.

און וויפיעל נאָך צעבראָכענע הערצער. ביים עק שטאָדט, אין אַ ווינקעל נעבען די אָרימע הייזען פון אָרימע פויערים, שטעהט אַ קליינע קרעמיל. זי געהערט גבריאל פעוזנער'ן, וואָס האָט געשפּיעלט אַזאַ ראָלע, געפיהרט גרויסע געשעפטען, און זיין עלטערע טאָכטער האָט געשפּיעלט פּיאַנאָ. ער, גבריאל פעוזנער, איז געוואָרען אָרים, ניט פּלוצלונג, נאָר ביסלעכווייז געקומען צו דער מדרגה פון אַנ'אָרימאַן, פון אַ ביטערן קבצן. אַזוי שטיל. אַזוי אונבעמערקט איז ער פעראָרימט געוואָרען. שטיל האָט ער זיך אָבגערוקט אָן אַ זייט. און אַהיים קען מען איהם זעהן געהענדיג ניט מיט דעם טראָטואַר, נאָר מיט'ן ברייטען שליאַך, וואָס פיהרט אין פעלד אַריין. עס רוקען זיך פאַמעליך פוהרען, און הינטער זיי געהט, פערלעגט איין האַנד אויפ'ן רוקען, דער איינגעבויגענער, פריהצייטיג גראָהער פעוזנער. צוגעהענדיג צום קרעמיל, וועט ער

שטיל, טיף אַ זיפֿץ טון, קוקנדיג אויף דער עלטערער טאָכטער, וואָס זיצט אויף די טרעפּ פֿון קראָם מיט אַנ'אײַנגעהילטען פּנים. זי שעמט זיך אי דערפֿאַר, וואָס זי איז אָרים, אי דערפֿאַר, וואָס זי איז אַלט.

מענשען זענען דאָך אַ ביסעל צו האַרט און ווילען ניט געדענקען, אַז דאַניע פּעוזנער איז געווען אַמאָל פֿון די ערשטע אין שטאָדט, און אַז זי האָט אַמאָל ליעב געהאַט זעהר אַנ'ערנסטער מענש. אַך! מענשען האָבען דאָך אַזאַ שלעכטען זכרון...

נאָר אויף קײנעם טוט ניט אַזוי וועה די האַרץ, ווי אויף סאָניען. באמת אַ רײצענדער עקזעמפּלאַר. איך פֿערשטעה זעהר גוט דעם פּאָעט, וואָס האָט ליעדער פֿערפֿאַסט לכּבוד דער קלײנינקער פֿרוי. פֿאַרהאַן עפּיס אַ בעזונדער שענקייט אין אָט דער גראַציע פֿון אַ מיניאַטור־בעשעפֿעניש, מיט דערשראָקענע, אַ ביסעל אומעטיגע אויגען, ווי ביי אַ גאַזעל. איך פֿלעג מיך שטענדיג וואונדערן, ווי קומט דאָס אַהער צו אונז, אין אַנ'אײַנפֿאַכער, כּמעט דאָרפֿישער פֿאַמיליע, אַזאַ סאָניע, וועלכע איז פּונקט ווי אַראָבגענומען פֿון באָטיטשעלי'ס אַ פֿרויען־גרופּע. וויפֿיעל מאָל האָט זיך געדוכט, אַז זעהר שלעכטע מענשען האָבען גענומען אַ צאַרטע פֿלאַנצונג פֿון אַ ווייטען, וואַרימען לאַנד און איבערגעטראָגען אויף אונזער קאַלטען באָדען. פֿרירט זי און בענקט נאָך איהר וואַרימער, זינגענדיגער הײם.

זי האָט געלעבט אין איהר בעזונדער, פֿערשלאָסענער וועלט, אין וועלט פֿון פֿאַנטאַזיעס און חלומות. אַ סך געטראַכט האָט אָט די סאָניע, און וועגען וואָס, האָט קײנער ניט געוואוסט. נאָר ווען עמיצער פֿלעגט דערצעהלען שענע מעשיות, וואו עס נעהמען אָנטייל העלדען, גרויסע פּערזענליכקייטען, פֿלעגט זי זיך צורוקען אַ ביסעל נעהענטער, אונטערהאַלטען מיט איהר קלײנער האַנד די באַק און בעטען: דערצעהלט עפּיס נאָך.

און דעריבער, ווען מאַקס אַגראַנאָוויטש האָט געוואָלט געווינען די האַרץ פֿון סאָניען, האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר אַ העלד, וואָס איהם יאָגט די געפֿאַהר. ער איז אַ גרויסער רעוואָלוציאָנער. אַפֿילו פֿאַר איהר קען ער ניט אויסזאָגען זיין אמת'ען נאָמען. ער בעט זי וועגען קיין זאַך ניט פֿרעגען: פֿון וואַנען ער

איז אַהער געקומען, ווער ער איז. מאַקס אַגראַנאָוויטש האָט געוואוסט דעם סוד פֿון בעצויבערן. ער פֿלעגט לייב האָבען פּלוצלונג איבערהאַקען זיין ערצעהלונג, אין דער פּאַסענדיגער מינוט ווערען צעשטרייט. אַמאָל איז ער געווען כמורנע, ברוגז, און אַמאָל פֿערקעהרט, אַזוי רידהרענד, צאַרט גלעטען סאָניע'ן איבער איהר שענעם קאָפּ. ער האָט אָנגעווענדט אַלע עפֿעקטען פֿון די „רעטענישפֿולע נאַטורען".

זיין ראָלע האָט ער געשפּיעלט גוט ביז דער צייט, ווען דורך אַ צופֿאַל האָט מען זיך דערוואוסט, אַז דער סודות-פֿולער, טראַגישער העלד איז גאָר אַ פֿערטריבענער וואָיאַזשאָר, און אַז אין פֿיעל יודישע שטעדטלעך זענען דאָ זיינע קרבנות.

סאָניע האָט ניט געוויינט. איהרע אויגען זענען נאָך אומעטיגער געוואָרען, נאָך מעהר דערשראָקען, און זי האָט זיך אינגאַנצען אַזוי ווי צונויפֿגעקליבען און פֿערשלאָסען אין דער שטילער מלוכה פֿון שווייגען.

נאָר די מוטער, פֿיהלענדיג, אַז איהר טאָכטער ליידט שטאַרק, און ניט וויסענדיג, ווי אַזוי צוצוגעהן צו איהר, ווי אַזוי צו רעדען, האָט בעגעגענט איינמאָל דעם יונגען דאָקטאָר און געזאָגט:

— איך וואָלט אייך בעטען אַריינגעהן צו אונז. עפּיס איז מיין סאָניע גאָר אַנ'אַנדערע געוואָרען, גאָר, גאָר אַנ'אַנדערע.

דער יונגער דאָקטאָר איז געקומען, לאַנג געהאַלטען איהר האַנד, קוקענדיג אויף דעם זייגער. סאָניע האָט טרויעריג געשמייכעלט און אויף קיין פֿאַל ניט געוואָלט פֿאָהרען אין קרים. זי פֿיהלט זיך, זאָגט זי, גאָר גוט, אַ מאַמען דוכט זיך אַלץ.

דער דאָקטאָר אָבער האָט ניט מסכים געווען און פֿאַר'ן אָבשייד נעהמען איבערגע'חזר'ט:

— דאָך וואָלט איך אייך ניט ראָטען בלייבען דאָ אין האַרבסט. פֿאָלגט מיך, פֿאָהרט אין קרים — איז אַ סך זון און דער ים...

* *
*

אַ מאָדנע, מאָדנע שטאָדט איז אונזערע. אַזוי פֿיעל שענע נשמות, אַזוינע צאַרטע, נאָר עפּיס אָהן מזל. אַזוי פֿלעגט מען

אָפּט זאָגן, דערמאָנענדיג זיך אָן סאָני׳ען און די אַנדערע, וואָס זיי האָט אַזוי ניט געגליקט אין לעבן.

אין וועגן די אונגליקליכע מיידלעך האָב איך אויך געטראַכט אין אָט דער פֿינסטערער האַרבסט-נאַכט. הינטער די פֿענסטער ווייניט דער ווינט, און מיר דוכט, אַז דאָס ווייגען צעבראָכענע הערצער. און עס האָט זיך אַזוי געוואָלט געפֿינען דעם שולדיגען, וואָס זאָל קאָנען אויף זיך נעהמען די גאַנצע אַחריות. עס מוז דאָך, עס מוז דאָך ניט אַנדערש זיין אַ שולדיגער, האָב איך געטראַכט.

מיינע געדאַנקען האָט איבערגעהאַקט דער קלאַפּען אין טיר. און באַלד נאָכדעם איז אַריין מיין אַלטער חבֿר צלאל פֿינקעלשטיין. אויך אַ האַרבסט-מענש, נאָר אַן׳עלטער דזשענטעלמען. ער פֿלעגט מיר אַלעמאָל דערמאָנען דעם פֿאָרנעהמען שפּיעלער, וואָס האָט אָקאָרשט פֿערלאָרען זיין גאַנצען פֿערמעגען, נאָר אויפֿהויבענדיג זיך פֿונ׳ם גרינעם טיש, האָט ער געשמייכעלט און איז דורכגעגאַנגען שטיל צווישען די רייהען פֿערוואונדערטע, פּונקט ווי עס איז גאָרנישט ניט פֿאָרגעקומען.

— וואונדער זיך ניט — האָט ער געזאָגט — וואָס איך בין געקומען אַזוי שפּעט. וואונדערבאַרע זאַכען קומען פֿאָר. איך זיץ אין איין עק שטאָדט, און דו אין דעם אַנדערן, און מיר טראַכטען וועגען איין און דערזעלבער זאַך. און געקומען בין איך צו דיר טאַקע פֿרעגען: איז דיר אַריינגעפֿאַלען אַמאָל אַ געדאַנק, אַז מיר זענען נאַרען איך און דו? פֿערשטעהסטו, פּשוט׳ע נאַרען, שלימזל׳ניקעס, לא יוצלח׳ס, און אַז מיר פֿערדיענען, מען זאָל פֿון אונז לאַכען, ווי מען לאַכט פֿון דעם מענשען, וואָס האָט זיך דעם גאַנצען לעבען געאיילט, און פֿערשפּעטיגט. אין יעדער מיידעל פֿון די פֿיעל, וואָס וועגען זיי האָסטו געטראַכט איינזאַם, און איך אויך, זענען מיר געווען פֿערליעבט, אין פֿערשיידענע צייטען, אַמאָל איך און אַמאָל דו. נעבען דעם קליינעם טייך, וואָס פֿון איהם טראָגט זיך אַ גראָהער נעפּיל, אויף די טרעפּ פֿון קלויסטער, אין די הויכע גראָזען פֿון וועלדיל זענען מיר געזעסען און גערעדט וועגען זיי. ביי אונז איז אַפֿילו געווען איין שפּראַך. אַמאָל דו און אַמאָל איך פֿלעגען שטיל זאָגען: יאָ, אָט די מיידעל קען טאַקע גליקליך מאַכען אַ מענשען. מיר האָבען געחלומ׳ט, ווי גימ-

נאַזיסטען בײַ דער שײַן פֿון דער לבֿנה, — און אונזערע שענע מײדלעך זענען זיך צעפֿלויגען, צעפֿאָהרען איבער די שטעדט, און דאָרט האָבען זײ צעכאַפּט גרוזינער, טאַמבאָווער אַרבײטער, קלײניניקע און גרויסע סאַנינס, טאַלאַנטלויזע קינסטלער.

מיט אונזערע טײערע, שענע יודישע מײדלעך פֿון אונזער שטעדטיל האָבען מיר אַזוי פֿיעל, אַזוי לאַנג פֿערבראַכט, געפֿיהרט לאַנגע דיספּוטען, דעקלאַמירט פֿערשײדענע פּאָעטען, גערעדט וועגען אידעאַלען — און די עטליכע נויטיגע ווערטער, וואָס מיר האָבען געהאַט רעכט זײ צו זאָגען, האָבען געזאָגט אַנדערע, דאָרט אין דער גרויסער שטאָדט, געזאָגט אָהן געפֿיהל, מיט אַפֿענער חוצפּה פֿון געשיקטע יעגער. איך בין אַ ביסעל אויפֿגערעגט הײַנט, איך ווײס ניט אַלײן פֿאַרוואָס. נאָר דאָס איז דאָך אַן אמת, אַז מיר זענען ענליך אַ ביסעל צו די צווײ גאָרטען־וועכטער, וואָס האָבען זיך פֿערקליבען אין אַ ווינקעלע און מיט בעגײסטערונג, ליעבע איבערדערצעהלט די מעלות פֿון יעדען בוימעל, די שענקײט פֿון יעדען בלימעל. אַך, נאַרען! זײ האָבען גאָרניט בעמערקט, אַז אין דערזעלבער צײט שטעהען אין העררליכען גאָרטען קלוגע פּאַרשוינען און צעטרעטען איהם און רײסען אַראָב אַלע בלומען. איך בין הײַנט מאָדנע אויפֿגערעגט, שולדיג איז דער פֿערשאָלטענער רעגען, וואָס פּאַטשט איבער די פֿענסטער. נאָר גענוג... איך בין נאָר אַרײַן דיר דאָס זאָגען. וואָרום זיצענדיג בײַ זיך אין צימער, האָב איך געפֿיהלט, אַז דו טראַכסט אויך וועגען דאָסזעלבע. האָט זיך מיר שטאַרק פֿערוואָלט פֿרעגען דאָס, וואָס איך האָב געפֿרעגט, און מעהר גאָרניט. אַ גוטע נאַכט.

מיט די ווערטער איז צלאל אַרויס. איך האָב שטיל פֿערמאַכט נאָך איהם די טיר. און ווען ער האָט געשפּאַנט צו זיך אַהײם, האָב איך נאָך אַלץ געשאָקעלט אײַנשטימיג מײַן קאָפּ, און די ליפּען האָבען ניט ווילענדיג געשעפּטשעט:

— דו ביזט גערעכט, מײַן אַלטער צלאל, דו ביזט זעהר גערעכט....

אלול.

און אָפֿט, אָפֿט טראַכט זיך, אַז די נשמות פֿון די מענשען, נאָך פֿון זייער געבוירען־טאָג אָן, צעטיילען זיך, פֿליהען זיך פֿונאַנדער אין פֿערשיידענע ערטער: איינע אין די, וואו עס הערשט דער פֿריהלינג מיט זיין גאַנצער פּראַכט, מיט זיין קלינגען, זינגען, מיט דעם גרויסען גאָרטען בלומען, מיט דעם שענעם קעניגרייך פֿון בליהונגען און פֿלאַנצונגען; און אַנדערע זוכען אויס די ערטער, וואו עס הערשט דער האַרבסט מיט זיין מעלאַנכאָליע, מיט די בערג פֿערוועלקטע בלעטער, מיט די קאַלטע, טרויעריגע ווינטלעך, מיט די פֿון וואָלקענס אָנגעצויגענע הימלען, מיט דער טיעפֿער, אונגעוועהנליך טיעפֿער פּאָעזיע, וואָס הענגט אויף די בוימער, ווען זיי שטעהען בעפּוצט אין אַלטע, גאָלדענע בלעטער דאָרט אין דעם גרויסען, געדיכטען וואַלד, נישט ווייט פֿון שאָסיי.

און קיינמאָל וועלען זיי זיך ניט קאָנען צונויפֿרעדען, אָט די פֿרעמדע נשמות: די, וואָס גאַרט נאָך דעם פֿריהלינג, און די, וואָס גאַרט נאָך האַרבסט. דאָס איז דאָך אַ בעשערטע זאַך, אַ זאַך פֿון געבוירען־אָן. עס זענען דאָך פֿאַראַן מענשען, וועלכע לעבען, פֿיהלען זיך גוט נור אין דעם פֿרעהליכען פֿריהלינג און אין די זומער־חדשים, נאָר אין דער צייט זענען זיי פֿעהיג צו טראַכטען, צו פֿיהלען; עפּיס זינגט דאָרט ביי זיי אינעווייניג, און אַלץ בעסטעס, ערהויבענעס אין זייער אינעווייניגסטען לעבען געהערט אָט דער צייט. זיי זענען עהנליך צו די פֿריהצייטיגע בלומען, וועלכע וויקלען פֿונאַנדער זייערע בלעטעלעך און שענקען מיט פֿערגעניגען זייער ריח נאָר אין פֿריהלינג. און, פֿערקעהרט, עס זענען דאָך פֿאַראַן אַזוינע, וועמענס נשמה בליהט אויף גראָד אין די מרה־שחורה'דיגע, וואָלקענדיגע טעג. זיי האָבען אַזוי ליעב דעם טרוקענעם האַרבסט. די בוימער שושקען זיך, די גאַנצע נאַטור איז דורכגעדרונגען מיט דעם געפֿיהל

פֿון אַ מין אחריות. אַלץ איז אַזוי ערנסט און אַזוי אײַנגעהאַל־טען־טרויעריג.

עס איז דאָך באמת, ווי ווען עס געפֿעלט. מיין חבר האָט ליעב היינע׳ן אין זיינע גאָלדענע טעג, ווען ער איז גע־ווען ענהליך צו אַ יונגען העלען, מיט אַ לאָרבער־קראַנץ אויף זיין שענעם קאָפּ, ווען ער האָט געשפּיעלט מיט געטער, און דער וויץ זיינער איז געווען אַזוי זאַפֿטיג, געשמאַק, ווי דער דורכזיכ־טיגער ריינער וויין. איך קען אָבער נאָך איינעם, וועלכער האָט ליעב אַנ׳אַנדער היינע׳ן — דעם היינע׳ן פֿון די לעצטע יאָהרען, ווען דער וויץ האָט ניט בלויז געשפּיעלט, נאָר איז געווען דורכ־געדרונגען מיט דער טיעפֿקייט פֿון שפּעטיגען האַרבסט; דעם היינע׳ן, וועלכער האָט זיך געבעטען, מ׳זאָל איהם אַוועקטראָגען אין פּאַריזער „לובר״, כדי ער זאָל נאָך איין מאָל, און דעם לעצ־טען, זעהן די געטליכע סטאַטוע. און ער פֿאַלט־אַנידער פֿאַר איהר, כאַפּט זי אַרום מיט די שוואַכע, דאַרע הענד, וויינט מיט די טרערען פֿון אַ שטאַרק ליידענדען, פֿון אַ שטאַרק בענקענ־דען, און זי, די פֿרוי פֿון מילאָ, קוקט אויף איהם מיט איהרע געטליכע אומעטיגע אויגען, פּונקט ווי זי וואָלט זאָגען: „ליעבער, ליעבער הענרי, איך וואָלט דיר אַזוי שטאַרק וועלען העלפֿען, נאָר וואָס קאָן איך טון, דו זעהסט דאָך אַליין — איך בין אָהן הענד״...

דעם יודען דאַרף דער האַרבסט בעזונדערס נאָהענט זיין, וואָ־רום דאָס יודישע פֿאָלק איז דאָך דער עלטסטער צווייג אויף דעם אַלטען בוים, וואָס מיר רופֿען אָן: די מענשהייט. אַ פֿאָלק מיט אַ פֿערגאַנגענהייט, אַ פֿאָלק מיט זכרונות, אַ פֿאָלק, וואָס איבער איהם זענען דורכגעגאַנגען אַזוי פֿיעל צייטען — קאָן זיין דורכ־געדרונגען מיט האַרבסט־מאָטיווען, וואָס אין זיי הערט זיך אי דער שטילער קלאָגען פֿון דער פֿערוועלקונג, אי די גרויע זאָרג, אי דער וועהטאָג, די ערפֿאַהרונג, דאָס איבערגעלעבטע.

און דעם יודישען פּאָעט בעט איך, ער זאָל נעהמען די האַרבסט־האַרף. און זינגען זאָל ער מיר וועגען אַנ׳אַלטען פֿאָלק, וואָס בויגט זיך שוין פֿון אַלטקייט; זאָל ער זינגען וועגען דער אַלטער שול, וועלכע ווערט חרוב און וועגען דעם איין־איינציגען

גרויסען רבֿ, וואָס איז ערגיץ פֿערבליבען; זאָל ער זינגען הינגען דעם, וואָס וועלקט, געדט אונטער און איז דאָך אַזוי שיין — און פֿון חודש אלול...

איך האָב ליעב מעהר פֿון אַלע חדשים אָט דעם חודש אלול, דעם פֿאָרשפּיעל צו די ימים־נוראים, ווען דער יודישער גייסט פּייניגט זיך אַזוי. איך האָב זיי ליעב, אָט די פּשוטע, דוכט זיך, וואָכעדיגע, טעג מעהר, איידער די יום־טובֿים. אין די אלול־טעג איז דאָ אַזוי פֿיעל שיינעס, אַזאַ שטילקייט אַרום, אַזאַ צוגרייטען זיך צו עפּיס וויכטיגס, ערנסטעס, וואָס דאַרף אָט, אָט קומען, — עפּיס, וואָס איז שוין אַזוי נאָהענט, וואָס וואַרט. איצט איז דאָס שווער צו בעמערקען, סיידען ערגיץ אין אַ וויטער, פֿערוואָרפֿענער שטעדטיל אָן אַ זייט פֿון באַהן, וואו דער גראַמאָפֿאָן האָט נאָך ניט פֿערטריבען דעם שופֿר, וואו די יודישע ראָמאַנטיק האָט זיך נאָך אָבגעבעטען אויף אַ קורצער צייט. אין מיינע געדאַנקען קעהר איך זיך אום צו די קינדהייטס־יאָהרען, ווען דעם ערשטען אָטעמען פֿון האַרבסט האָב איך געהערט אין די אלול־טעג.

... עפּיס מאָדנע איז דאַן, גאָר ניט ווי אַלע מאָל. די קראָמען זענען ווי פֿריהער, דוכט זיך, אָפֿען. יודען געהען צום מאַרק, פֿאָהרען אויף ירידין, האַנדלען און וואַנדלען. נאָר ווען איהר וועט זיך גוט צוקוקען, וועט איהר דערפֿיהלען, אַז די טריט זענען לאַנגזאַמער, די שמועס איז געלאַסענער, אַזוי ווי מען וואָלט מורא האָבען עמיצען צו בעליידיגען. און דער „עמיצער" איז אַזאַ, וואָס מען זעהט איהם ניט, נאָר מען פֿיהלט איהם. ער שוועבט אַרום צווישען די יודישע געסלעך דאָרט אין די אַלטע יודישע שטעדטלעך — אַ גייסט, וואָס מאַכט זיי ערנסטער, שטילער, לאַנגזאַמער אין די מעלאַנכאָלישע אלול־טעג.

עס הענגט אין יענע טעג ווי אַ לייכטער וואָלקענדיל. עס איז ניט קיין שווערע זאָרג, אָבער פֿאָרט אַ זאָרג. עס הערען זיך אָפֿט זיפֿצען. און דער יוד זאָגט אַזוי ווי צו זיך:

„שוין אלול, שוין באַלד חצי־אלול"...

מיין קליינינקער, יונגער מוח האָט נאָך דאַן ניט פֿערשטאַנען, וואָס דאָס איז. נאָר איך בין גייסטיג־בעאונרוהיגט. און

די אונרוהיגקייט פֿלעגט ווערן גרעסער, ווען פֿון דערבייאיגען געסיל, וואו ס׳געפֿינט זיך דער מנין, פֿלעגט זיך דערהערען דער קול שופֿר.

דער זיידע קומט פֿון שול. דאָס מאָל געדויערט ביי איהם דער צונויפֿלעגען דעם טלית אַ ביסעל מעהר. ער געהט אַרום איבערן גרויסען, אַלטען זאַל, ברומט שטיל אַ חסידישען ניגון. און צוגעהענדיג צום פֿענסטער, נעהמט ער פֿונאַנדער די גאַרדינען, גיט אַ זיפֿץ, און איך הער, ווי ער זאָגט:

— אָחאָ! שוין אלול, שוין באַלד חצי אלול...

דערנאָך קומט אָן די צייט פֿון סליחות. די פּנים׳ער ווערען נאָך מעהר פֿער׳חלומ׳ט, פֿערטרויערט. איך שטעה־אויף פֿאַרטאָג. דער זיידע פֿיהרט מיך פֿאַרן האַנד איבער די פֿינסטערע גאַסען. די לופֿט איז קאַלט און פֿייכט. ערגיץ־וואו סקריפֿען רעדער. עס עפֿענט זיך אַ טיר פֿון וואַנען, און ס׳געהט אַרויס אַ פֿערשלאָפֿענער פויער מיט אַנ׳עמער. איבער דעם וועג, וואָס פֿיהרט צום מאַרק, ציהט זיך אַ גאַנצע רייה פֿוהרען. דער זיידע געהט שטיל, פֿערזונקען אין אַנ׳אַנדער וועלט. ער צעהוסט זיך מיט אַמאָל און דאַן לאָזט ער אָב מיין האַנד, שפּאַרט זיך אָן אָן דערבייאיגען פּאַרקאַן: איך שטעה, ציטער פֿון קעלט, נאָר מיר איז גוט. איך בין אַזוי דאַנקבאַר דעם זיידען, וואָס ער האָט מיך אויפֿגעוועקט און גענומען צו סליחות.

און אין דעם ברייטען צימער מיט אַנ׳ערדענעם ברוק, וואו עס געפֿינט זיך דער מנין, ברענען שוין ליכט, און דורך די קליינע צוויי פֿענסטער זעה איך אַ עדה יודען אין וואָכעדיגע קליידער, נאָר מיט יום־טוב׳דיגע נשמות. אין שטילען טרויער שיקען זיי די תּפֿילות צו גאָט. און מיר דוכט, אַז דער אַלטער יודישער גאָט האָט ליעב אָט די פֿאַרטאָגיגע תּפֿילות, מעהר ליעב, איידער די תּפֿילות פֿון ראש השנה, יום כּפּור, ווען יודען שרייען אַזוי, האַלטען איהם פֿאַר די פֿאַלדען, ניט אָבלאָזענדיג, ביז ער וועט ניט מכפּר זיין; ווען יודען זענען פֿעסט איבערצייגט, אַז די זינד וועלען פֿערגעבען ווערען. דערפֿאַר זינגען טאַקע די חסידים באַלד נאָך נעילה פֿרעהליכע ניגונים: אַ שמחה, מ׳האָט גאָט מנצח געווען! און ביי־נאַכט נאָך דעם אָבפֿאַסטען וועלען זיך שוין פֿרו־

מע יודען איילען אַריינצוקלאַפּען פֿיער קלעצער פֿאַר אַ סוכה.

אין די פֿאַרטאָגעדיגע סליחות איז ניטאָ קיין געשריי, נאָר אַ שטיל, ווייך געבעט, אַנ׳עלעגיע: „העלף אונז, גאָט, פֿערלאָז אונז ניט, גאָט“.

און נאָך דעם דאַוונען וועט מען זיך ווידער פֿונאַנדערגעהן איבער די קראָמען, איבער׳ן מאַרק אויפֿקויפֿען ווייץ, פֿלאַקס. נאָר אַנדערש וועלען זיי אַלע אויסזעהן, און קייקלענדיג מיט די פֿינגער אַ פּאַפּיראָס, וועט איין קרעמער זאָגען דעם צווייטען:

— אַזוי איז דאָס. אלול. שוין, ברוך־השם, סוף אלול.

און ער וועט זיך אַוועקגעהן, ניט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפֿער.

יאָהרען, אַ סך יאָהרען זענען דורכגעפֿלויגען. דער זיידע איז געשטאָרבען; איך ווייס ניט, צי שטעהט נאָך דער מנין אויף זיין זעלבען אָרט, און צי געהט מען צו סליחות אין מיין קליין שטעדטיל. נאָר פֿון אַלע חדשים האָב איך נאָך מעהר ליעב דעם חודש אלול, און איך ווייס, אַז די אלול־מאָטיווען האָבען נאָך ניט אויפֿגעהערט דאָרט צו קלינגען. עס האָט זיך אומגעביטען דער טעקסט — די מעלאָדיע איז געבליבען. איך הער זי, די מעלאָדיע, אין די איידעלע טרערען, וואָס ווערען פֿערגאָסען, און אין דער פֿראַגע, וואָס מיין פֿריינד שטעלט מיר: אַך, מיין פֿריינד, זאָגט: פֿאַרוואָס איז אַזוי שלעכט? פֿאַרוואָס טוט אַזוי וועה דאָס האַרץ? פֿאַרוואָס איז אַזוי קאַלט און אַזוי פֿינסטער?

וואָס צו ענטפֿערן — ווייס איך ניט.

נאָר מיר דערמאָנען זיך די פֿאַרטאָגעדיגע שטילע תּפילות. מיר דערמאָנט זיך דער זיידע, וועלכער געהט צו, שפּאַצירענדיג איבער׳ן זאַל, צום פֿענסטער, נעהמט פֿונאַנדער די גאַרדינען און זאָגט אומעטיג:

— אָחאָ, שוין אלול, שוין באַלד סוף אלול...

דער פערלאָשענער שטערן.

I

מיט עטליכע יאָהר צוריק האָבען די הערצער און די נשמות פון דער יודישער יוגענד, איבערהויפט אין דער פּראָווינץ, געברענט מיט אַ בעזונדער ליעבע צו דער יודישער ליטעראַטור און קונסט: צו דער ביסעלע, וואָס איז דאָ, און צו דער, וואָס דאַרף ערשט אַמאָל קומען, ווייל די האַרץ האָט אַזוי געלעכצט נאָך איהר. עס איז געווען אפילו אַ ביסעל קאָמיש צוצוזעהן. די ליטעראַטור איז אַזאַ קליינינקע, און דער ענטוזיאַזם אַזאַ גרויסער. מיר האָבען דעמאָלט אַלע געגלויבט, אַז דער ענטוזיאַזם וועט זיך לאַנג האַלטען, און מיר האָבען זיך געאיילט דעם מאָמענט אַ נאָמען געבען. און אַזוי ווי קיין פּאַסענדיגער איז ניט געווען, האָבען מיר דעם מאָמענט אָנגערופען „רענעסאַנס“.

צו דער „רענעסאַנס“-צייט האָב איך אויך געהאַט אַ שטיקעל שייכות און בין, צוזאַמען מיט פיעל אַנדערע, אויך אַרומגעפאָהרען איבער יודישע שטעדט און געפּרעדיגט די יודישע קונסט. ווער עס זאָל ניט קומען, איז געווען דאַן אַ גוטער גאַסט. און וויפיעל מאָל פלעגט זיך טרעפען, אַז אָנשטאָט איין צוויי טאָג, פלעגט מען בלייבען וואָכען גאַנצע און קיינמאָל ניט פיהלען דעם טעם פון לאַנגווייליגקייט.

אַ גוטע צייט געווען, איך רעכען זי ניט פאַר פערלאָרען. אויב צווישען די פערשיידענע התחייבות׳ען, וואָס פאַלען אויף דעם מענשען, איז אויך דאָ אַ בעזונדער התחייבות: צו פערברענגען וואָס נוצליכער די צייט, ווייס איך ניט באמת, וואָס קען זיין נוצליכער און שענער, ווי פאָהרען מיט דעם דיליזשאַנס איבער דעם ברייטען, גלייכען שאָסיי. מען זעהט גאָטס וועלט, די שענע הערליכע וועלט מיט אַלע בוימער, דערפער, פעלדער

ניט פון דעם עקספרעס-פענסטער, נאָר ווי עס דאַרף צו זיין — פאַמעליך און אויפמערקזאַם. איך האָב ניט די געלד, ניט די הייליגע נאַאיוויטעט, ניט די העזה פון אַ דזשאָן רעסקין און פערשטעה גוט, איך וויפיעל לעבערליך עס איז צו קעמפפען מיט דער טעכניק, מיט דעם קעניגרייך פון שטאָל און אייזען. נאָר אַזוי ווי קנעכט, ערלויבען מיר זיך אַמאָל אויסצולאַכען דעם האַר, און בעהאַלטענערהייד, ביי זיך אינעווייניג, פרעהען מיר זיך דאָך, ווען עס געפינען זיך אַזוינע ווינקלען, אַזוינע אונשולדיגע ווינקלען, וואָס איבער זיי האָט זיך נאָך ניט דורכגעטראָגען דער רויך און דער פייפען פון לאָקאָמאָטיוו; וואו עס הערשט נאָך דער גוטער, אַלטמאָדישער ברייטער דיליזשאַנס און די סימפּאַטישע, אַלטע קאַפּריזע רעדער, וואָס ברעכען זיך אין מיטען וועג און גיבען אייך די מעגליכקייט אַרויספאַלען, איבערקעהרען זיך עטליכע מאָל, דאָך מיט אַ געלעכטער: ווייל קיין סכנה שטעקט דערין ניט, און צווייטענס, ניט ווייט איז דאָ פעלד מיט קאָרן, און אין קאָרן זענען דאָ אַזוינע שענע בלאָהע בלימעלעך. לויפען זיך פונאַנדער די פּאַסאַזשירען. און לאַנג היפּט דעם קוטשערס האָרן, ביז אַלע קומען זיך ווידער צונויף.

„אַלע זענען שוין דאָ?“ — פרעגט ער און גיט אַ שמיץ מיטין לאַנגען בייטש. „וויאָ! וויאָ!“.

מיר פאָהרען ווידער. דורך די אָפענע פענסטער טראָגט זיך דער ריח פון פעלד. פויגלען זינגען. עס עטעמט זיך גרינג, אָנגענעהם. און דער שווערסטער פּעסימיסט מוז אָנערקענען, אַז דער ליעבער גאָט האָט, על כל פנים, געטאָן, וואָס נור מעגליך איז, אום די וועלט אונזערע שען צו מאַכען.

די שטאָדט פּ., וואוהין דער דיליזשאַנס האָט מיך אין איין אָבענד, געבראַכט, איז געווען דער לעצטער פונקט פון מיין רייזע. אַ גאַנץ גרויסע שטאָדט מיט צוואַנציג טויזענד איינוואוינער, מיט צוויי פּאָלקען סאָלדאַטען, מיט איין לאַנגער גאַס, וואָס פיהרט צום וואָקזאַל. פאַרהאַנען גרויסע מאַנופאַקטור-געשעפטען, אַ יודישער מיליטער-דאָקטאָר, אַ טראַדיציאָנעלער ליבעראַלער לעהרער, גימנאַזיסטען, גימנאַזיסטקעס און פיעל האָטעלען מיט אַזוי-

נע שענע נעמען, ווי „דרעזדען“, „ווענעציאַ“, „איראָפּאַ“, „פּאַריז“, „סאַן־רעמאָ“, זעלבסטפערשטענדליך, אויך אַ „גראַנד־האָטעל“.

עס זענען דאָ שטעדט, וואָס צו זיי קריגט איהר גלייך אַ צוטרוי, אַ נאָהענטקייט. אי די הייזער אי די גאַסען—אַלץ ווינקט אַזוי פריינדליך, אַזוי ווי זיי וואָלטען זאָגען: איהר קענט דאָ זיין גאַנץ אָפּענהאַרציג, ווי ביי זיך אין דער־היים. איהר קענט דאָ אָברוהען. פאַר אַלע מידע און שווערמוטיגע האָבען מיר דאָ גענוג אינטימע ווינקלען. מיר וועלען אייך אויסהערען, אויב אייך וועט זיך פערוועלען רעדען, און מיר וועלען אייך ניט שטערען, אויב אייך וועט זיך וועלען שווייגען. עס זענען אָבער אויך דערפאַר דאָ אַזוינע קאַלטע, אונגעמיטליכע שטעדט, עגאָאיסטישע, מרה־שחורה׳דיגע, אָהן שום סימפּאַטיע. די גאַסען קוקען אייך פעררעטעריש נאָך און לאַכען אייך אויס. אין אַזוינע שטעדט זענען אויך שטענדיג ברוגז׳דיגע פּאָסט־בעאַמטע, וואָס רייסען ביי אייך אַרויס דעם בריעף פון האַנד מיט כעס. און ווען איהר פרעגט „פּאָסט־רעסטאַנטע“, ווילען זיי נישט פערשטעהן, די אונפריינדליכע מענשען, אויף וויפיעל וויכטיג איז דער בריעף פאַר אייך. און אייך דוכט זיך שטענדיג, אַז זיי האָבען ניט נאָכגעזעהן ווי געהעריג, האָבען געענטפערט „ניין“, כדי אייך צו ערגערן. און איהר געהט אַוועק פון פענסטערל מיט אַ צובראָכענעם האַרץ. פרעגען אָבער נאָך אַמאָל האָט איהר פשוט מורא...

פאַלט איהר אַריין אין אַזאַ שטאָדט, פערשליסט איהר זיך ביי זיך אין צימער אין האָטעל, לאָזט אַראָב די גאַרדינען און קלינגט נערוועז צום דיענער:

— טיי! אָבער גיכער.

אויב די אַלע איבעריגע שטעדט, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו בעזוכען זיי אין מיין רייזע, האָבען געהערט צום ערשטען טיפּ, און עס איז געווען אָנגענעהם אָן זיי זיך צו דערמאָנען, ווי אָן גוטע בעקאַנטע, היימליכע, פריינדליכע, איז די שטאָדט פ. אויסנאַהמסווייז געווען פון צווייטען טיפּ. אונגעהייער לאַנגווייליג, קאַלט, בּמורנע, וועניג בוימער, אַ שטאָדט, וואָס איז ע־הנליך צו אַ מיליטער־לאַגער, וואָס איז אויסגעבויט, מסתמא, איי־

לענדיג, אָהן ליעבּע. און אינגאַנצען מאַכט זי דעם אײַנדרוק, אַז קיינער רעכענט גאָרניט דאָ אויף לאַנג צו בלייבען, און פֿאָהרט ווער אַוועק, בענקט ער ניט, פּונקט ווי מען בענקט ניט נאָך אַ מענשען, וואָס איז אָרים גייסטיג, אָהן קולטור, אָהן טראַדיציעס, און וואָס מיט איהם וואָלט איהר ניט קענען זיין אינטים, ווען אײַך וואָלט זיך דאָס וועלען אַמאָל.

עס איז געווען לאַנגווייליג, און איך האָב פֿעסט בעשלאָסען, קומענדיג אַהיים, פֿריהער פֿאַר אַלץ צו געהן צו דער געאָגראַ־פֿישער קאַרטע און מיט אַ גרויסען בלייפֿעדער אויסמעקען דעם אָרט, וואָס דאַרף בעדייטען און אָנווייזען אויף דער שטאָדט ם.

איך האָב געוואָלט זיך פֿאָרשטעלען, ווי מ׳פֿרעגט מיך, צי ווייס איך אפשר, צי וואָסער גובערניע געהערט אָט דער פֿינסטערער ווינ־קעל, און ווי איך מאַך דאַן אַ פֿערוואונדערטען פּנים און ענטפֿער, אַז מיר קומט בכלל אויס צום ערשטען מאָל צו הערען וועגען אַזאַ שטאָדט. מיט איין וואָרט, איך האָב געדאָרשט נאָך נקמה, וואָרום איך בין געווען אין אַ שלעכטער שטימונג.

ענדיגען אָבער האָט זיך דאָס געענדיגט אַ ביסעל אַנדערש. און דאָס איז אַדאַנק דער בעגעגעניש מיט איין פּערזענליכקייט, וואָס אין דער רייה אומגליקליכע, שלימזלדיגע העלדען מיינע פֿערנעהמט ער ניט קיין לעצטען אָרט. ניט קיין סענסאַציאָנעלער טיפּ, פּשוט אַ מענש, ווען עס איז אַוועק שלעכט, און וואָס ווייטער אַלץ ערגער, און וואָס אויף איהם איז געווים אַ גרויסער רחמנות.

II

פֿאַרנאַכט, בשעת איך בין געזעסען אין צימער, האָט מיר דער דיענער פֿון האָטעל געבראַכט אַ וויזיט־קאַרטע, וואָס אויף איהר איז געווען אָנגעשריבען פֿאָלגענדעס: אָפּערן־שפּיעלער פֿון קייזערליכען טעאַטער גריגאָרי סאַוועליעוויטש בוראַקאָווסקי בעט אָנווייזען די צייט, ווען ער וואָלט געקאָנט זיך מיט אײַך טרע־פֿען.

שוישפּיעלער פֿון קייזערליכען טעאַטער דאָ אין דער טוי־

טער פֿראָווינץ? אפֿשר איז דאָס איינער פֿון די פֿיעל קונצען־מאַכער, כּיראָמאַנטען, טראַנספֿאָרמאַטאָרען, לייב־דאָקטוירים פֿון פּערסישען שאַך און איבּעריגע שווינדלער, וואָס נאַרען אַזוי אָפֿט די קליינע שטעדט, און וואָס אויף זיי האָט מען דאָך ניט קיין פֿעראיבּעל. נאָר בּיי דער לאַנגווייליגקייט איז דאָך יעדער שטאַרק אָנגעלעגט. איך האָב געבּעטען דעם דיענער איבּערגעבּען, אַז איך בּין, בּעצם, פֿריי און וואַרט.

עס איז פֿאַרבּיי אַ קורצע צייט, און מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. פּאַמעליך, שטיל, פֿאָרנעהם עטליכע מאָל אָנגעקלאַפּט. מען דאַרף זיך ניט וואונדערן, אויב איך האָב עפּיס אַ סימפּאַטיע דערפֿיהלט צו דעם אונבּעקאַנטען, וואָס איז געשטאַנען אויף יענער זייט טיר. מיר דוכט, עס איז ניט ווענינער לייכט, פּונקט ווי אָן אַנדערע פֿיעל סימנים, דערקענען דעם כאַראַקטער פֿון מענשען אָן דעם, ווי אַזוי ער קלאַפּט צו אַייך אָן.

אין צימער איז אַריין אַ בּעלייבּטער, בּעיאָהרענטער, מיטעלוואוקסיגער מענש, אינגאַנצען געגאָלט. אויפֿ'ן קאָפּ האָט ער געטראָגען אַ זעהר קונציג געמאַכטען פּאַריק. דער לאַנגער ראַק האָט שוין אַרויסגעוויזען דעם פֿעררעטערישען גלאַנץ פֿון די רעק, וואָס עס טראָגען אַדוואָקאַטען אָהן פּראַקטיק און טעאַטראַלע אונטערנעהמער נאָך זייער לעצטען בּאַנקראָט. נאָר ריכטיגער וואָלט געווען אָנרופֿען זיי התנצלות־רעק: אמת, איך בּין געפֿאַלען, איך בּין אָרים, אפֿילו זעהר אָרים, נאָר איהר דאַרפֿט זיין גוט פֿאָרזיכטיג, מיך ניט צו בּעליידיגען. אַמאָל האָב איך געוואוסט בּעסערע טעג, און מענשען, וואָס פֿלעגען מיך בּעגעגענען, פֿלעגען ווינקען און זאָגען:

— אַ חידוש, ווי איהם גליקט.

וואָס עס האָט אָבּער איבּערהויפּט צוגעצויגען צו מיין נייעם בּעקאַנטען, דאָס איז געווען זיין בּרייטער אָפֿענער פּנים. דער קאָן ניט זאָגען: ניין, האָב איך געקלערט. אַ גוטער חבר, האָט ליעב בּעגריסען, אָננעהמענדיג פֿאַר בּיידע הענד, און קאָן אַזוי שטורמיש לאַכען, אַז איהר צעלאַכט זיך ניט ווילענדיג. נאָר די טיעפֿע קנייטשען אויף דעם שטערן האָבּען גערעדט וועגען דאָס

איבערגעלעבטע. מען בעמערקט זיי גלייך, די קנייטשען און די מידע אויגען.

— איך בעט אַייך, זיצט, אפשר ווילט איהר טיי?

— איך דאַנק אַייך זעהר. איך טרינק שוין היינט טיי דעם פֿערטען מאָל. און וואָס קאָן מען דען אַנדערש טון אין אַזאַ פֿערשאָלטענער שטאָדט? יאַ, באמת, וואָס בלייבט דען אַנדערש צו טון? דאָ איז אַזוי לאַנגווייליג. איך האָב זיך געוואָלט מיט אַייך בעקענען: איהר זייט דאָך שריפֿטשטעלער — איך מיין, אַ מענש, וואָס האָט געוויסע שייכות צו קונסט. אויך אַ וואַנדערער. אַ ברודער פֿון אונז, שווישפּיעלער, אַ פֿרייער פֿויגעל, פֿריי און גליקליך, וואָרום איהר זייט נאָך יונג און געהט באַרג אַרויף, בעת איך, וואָס איך האָב זיך מיט אַייך בעגעגענט, געה שוין צוריק, באַרג אַראָב, באַרג אַראָב... אַמאָל אָבער — איהר קענט דאָס ניט געדענקען — אַמאָל איז גריגאָרי סאַוועליעוויטש בוראַקאָווסקי געווען אַ נאָמען. דער בעסטער יעוועני אָנעגין, דער בעסטער אַלמאַנאַסראָ. און ווען איך האָב געזונגען דעם פּראָלאָג פֿון „באַיאַצאָ", האָבען געציטערט די ווענט פֿון אַפּלאָדיסמענטען. געווען אַ צייט.

פֿון דעם אַלטען פּאָרטפֿעל, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט, האָט ער אַרויסגענומען אַן אַלבום מיט אָנגעקלעפּטע רעצענזיעס פֿון פֿערשיידענע צייטשריפֿטען אין פֿערשיידענע לענדער. ער האָט אַרויסגענומען נאָך פּאַפּירען, יובילעי-אַדרעסען.

— איהר קענט דאָס לעזען.

און ווייל דאָס האָט אַליין געוויזען אַן אַלטערער מענש מיט טיעפֿע קנייטשען אויפֿ'ן שטערן, מיט אַן אַלטען ראָק, איז דערין ניט געווען קיין קאָמישעס, נאָר פֿערקעהרט, זעהר ריהרענדעס. דאָס, וואָס ער האָט אַזוי פֿיעל גערעדט וועגען זיך, האָט ניט אַרויסגערופֿען צו איהם קיין אַנטיפּאַטיע. ער האָט איבערהויפּט ליעב רעדען אַ סך, און ווען איהם האָט אָנגעהויבען שלעכט געהן, האָט ער זיך ניט אָבגעזאָגט פֿון דער געוועהנהייט. איין זאַך האָט זיך נור געביטען: אין דער צייט פֿון רעדען האָט זיין אָפֿענער פּנים געשמייכעלט, געלאַכט אפֿילו, די אויגען אָבער זענען געווען זעהר אומעטיג און אָפֿט אַזוי ווי פֿייכט...

איך האָב אַלץ געהערט, און די העפֿליכקייט האָט געפֿאָדערט איהם וואָס צו פֿרעגען, און איך האָב געפֿרעגט:

— שוין לאַנג, זינט איהר זייט ניט אין קייזערליכען טעאַטער?

— שוין לאַנג. פֿופֿצעהן יאָהר בין איך געווען קייזערליכער שוישפּיעלער, צוועלף טויזענד רובעל אַ יאָהר געהאַלט. דערנאָך בין איך אַליין געווען דירעקטאָר פֿון אַן אָפּערן־טעאַטער. נ״ד, פֿערשטעהט איהר, דאָס פּובליקום בעציהט זיך צו די שוישפּיעלער, ווי אַ פּאַשאַ צו זיינע האַרעם־פֿרויען. ער האָט זי ליעב, און זי שענקט איהם די יוגענד, די שענקייט. נור איין מאָל איז דער פּאַשאַ אַריין און האָט גלייכגילטיג אָנגעקוקט זיין געליעבטע, געהייסען צונעהמען פֿון איהר אַלע טייערע שטיינער, צירונגען און אַוועקגעבען דער, וואָס זי דאַרף קומען, וואָס זי איז יונגער. פֿערשטעהט איהר? און אַז מען וויל זיך בעפֿרייען, געפֿינען זיך טענות. דעמאָלט דערמאָנט מען זיך פּלוצלונג, אַז סאַוועלי גריגאָריעוויטש, דער ערשטער באַריטאָן פֿון קייזערליכען טעאַטער, איז אַ יוד.

גריגאָרי סאַוועליעוויטש איז נאָך לאַנג געזעסען אין דעם אָרימען צימער פֿון אַ פּראָווינציעלען האָטעל און פֿאַר דעם וואַנדערלעקטאָר דערצעהלט פֿערשיידענעס פֿון זיין לעבען.

III

אין אַלגעמיין אַ פּשוט׳ע געשיכטע פֿון אַן אָרימען יונגעל, אַ חזנ׳ס אַ זוהן, וואָס דער ליבעראַלער גראַף פֿון דערביאיגען מאַיאָנטעק האָט איינמאָל צופֿעליג איהם געהערט זינגענדיג און געהאָלפֿען איהם דורכשלאָגען זיך דעם וועג. אויף די מיטלען פֿון דעם גראַף, אַדאַנק זיין פּראָטעקציע, איז ער אַריין אין קאָנסערוואַטאָריע און געענדיגט מיט אַ גאָלדענער מעדאַל. עס איז נאָר שווער געווען די ערשטע טריט צו מאַכען; ווייטער איז שוין געגאַנגען פֿיעל גרינגער. דער יונגערמאַן האָט געקלעטערט אַלץ העכער און העכער, ביז ער האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פֿון ערשטען באַריטאָן אין קייזערליכען אָפּערן־טעאַטער. ער איז

געווען יונג און שײן, און אַלע האָבן אים מוחל געווען זײַן ניט־רוסישן אַקצענט.

גריגאָרי סאַוועליעוויטש איז געווען גליקלעך. ער האָט געהאַט אַ פֿאַמיליע, האָט ליב געהאַט הויך לאַכן, גוט אָפּעסן. יאָהרען זענען דורכגעפֿלויגן אין זאָרגלויזיגקייט, אין ערפֿאָלג, און וועניגער פֿאַר אַלץ האָט ער זיך געריכט בעגעגענען פֿלוצלונג דעם פֿײַנד. ווען אַלע זײַנע חבֿרים האָבן שוין בעמערקט, אַז ער גײט שוין באַרג אַראָפּ, אַז דער אָפּערן־לייב ווערט שוואַכער און מידער, האָט נאָר איין מענש דאָס ניט בעמערקט, און דאָס איז געווען טאַקע ער אַליין, גריגאָרי סאַוועליעוויטש. ביז דער דירעקטאָר האָט אים איינמאָל אַרומגענומען און, געהענדיג מיט אים איבער דעם גרויסן קאַבינעט, געזאָגט:

— פֿאַר דער לעצטער צייט, מיין ליעבער, האָט אָנגעהויבן אייער שטים אָפּט איבעררייסן זיך, הייזעריג צו זײַן. איך מיין, איהר זייט אַ ביסעל מיעד, איהר דאַרפֿט זיך אויסרוהען, אפֿשר ווילט איהר אורלויב אויף עטליכע חדשים?

באַלד נאָכדעם איז געקומען די דעמיסיע. זײַן קאַפּיטאַל האָט גריגאָרי סאַוועליעוויטש פֿערלאָרען אין פֿערשיידענע אונגינסטיגע טעאַטראַלע אונטערנעהמונגען. און אַזוי האָט ער אָנגעהויבן פֿאַלען טיעפֿער און טיעפֿער, ביז צום וואַנדערנדען קאָנצערטאַנט.

זײַן שטים האָט ער פֿערלאָרען. אָנשטאָט דעם סאַמעט־באַריטאָן, וואָס האָט אַלעמען בעגייסטערט, האָט ער איצט פֿערמאָגט נאָר הייזעריגע, ליידענדע טענער. נאָר געבליבן זענען אַלע מאַניערען פֿון אַ שוישפּיעלער, די פּאָזע און איינינע רעליקוויעס, ווי דער רינג מיט אַ גרויסן סאַפּיר־שטיין, דער זילבערנער פּאָרטסיגאַר, וואָס די גאַלעריי האָט אים געשאָנקען צו זײַן יוביליי אין טיפֿליס, און ברייטע מאַנזשעטען־קנעפּ פֿון העלפֿאַנד־ביין.

— חאַ, חאַ! האָט ער אָנגעהויבן לאַכענדיג, ווען ער האָט בעמערקט, ווי איך בעטראַכט זײַן רינג מיט דעם פּאָרטסיגאַר.— ביי אונז, אַרטיסטען, זענען די מתנות פֿון דער גאַלעריי, פֿון פֿאָלק הייסט דאָס, הייליג. אַלצדינג פֿערקויפֿען מיר אין דער שלעכטער צייט, אַלץ פֿערזעצען מיר אין די לייה־הייזער, — אַלץ, חוץ

די מתנות פון דער גאַלעריי. דאָס רעכענט זיך אין אונזערע קרייזען פאַר אַ שאַנד. און ווי שלעכט עס איז מיר שוין ניט געגאַנגען, גאָר ווי איהר זעהט, דער רינג און דער פּאָרטסיגאַר זענען נאָך ביי מיר.

איך האָב בעמערקט נאָך איין זאַך, וואָס דערמיט קען ער זיך ניט שיידען, נאָך איין שוואַכקייט — דאָס זענען די סיגאַרען. נאָר ער האָט געראויכערט דיקע, וואָלוועלע סיגאַרען.

פאַר'ן אַוועקגעהן, שטעהענדיג ביים טיר מיט'ן פּאָרטפעל אונטער'ן אָרעם, האָט גריגאָרי סאַוועליעוויטש אָנגעהויבען עפּיס שטאַמלען, שטילער רעדען, און ניט בלויז די אויגען, נאָר דער גאַנצער פּנים האָט אויסגעדריקט אַנ'אונגעהייערע מיעדקייט, און ניט בלויז אויפ'ן שטערן, נאָר אין אַ סך אַנדערע ווינקלען האָבען זיך בעוויזען קנייטשען. ער זעהט, אַז ער קאָן פאַר מיר זיין אָפענהאַרציג. און ער וויל מיר זאָגען, אַז די געשעפטען זיינע געהען גאָר שלעכט. קיין קאָנצערט דאָ האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען דורכפיהרען. אפשר וואָלט איך וועלען מיט איהם אַ רייזע מאַכען איבער פערשיידענע שטעדט פון פּאָדאָלער גובערניע: ער וועט זינגען, און איך וועל פאָרלעזען עפּיס פון דער יודישער ליטעראַטור. ער ווייס פיעל יודישער ליעדער.

איך האָב דערוויזען, אויף וויפיעל דער פּלאַן קען ניט דורכגעפיהרט ווערען. גריגאָרי סאַוועליעוויטש האָט איינשטימיג צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ: אודאי בין איך גערעכט. איך פאָהר דאָך, הייסט עס, קיין קיעוו — אפשר וועל איך זיך ניט אָבזאָגען צו בעזיכען זיין פרוי, וועלכע וואוינט אין „פּאַלע ראָיאַל", און געריסען פון זיינעטוועגען און זאָגען, אַז ער האָט ערנסטע אויסזיכטען אויף אַ קאָנצערט אין וויניצע, און אַז ער פיהלט זיך גוט, האָפט גאָר גיך צו שיקען איהר אַ ביסעל געלד.

— מיט פערגעניגען, מיט פערגעניגען, זאָג איך.

גריגאָרי סאַוועליעוויטש דריקט פעסט מיינע ביידע הענד. ער וויל שוין געהן, נאָר קעהרט זיך אום און בעמערקט מיט אַנ'איינגעפאַלענער, הייזעריגער שטים:

— איהר פערשטעהט, מיין פריינד, גאָר שלעכט. איך ווייס

ניט, ווי דרעה איך מיך אַרויס. שולדיג אין האָטעל עטליכֿע רובל. צאָלט איך כֿאָטש געהאַט אויף אַ בילעט ביז זשמערינקע.

— און פֿון דאָרטען? פֿרעג איך איהם.

— פֿון דאָרטען? זשמערינקא איז זעהר אַ גרויסע סטאַנציע, אַ צענטראַל-פּונקט. פֿערשיידענע צוגען פֿון אַלע עקען רוסלאַנד קומען זיך דאָרט צונויף. איך וועל אָבוואַרטען עטליכֿע שעה און וועל געווים טרעפֿען דורכֿפֿאָהרענדיג ווע־מען-עס-איז פֿון מיינע אַמאָליגע בעקאַנטע, חבֿרים, אַרטיסטען. אָבער דערווייל ביז זשמערינקא....

IV

עס האָט זיך אַיינגעגעבען צולעצט אַ ביסעל פֿערגרינגערן זיין קריטישע לאַגע. מאָרגען פֿאָהרען מיר אַוועק פֿון דאַנען: איך קיין קיעוו, און ער קיין זשמערינקע. פֿון דאָרט וועט ער זעהן, וואָס ער האָט צו טון, ער האָפֿט. על כּל פּנים, איז ער אין אַ געהויבענער שטימונג, און מיר האָבען בעשלאָסען דעם לעצטען אָבענד פֿערברענגען ביי אַ גלאָז פּונש ביי מיר אין צימער.

עס זענען אויך אַיינגעלאַדען געוואָרען געסט: אַ סטודענט אַ טעכֿנאָלאָג, אַ דאַנטיסט, דער לעהרער פֿון רעאַל-שול. די צענטראַל-פיגור פֿון אונזער קליינעם קרייז איז, פֿערשטעהט זיך, געוועזען גריגאָרי סאַוועליעוויטש, דער אַמאָליגער אָפּערן-לייב, דער בערידמטער באַריטאָן.

נאָכ׳ן צווייטען גלאָז פּונש האָט ער געבעטען ערלויבעניש אַראָבצונעהמען פֿון זיך דעם ראָק. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, רייטענדיג אויפ׳ן שטול, און אָהן אַ סוף זענען געגאַנגען די ערצעהלונגען פֿון זיינע זאַטע און הונגעריגע יאָהרען. עס האָט געגלאַנצט זיין ברוסט-שטים, דער גוטער געלעכֿטער, און אין זיין פּנים זענען אַרויסגעטראָטען די כאַראַקטעריסטישע שטריכֿען, דער אָפֿענער אויסדרוק און די מידע אויגען.

עמיצער האָט דערמאָנט פֿון דעם גרעסטען איצטיגען אָפּערן-אַרטיסט.

— צי איך קען איהם, פֿרעגט איהר — האָט אָנגעהויבען גריגאָרי איוואַנאָוויטש, — ער האָט דאָך ביי מיר אין כֿאָר געזונ-

גען. אַ גרויסער אַרטיסט און אַ גוטער יונג. אָבער מען איז מיט איהם קיינמאָל ניט זיכער. פֿון די ברייטע, רוסישע נאַטורען. אַזאַ לאַנד, אַזוינע מענשען. רוסלאַנד איז אַ שעהנע לאַנד, נאָר אויך דערזעלבער אונגליק: מען איז מיט איהר ניט זיכער. דעם לעצטען מאָל האָב איך איהם געזעהן אין בערלין. מיר האָבען זיך בעגעגענט, ווי אַלטע חברים. ער האָט מיר אָבגעגעבען כבוד און ליעב געהאַט אָפֿט זאָגען: „עך, גריגאָרי סאַוועליעוויטש! ווען עס וואָלט געווען פֿיעל אַזוינע אַרטיסטען, ווי איך און דו!" נאָר צולעצט האָבען מיר זיך צעקריגט: שולדיג איז געווען ער. ער האָט בעליידיגט זיין פֿרוי אין מיין געגענוואַרט מיט גראָבע ווערטער, און איך האָב געפֿיהלט, אַז דאָס האָט נור פּאַסירט, ווייל ער רעכענט זיך מיט מיר ניט, און ניט קוקענדיג אויף מיין קריטישער לאַגע דאַן, האָב איך פּראָטעסטירט, שטאַרק איהם אויסגעזידעלט.

— „און איצט, האָב איך צו איהם געזאָגט, וועל איך ניט וואַרטען, ביז דו וועסט מיך אַרויסטרייבען; איך געה אַליין אַוועק".

„ניין, ניין, געה ניט" — האָט ער געענטפֿערט, צוגעגאַנגען צו מיר, אַרומגענומען, געקוקט אַ ווײַלע גלייך אין די אויגען — און מיט די ווערטער אַרויס פֿון צימער, בעטענדיג מיך ניט אַנדערש וואַרטען.

אין איניגע מינוטען אַרום איז ער צוריקגעקומען מיט זיין פֿרוי און אין מיין געגענוואַרט געבעטען ביי איהר ענטשולדיגונג, אַפֿריהער ביי איהר, דערנאָך ביי מיר. און אַ גאַנצע נאַכט האָבען מיר פֿערבראַכט...

צי קען איך איהם, פֿרעגט איהר? ער האָט דאָך ביי מיר געזונגען אין כאָר.

אין צימער איז געווען אָנגעריכערט און וואַרים. עס האָט געזונגען דער סאַמאָוואַר, און גריגאָרי סאַוועליעוויטש האָט דערצעהלט און דערצעהלט. דער ברייטער, אָפֿענער פּנים האָט געשמייכעלט, און די אויגען, די אויגען זענען געווען אומעטיג און פֿייכט...

IV

גריגאָרי סאַוועליעוויטש שטעהט אין קאָרידאָר אין דער זומערדיגער פּאַלערינע און דעם פּאָרטפֿעל אונטער׳ן אָרעם. אינגאַנצען איז ער אימפּאָזאַנט.

געלד האָט ער מעהר ניט ווי אויף אַ בילעט ביז זשמערינקע, און איהם פֿערדריסט, וואָס ער האָט ניט קיין טרינק־געלד פֿאַר די האָטעל־דיענער. ווען עס האָבען זיך אויסגעשפּרייט צוויי וואַרטענדיגע הענד פֿון דעם קעלנער, איז געווען לייכט צו בעמערקען אַ ליידענדיגע מינע אויף זיין פּנים. נאָר גיך האָט ער דאָס בעקעמפֿט און ער האָט עפּיס געזאָגט אַזוינס דעם קעלנער מיט אַזאַ ערנסטער, פֿאָרנעהמער שטים, אַז יענער האָט זיך נור אַ נייג געטאָן.

— גליקליכע רייזע, מיין הער.

דעם גאַנצען וועג האָט ער געשוויגען. ווען מיר האָבען זיך דערנעהענט צו דער צענטראַל־סטאַנציע זשמערינקא, האָט זיך גריגאָרי סאַוועליעוויטש אָנגעהויבען איילען. די פֿריהערדיגע זיכערקייט איז פֿון איהם אַוועק.

— איך איהר פֿאָהרט, הייסט עס, קיין קיעוו, פֿערגעסט ניט, איך בעט אייך אַריינצוגעהן אין פּאַלע־ראָיאַל און גריסען פֿון מיין געטרייען מיין פֿרוי. זאָגט, אַז איך טו אַליץ, וואָס מעגליך איז, און אַז איך האָב ניט פֿערלאָרען די האָפֿנונג אויף אַ קאָנצערט אין וויניצא.

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט׳ן האַנד, אומעטיג אַ שמייכעל געטאָן צו מיר און איז אַרויס פֿון וואַגאָן.

אַז דער צוג האָט זיך אָנגעהויבען ריהרען פֿון זשמערינקע, האָב איך געזעהן גריגאָרי סאַוועליעוויטש׳ען שטעהענדיג אויפֿ׳ן פּעראָן צווישען דעם עולם מענשען. ער האָט צו מיר געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און געמאַכט ווידער מיט דער האַנד. נאָר איצט האָב איך דאָס פֿערשטאַנען:

דערווייל האָט ער נאָך קיינעם ניט געטראָפֿען.

אויב איהם האָט זיך אַיינגעגעבען דורכצופֿיהרען אַ קאָנ־צערט אין וויניצא, ווייס איך ניט. נאָר איך בעט אַייך, אויב דער צופֿאַל וועט אַייך ברענגען צו אַ בעגעגעניש מיט מיין פֿריינד גרי־גאָרי סאַזועליעוויטש, זייט וואָס מעהר אויפֿמערקזאַמער צו איהם. לייענט די רעצענזיעס וועגען איהם, הערט אוים אַלע זיינע מעשׂות, און אויב ביי אַייך איז דאָ איבעריגע, לייהט איהם עטליכע רובעל.

איהר לעבען.

I.

איהר פאָטער איז אַ פּשוט׳ער פוהרמאַן. די מוטער קויפט אויף אייער אויפ׳ן מאַרק. איין ברודער איז אַ שמיעד, און צוויי שוועסטער אויך אַרבייטערינס: איינע אַ מאָדיסט׳ן און די צווייטע אַ זאָקענמאַכערין. נאָר איהר איז בעשערט געווען אַן אַנדער גורל. צי האָט זיך דאָס גענומען דערפון, וואָס זי איז געווען פיזיש שוואַכער פון די איבעריגע קינדער, האָט אָפט געקרענקט, און די מוטער פלעגט זי רופען „מיין אידעלע״, ברענגען פון מאַרק אָפט גוטע זאַכען און האָט פערצערטעלט זי, אָדער נאָך פון אַנדערע סבות. עס טרעפט זיך דאָך אַזוי: אין אַ פאַמיליע, וואו אַלע זענען עהנליך איינער צום צווייטען, געפינט זיך איינער, וואָס מאַכט דעם איינדרוק אַזוי ווי פון אַ פרעמדען, אַ מענש פון גאָר אַן אַנדער וועלט. די קלייניקע, שוואַכע חאַסיע האָט אויסגעוויזען ווי אַ קינד פון רייכע עלטערן, וואָס זיי האָבען זי אַוועקגעגעבען אויף קעסט צו אָט די פּשוט׳ע מענשען און פערגעסען זי נעהמען צוריק. און ניט בלויז די מוטער, נאָר אויך די ברידער און שוועסטער האָבען אויף איהר געקוקט, ווי אויף אַ קינד פון אַ העכערן שטאַם. און דער פאָטער, וואָס איז געווען אַ צו־פערהאָרעוועטער יוד, אַ צו־פער׳דאַג׳עטער, אום אָבצוגעבען זיך מיט צערטליכקייטען, פלעגט דאָך שבת אָדער יום־טוב־צייט ליעב האָבען האַלטען זי אויף די קניה, גלעטען מיט זיין גראָבער, פערהאָרעוועטער האַנד איבער׳ן קעפּיל און זאָגען:

— חאַסיע וואַקסט ביי מיר אַ געבילדעטע.

אָהן פריהערדיגע אָבּרעדענישען, אָהן בעזונדערע בעראַטונגען, פון זיך אַליין, נאַטירליכערהייד איז געבליבען ביי דער אָרימער, אַרבייטערפאַמיליע, וואָס וואוינט ביים עק שטאָדט, אַז חאַסקע וועט

געהן מיט אַנ׳אַנדער וועג, אַנ׳אַנדער צוקונפֿט דאַרף איך איהר וואַרטען און צו אַנ׳אַנדער לעבען דאַרף מען זי צוגרייטען. מען האָט זיך ניט בעגעגענט מיט די ערשטע עטליכע יאָהרען פֿון לערנען געבען אין חדר. מען האָט פֿאַר איהר דערנאָך גענומען אַ לעהרער, וואָס דאַרף זי צוגרייטען צום עקזאַמען. וועגען נימנאַזיע האָט מען ניט געטראַכט, נאָר זי זאָל זיך אין דערהיים לערנען און פֿון צייט צום צייט האַלטען עקזאַמענס, אַפֿריהער אויף דריי קלאַסען, דערנאָך אויף פֿיער, ביזן ענדע-ציעל. און דער ענדע-ציעל איז געווען זעקס קלאַסען. נאָך די זעקס קלאַסען עפֿענען זיך פֿאַר פֿיעל יודישע מיידלעך נייע וועגען, ברייטע האָריזאָנטען. מיט אַ שיין אויף זעקס קלאַסען קען מען שוין פֿאָהרען אין די גרויסע שטעדט שטודירען אויף מאַסאַזשיסטין, אַקושאָרין, צאָהן-דאָקטאָרין.

שווער געווען צאָהלען געלד דעם לעהרער, קויפֿען לעהרביכער, נאָך שווערער איז געווען דער פֿאָהרען אין אַנ׳אַנדער שטאָדט אָבגעבען דעם עקזאַמען. נאָר די אָרימע פֿאַמיליע פֿלעגט זיך אָנשטרענגען: „אַ תירוץ איז דאָס?“ האָט געזאָגט דער ברודער דער שמיעד. „אַ תירוץ איז דאָס?“ האָבען איבערגע׳חזר׳ט די שוועסטער, די מאָדיסטין און די זאָקענמאַכערין. און די קלייניקע סומע אויף רייזע-קאָסטען, לעבען דאָרט די דריי וואָכען פֿון די עקזאַמענס איז געוואָרען אָנגעקליבען, חאַסקעס קלייניקער קאָרב איינגעפּאַקט, און דער ברודער האָט דאָס אַליין אָבגעטראָגען צום וואָקזאַל.

דערפֿאַר אָבער האָט די פֿאַמיליע געהאַט איהרע פֿריידען. חאַסיע׳ס מוטער, דער אייער-פֿערקויפֿערין, איז געווען אַזוי אָנגענעהם איפֿ׳ן מאַרק צוזאַמען מיט אַנדערע גביר׳ישע מוטערס רעדען וועגען דעם, וויפֿיעל געזונד עס נעהמען אָב ביי די קינדער די עקזאַמענס. איהר איז געווען אַזוי אָנגענעהם, ווען דעם רייכען מיהלנער׳ס ווייב פֿלעגט זי אָבשטעלען און פֿרעגען: „נו, וואָס הערט זיך מיט אייער טאָכטער? אויסגעהאַלטען?“. מיט דער פּאָסט האָט די פֿאַמיליע, וואָס וואוינט ביים עק שטאָדט, וועניג געהאַט וואָס צו טון. ווען ניט ווען איין מאָל אין עטליכע יאָהר פֿלעגט אָנקומען אַ פֿאָטאָגראַפֿישע קאַרטע פֿון אַ וויטען קרוב פֿון אַמעריקא. דעריבער

פֿלעגט מיט נאָך מעהר שטאָלץ־געפֿיהל אַראָבשפּרינגען פֿון בעט חאַסיע׳ס פֿאָטער, ווען מען פֿלעגט אָנקלאַפּען אין אַ פֿענסטער, און אַ שטים פֿלעגט אויסרופֿען: „טעלעגראַמע!“ דאָס איז געווען אַ טעלעגראַם פֿון איהר, פֿון דער „איידעלער“, פֿון „אונזער געבילדעטער“, ווי מען האָט חאַסיע׳ן גערופֿען מיט איראָניע, וואָס אין איהר איז געווען אַזוי פֿיעל ליעבע.

די עקזאַמענעס פֿלעגט זי אויסהאַלטען רעגעלמעסיג פֿון יאָהר צו יאָהר. אָרימע קאָנען זיך ניט ערלויבען דעם לוקסוס בלייבען זיצען אויף אַ צווייטען יאָהר. נאָך לאַנגער מיה האָט זיך חאַסיע׳ן דאָך אַיינגעגעבען צו קומען איינמאָל מיט דעם אַזוי געווינשטען דיפּלאָם אויף זעקס קלאַסען. זי איז שוין דעמאָלט געווען אַ גרויסע מיידעל, אָרים, אָבער זויבער אָנגעטאָן. די פֿיעל זומערשפּרינקלעך אויפֿ׳ן פּנים האָבען חאַסיע׳ן ניט שטאַרק געשאָדט. מען האָט זי דאָך גערעכענט פֿאַר אַ סימפּאַטישע. איהר האָט אויך געקליידט די געשאָרענע האָר, די ווייסע מאַנזשעטלעך און דער אויסדרוק פֿון נאַאיווער אָנגעשטרענגטקייט, ווען איינער וויל עפּיס פֿערשטעהן, און עס גיט זיך ניט אַזוי גרינג.

די זעקס קלאַסען זענען געווען נאָר אַ פֿאָדערהויז צום הערליכען פּאַלאַץ, וואָס אין איהם דאַרף זי נאָך אַריינטרעטען. זי איז געווען צופֿרידען, וואָרום זי האָט געוואוסט, צו וואָס זי דאַרף שטרעבען און וואָס איז איהר ציעל אין דער נאָהענטער צוקונפֿט. עס האָט זיך געחלומ׳ט די גרויסע, שענע שטאָדט קיעוו מיט׳ן אוניווערסיטעט, מיט די ביבליאָטעקען, טעאַטערן, מיט די ליבעראַלע פּראָפֿעסאָרען, פֿערזאַמלונגען, מיט דער לעבהאַפֿטער אידעאַלער יוגענד. עס פֿלעגט טרעפֿען אָפֿט, אַז זי פֿלעגט צו זיך אַליין שמייכלען פֿון די הערליכע פֿאַנטאַזיעס, וואָס פֿלעגען זיך איהר שילדערן.

איצט האָט זי שוין געזאָרגט ניט וועגען דעם דיפּלאָם, נאָר וועגען אָנקלייבען אַ ביסעל געלד. דעם ברודער האָט מען צוגענומען פֿאַר אַ סאָלדאַט. די שוועסטער האָבען געדאַרפֿט טראַכטען וועגען אַ תּכלית פֿאַר זיך. חאַסיע האָט געגעבען שטונדען, אַ סך שטונדען, כּמעט דעם גאַנצען טאָג געווען פֿערנומען. און פֿאַרנאַכט פֿלעגט זי זיצען מיט איהר חבֿרטע אויף אַ באַנק נעבען שטוב און ווידער אָבגעבען זיך די חלומות וועגען יענער גרויסער שטאָדט,

וואוהין זי וועט פאָהרען. אַלץ דאָס בעסטע, וואָס מאַכט דעם מענשען גליקליך, האָט זי אָבגעלעגט אויף שפּעטער, אויף יענער צייט. זי איז שוין געווען אין די יאָהרען, ווען אַ מיידעל ווערט אָפּט אַזוי פּאָעטיש-אומעטיג, און אין דעם אומעט רופט איהר נשמה צו דעם, וואָס דאַרף קומען און וואָס ער איז געוויס בעסער פאַר פיעל אַנדערע; וואָס וועט זי פערשטעהן. נאָר ווען אַזיינע מאָמענטען פלעגען אָנקומען, האָט חאַסיע צו זיך געזאָגט: „דאָרט", „אַלצדינג דאָרט". זי האָט זיך דעריבער אָהן אַ בעזונדער וועהטאָג אָבגעזאָגט פון פיעל פּראָווינציעלע פערגעניגענס. און ווען פון טייך האָבען זיך שוין געטראָגען לידער, דער געזונטער, מונטערער געלעכטער פון דער יוגענד, איז חאַסיע געגאַנגען פון איהרע שטונדען און געטראַכט וועגען דעם, אַז דער דניעפּר אין קיעוו איז דאָך ברייטער. זי איז געווען בלינד אין איהרע חלומות, האָט ניט געזעהן, וואָס עס טוט זיך אַרום איהר, האָט ניט געזעהן, אַז דער גרעסטער מיי-דעלשער חלום איז דאָך שוין פערווירקליכט; אַז אויפ'ן בריק, וואו זי פלעגט פאַרבייגעהן אַלע פאַרנאַכט, וואַרט אויף איהר דער בוכ-האַלטער-געהילף פון געגענזייטיגען קרעדיט. און זי האָט גאָר ניט פערשטאַנען און געצוואונגען איהם נאָך מעהר בלאַסער ווערען מיט דער פראַגע, אַנווייזענדיג אויף דעם טייך:

— „פאַרוואָס זייט איהר ניט צוגעשטאַנען צו יענער געזעל-שאַפט", — פרעגט זי אַזוי קאַלט, גלייכגילטיג.

„אַפּנים, אַז איך פיהל מיך דאָ אויפ'ן בריק בעסער. דעם טייך וועל איך סיי ווי ניט מיידען".

ער פלעגט זי בעגלייטען ביז'ן שטוב, האָפענדיג, אפשר וועט זי איהם איינלאַדען אַריינגעהן אין צימער. נאָר חאַסיע פלעגט אויס-שטרעקען איהר האַנד צום געזעגענען. יאָ, מאָרגען דאַרף זי דאָך אויפשטעהן אַזוי פריה. און ער פלעגט אַוועקגעהן בלאָנזשען איבער די פוסטע גאַסען און טראַכטען וועגען דעם, אַז אייגענטליך ווילט זיך איהם גאָר שטאַרבען.

חאַסיע שלאָפט ניט. זי ליגט מיט אָפענע אויגען און חלומט. די ליכטיגע לבנה-נאַכט קוקט אין פענסטער. אין די צווייגען זינגט דער נאַכטיגאַל זיין מאַי-ליעד. אַזוי גוט, זיס שמעקען די ביימער,

און אויפֿ'ן טייך דאָרט קלינגט דער געזונטער יוגענד-געלעכֿטער. עמיצער האָט אָנגעהויבען זינגען די בעריהמטע ליעד:

אָי! דניעפּר, דניעפּר...

האַסיע הויבט זיך אויף אַ ביסעל פֿון איהר זוויבערער מיידעלשער בעטיל, הערט זיך צו צום ניגון, און איהרע ליפּען שעפּטשען: „דאָרט, אַליץ דאָרט"...

II.

חאַסיע האָט שוין לאַנג איבערגעלעבט אַלע פֿריידען און אַלע שמאַרצען פֿון איהרע ערשטע טריט אַלס קורסיסטין. פֿון דעם טאָג, ווען איהרע בעקאַנטע האָבען זי בעגלייט צום קליינעם וואָקזאַל, און איין שילערין האָט איהר געשאָנקען אַ פּערלמוטערנעם בינאָקל, זענען שוין אַוועק צוויי יאָהר. זי איז שוין אין דערהיים געווען צו גאַסט, אין די פֿעריען-צייט ווידער געגעבען שטונדען, בכדי אָנצוקלייבען אַ ביסעל געלד אויפֿ'ן ווינטערדיגען סעמעסטער. חאַסיע איז שוין אויפֿ'ן דריטען סעמעסטער, רעכֿענט זיך שוין פֿאַר אַנ-ערפֿאַהרענע קורסיסטין, האָט אַ נאָמען אין שטודירענדע קרייזען, איז אַ מיטגליד אין איינינע קאָמיטעטען. איהר דוכֿט, אַז אַזוי לאַנג, לאַנג איז דאָס געווען, ווען זי איז אַ פֿרעהליכֿע, פֿול מיט האָפֿנונגען, איינגאַנצען אַ זינגענדיגע פֿון זיסע חלומות, געקומען צום ערשטען מאָל אין קיעוו; ווי זי האָט אויסגעפּוצט מיט שענע אָנזיכטס-קאַרטען איהר צימערל; ווי זי האָט זיך אַריינגעוואָרפֿען אין אָט דעם נייעם, ביז איצט אונבעקאַנטען לעבען, געגאַנגען אויף גאַלעריי אין טעאַטער, אויף פֿערזאַמלונגען, רעפֿעראַטען; ווי איהר איז אָנגענעהם געווען אָט די שטורמישע יוגענד, און ווי זי האָט ליעב געהאַט, ווען מען פֿלעגט קומען צו איהר זיצען ביז שפּעט, שפּעט. חאַסיע פֿלעגט אויף דער בענזין-לעמפּיל מאַכֿען טיי, און מען פֿלעגט זיך צו איהר ווענדען מיט'ן וואָרט „קאָלעגאַ". זי האָט ליעב געהאַט פֿערשרייבען די לעקציעס. אמת, געווען אויך ליידען. איבערהויפּט איינמאָל, ווען איהר איז ניט גוט געוואָרען, ווען דער דאָקטאָר האָט דעמאָנסטרירט אַ שווערען קראַנקען. דער דאָקטאָר איז מסתמא געווען אין אַ שלעכֿטער שטימונג, וואָרום ער איז גע-

וואָרען אויפֿגערעגט און האָט געזאָגט, אַז מיט שוואַכֿע נערווען דאַרף מען ניט געהן אויף פֿעלדשער־קורסען. דאָס האָט איהר גע־קאָסט זעהר פֿיעל געזונט. נאָך פֿערשיידענע קלייניגקייטען זענען געווען, וואָס האָבען געצוואונגען ניט איין מאָל חאַסיע׳ן פֿערדאַג׳ען זיך און זיין צעטראָגען. נאָר עס האָט זיך אַזוי געגליבט, אַזוי גע־גליבט.

ווען איז דאָס געווען? אַלענפֿאַלס זעהר לאַנג. און אַז חאַסיע דערמאָנט זיך אָן יענער צייט, שמייכעלט זי צו זיך אַליין. „ס׳אַראַ נאַר איך בין געווען", טראַכֿט זי. די צוויי יאָהר זענען אַוועק עפּיס אין אַן׳אונפֿערשטענדליכֿען טומעל, וואָס נאָך איהם איז געבליבען אַ וועהטאָג־געפֿיהל, אַ מיעדקייט. אמת, זי האָט גוטע פֿריינד. מען אַכֿטעט זי. נאָר פֿאַרוואָס איז אָבער די נשמה אַזוי פּוסט? און פֿאַר־וואָס קומט איהר אויס אָפֿט טראַכֿטען וועגען דעם, אַז אומעטום איז בעצם אַלץ דאָסזעלבע, נאָר די מאַנירען זענען אַ ביסעל אַנ־דערש? גוט נאָך. וואָס די צוויי יאָהר האָבען זי ניט געמאַכֿט, ווי אַלע אַנדערע, פֿאַר אַ היסטערישער בעשעפֿעניש. אַלע איהרע גע־דאַנקען בעהאַלט זי אין זיך טיעף, טיעף. נאָר אַפֿילו דאָס, וואָס זי האָט אָבגעהיט אַ געזונטע נשמה, ברענגט איהר אָפֿט אַזוינע ליידען. מען רעכֿענט זי, אויב ניט פֿאַר אַ גליקליכֿע, טאָ על כל פּנים פֿאַר צופֿרידענע. און מען שטראָפֿט זי פֿאַר איהר צופֿרידענקייט דערמיט, וואָס מען קומט צו איהר אויסרעדען די האַרץ. עס קומט עפּיס פֿאַר אַזוי שטענדיג, אַז נאָך דער ערשטער, צווייטער בעגע־געניש עפֿענט שוין אויף די קורסיסטין פֿאַר חאַסיע׳ן אַלע איהרע סודות, אַלע אינטימע ווינקלען פֿון איהר לעבען.

חאַסיע פֿלעגט אויסהערען, און, אויף וויפֿיעל מעגליך, טריס־טען. זי האָט געקענט בכלל הערען שטיל, אויפֿמערקזאַם. מיט דער־זעלבער שטילער אויפֿמערקזאַמקייט פֿלעגט זי אויסהערען פֿון דער אָדער יענער קורסיסטין, וואָס האָט זיך אָקאָרשט פֿאַר איהר מתודה געווען, פֿאָרוואורפֿען אין דעם זין, אַז זי, חאַסיע, איז אַ בעהאַל־טענע, אַז קיינער ווייס ניט פֿון איהר אינעווייניגסטען לעבען. מען פֿלעגט צו איהר צושטעהן:

— פֿאַרוואָס דערצעהלסטו קיינמאָל גאָרניט וועגען דיין פּער־זענליכֿען לעבען?

און קיינער האָט גאָרניט געקענט זיך פֿאָרשטעלען, אַז דאָס, וואָס זיי מיינען אונטער „פּערזענליכן לעבן“, אַ ראָמאַן, איז ביי חאַסיע'ן ניט געווען. יאָ! ניט געווען. קיינער איז ניט געקומען. פֿאַרוואָס? ווער איז דערין שולדיג? זי ווייס אַליין ניט, אפֿשר זי אַליין. אפֿשר איז זי פֿון די מענשען, וועלכע קענען גאָרניט ליעבען..

וויפֿיעל מאָל פֿלעגט טרעפֿען אַזוי: חאַסיע קומט פֿון די לעקציעס אַ מידע, אַ צעבראָכענע, און ביי איהר אין צימער אין איהר בעט ליגט אַ בעקאַנטע קורסיסטין איינגאַנצען אין טרערען. אָך! ווען זי וואָלט וויסען, וואָס פֿאַר אַ שלעכטער איהר באָרים איז. ער איז היינט ווידער אַוועק מיט דער פֿרעבעליטשקע אין טעאַטער. אָך! ווען זי וואָלט וויסען, ווי זי ליידט פֿון זיין שלעכטסקייט און פֿאַלשקייט. חאַסיע זעצט זיך אין בעט, נעהמט די חבֿר'טע אַרום, טרייסט זי, און אַליין קלערט זי, אַז זי וואָלט גערן געווען זיין אויף דער חבֿר'טעס אָרט, פֿיהלען איהר וועהטאָג. די חבֿר'טע שפּרינגט אויף אַנ'אויפֿגערעגטע: די גליקליכע קאָנען טאַקע דאָס ניט פֿערשטעהן. און אַחוץ דעם איז חאַסיע, זאָל זי איהר מוחל זיין, ניט גענוג טיעף, בכדי איבערצופֿיהלען אַזעלכע זאַכען.

וואָרום דאָס נאָך אויך: צוערשט קומען זיי פֿאַר איהר אויסגיסען די האַרץ. דערנאָך רעכענען זיי זי אַזוי ווי שולדיג דערפֿאַר, וואָס זי ווייס אַזוי פֿיעל וועגען זיי, און אַוועקגעהענדיג טראַכטען זיי: חאַסיע איז אַ סימפּאַטישע מיידעל. אָבער אַ בעגרעניצטע, גאָר ניט קיין טיעפֿע נאַטור.

די בעל-הבית'טע חאַסיע'ס, אַנ'אָרענטליכע, סימפּאַטישע אַלמנה, פֿלעגט אָפֿט צו איהר טענ'ען:

— איהר וואָלט, מיין ליעבע, אַמאָל אַ טראַכט געטאָן וועגען זיך אויך. זיי לאָזען אייך ניט רוהען, אַייערע חבֿר'טעס. איהר זענט דאָך אַזאַ שוואַכע. גיט אַ קוק, ווי איהר זעהט אויס.

איין מאָל, און נור דעם איין מאָל, ווען די בעל-הבית'טע האָט אַזוי צו איהר גערעדט, האָט חאַסיע'ן עפּיס אָנגעהויבען שטיקען אין האַלז. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין בעט, בעהאַלטען דעם קאָפּ אין קישען און געלאָזען דער צעוועהטאָגטער נשמה אויסוויינען זיך. די בעל-הבית'טע איז געזעסען נעבען איהר, געווישט איהרע שלייפֿען מיט וואַלוועלן אָדעקאָלאָן און גיזאָגט מיט אַזאַ ליעבע:

— צו דער מאַמען דאַרף מען אייך שיקען, צו דער מאַמען, איהר זייט נאָך גאָר אַ קינד, אַ גאָלדען קינד.

חאַסיע איז געווען אַזוי דאַנקבאַר פֿאַר אָט דער צאַרטקייט. איהר איז געווען עפּיס אַזוי גרינג אויפֿ'ן האַרצען נאָך דעם וויינען...

אייגענטליך פֿאַר אמת'ע גוטע פֿריינד האָט זי נור געקענט רעכענען די בעל־הבית'טע און דעם סטודענט־מאַטעמאַטיק ראָגאַטשעווסקי. וועלכער פֿלעגט אַמאָל ברענגען חאַסיע'ן בילעטען אין טעאַטער און וועלכער פֿלעגט קומען נור דאַן, ווען קיינער פֿון איהרע חברטעס איז ניט געווען. ער האָט זיי ניט ליעב געהאַט און האָט געראָטען חאַסיע'ן בעפֿרייען זיך פֿון דער אייגענאַרטיגער טיראַניע. ער פֿלעגט זי אָפֿט אַוועקפֿיהרען שפּאַצירען אויפֿ'ן בערגיל פֿון הייליגען וולאַדימיר. חאַסיע, אַ מיעדע, נאָר אַ בערוהיגטע, פֿלעגט קוקען אויפֿ'ן דניעפּר, אויף די פֿעלדער און טראַכטען וועגען דעם, אַז ווי זי וועט נאָר ענדיגען איהרע קורסען, וועט זי אַנטלויפֿען פֿון שטאָדט — אַהין, אַהין, צו די פֿעלדער, אַהין, וואו עס איז ניטאָ קיין וואָלוועלע סטודענטישע קיכען, קיין נעוואַסטעניע, קורסיסטינס, סטודענטען, פּאַרטייען און וואָלוועלע ביר.

דאָ האָט זי שוין אויך גאָרנישט געוואַרט. זי האָט געוואוסט נור איין זאַך, אַז מען דאַרף וואָס גיכער, גיכער ענדיגען. און דערנאָך ? אַלענפֿאַלס רוהיגער פֿאַר דער נשמה וועט דאָך זיין.

און ער, דער סטודענט־מאַטעמאַטיק ראָגאַטשעווסקי, איז געזעסען נעבען איהר, ניט געשטערט איהר טראַכטען. וואָרום ער איז אַליין געווען פֿערטיעפֿט אין זיינע געדאַנקען. חאַסיע האָט גוט געוואוסט, אַז די געדאַנקען ראָגאַטשעווסקי'ס געהערען איהר, אַז ער האָט זי לאַנג ערנסט ליעב. ניט ריכטיג איז, אַז קיינער איז ניט געקומען פֿאַר אָט דער צייט. אָט איז געקומען דאָך איינער, וועלכער איז געשטאַנען פֿיעל העכער פֿאַר אַנדערע. אַ סימפּאַטישער און אַ נאָהענטער מענש, אפֿשר וואָלט אַן אַנדער מיידעל געקענט צוגעהן נעהנטער. אָ! וויפֿיעל מאָל האָט זי שוין דאָס געפּרובט, געכאַפּט יעדען סימן פֿון סימפּאַטיע־געפֿיהל. זי האָט זיך געפֿלייסט דאָס איינהאַלטען, נאָכגעיאָגט זיך, געמיינט: אָט אַזוי קומט דאָך צולעצט די אמת'ע ליעבע, אָט אַזוי הויבט זיך דאָך דאָס אָן, וואָס מיר, מענשען, רופֿען אָן „גליק“. נאָר די מאָמענטען פֿלעגען

גיך פֿערשווינדען, און ווידער איז געוואָרען פוסט. זי וואָלט גע־וואָלט כאָטש איין שעה איבערלעבען אַ שטאַרקען געפֿיהל, איין שעה זאָל זיך איהר כאָטש דוכטען, אַז זי קאָן אָהן איהם ניט לעבען. נאָר אַזאַ שעה געדענקט זי ניט. ווען איהר געמיט איז געווען זעהר שווער, פֿלעגט זי זיך אַליין שולדיג מאַכען. און ווען ראָגאַטשעווסקי איז צו איהר געקומען גראָד אין דער צייט פֿון אַזאַ שווערען געמיטס־צושטאַנד, האָט געקוקט איהר מיט ליעבע אין די אויגען, האָט חאַסיע איהם געזאָגט:

— קוקט ניט אויף מיר אַזוי, ראָגאַטשעווסקי. גלויבט מיר, איך בין דאָס ניט ווערט. איך בין אַ שלעכטע. ניין, ניין, איהר וועט מיך ניט אַיינרעדען, איך בין אַ שלעכטע. ביי מיר איז אַ קאַלטע האַרץ, איך וועל קיינעם קיינמאָל ניט ליעב קריגען. איך קען ניט ליעבען. איך בין עפּיס אַנ׳אַנדערע.

— „גאָט איז מיט אַייך, חאַסיע, וואָס רעדט איהר? איהר זענט דאָך אַ צאַרטע, אינגאַנצען, אינגאַנצען אַ צאַרטע; איהר ווייסט דאָך אַליין ניט, ווער איהר זענט“. און דעם איינציגען מאָל איז ראָגאַטשעווסקי צוגעפֿאַלען צו איהר האַנד.

חאַסיע׳ן האָט זיך געדוכט, אַז איהר איז גוט, און זי האָט די האַנד ניט אַוועקגענומען. און ער, אַ גליקליכער, האָט אָט די טייערע האַנד געקושט מיט זיינע הייסע ליפּען און געשעפּטשעט:

„איך וועל וואַרטען, חאַסיע. איך האָב מיין גאַנצען לעבען גע־וואַרט. זענט נאָר ניט פֿערצווייפֿעלט, טרויעריג, גלויבט, אַזוי ווי איך גלויב“.

און נאָך לאַנג האָט ער גערעדט. די ווערטער זענען גע־גאַנגען פֿון האַרצען צום האַרצען. חאַסיע׳ן איז געווען גוט, ווי קיינ־מאָל ניט ביז איצט מיט ראָגאַטשעווסקי׳ן.

— „מיין גוטער, מיין בעסטער פֿריינד“, — האָט זי צו איהם געזאָגט.

און אויף מאָרגען מיט דער ניכטערקייט, האָט שוין חאַסיע געפֿונען, אַז איהרע ווערטער זענען אפֿשר געווען ניט פֿאָרזיכטיג. און זי האָט געשריבען ראָגאַטשעווסקי׳ן, געבעטען איהם טויזענד מאָל מוחל זיין, און אַז בעסער איז פֿאַר איהם, ווען ער וועט זי אויפֿהערען צו בעזוכען. זי זעהט, אַז זי איז ניט בעשאַפֿען פֿאַר

גליק. שטענדיג וועט זי איהם געדענקען, רעכענען פאַר דעם נאָהענטסטען מענשען, נאָר פאַר איהם איז פיעל, פיעל גלייכער, אויב ער וועט זי פערגעסען.

.III

נאָכ'ן ענדיגען, מיט דעם דיפּלאָם אויף אַ פעלדשערין-מאַסאַזשיסטין, איז חאַסיע אין דערהיים ביי די עלטערן לאַנג ניט געזעסען. אין דעם זין איז איהר געגאַנגען ניט שלעכט. זי האָט גאָר גיך בעקומען אַן אָפיציעלע מיטטיילונג פון כאַרקאָווער זעמסטווע, אַז איהרע פּאַפּירען זענען אָנגענומען, און אַז זי בעקומט אַ שטעל אין אַ גרויסען דאָרף אין כאַרקאָווער גובערניע, וואו עס איז דאָ אַ קראַנקענהויז, אַ דאָקטאָר, און אויב זי איז מרוצה, קאָן זי שוין פאָהרען אויף איהר נייעם אָרט. חאַסיע האָט די שטעל אָנגענומען. זי איז געווען נאָך מעהר צופרידען, וואָס דאָס איז אויסגעפאַלען גראָד אין אָנהויב זומער. אויף אַזאַ אופן איז דאָס אויסגעקומען, ווי זי וואָלט פאָהרען אויף אַ זומער-וואוינונג. נאָך עטליכע יאָהר פערברענגען אין דער גרויסער שטאָדט, נאָך אַלץ, וואָס איהר איז אויסגעקומען איבערלעבען, האָט זי פאַר זיך גערעכענט פאַר זעהר נויטיג די נייע, געזונטע אַטמאָספער צווישען געזונטע מענשען. און אַז זי איז געקומען אַהין אין דאָרף קראַסנאָסעליצאַ און האָט דערזעהן דעם ריינעם הויף, וואָס איבער איהם האָבען שפּאַצירט טויבען, און דעם ריינעם פליגעל, וואו עס האָט זיך געפינען די אַפּטייק און אַ ספּעציעלער צימער פאַר איהר, איז זי גאָר געבליבען צופרידען און האָט בעשלאָסען אַזוי גיך די שטעל ניט וואַרפען. דער עיקר האָט איהר געפרעהט דער קליינער גאָרטען מיט בלומען נעבען איהר הויז און דער בליהענדער בוים, וואָס שטעהט גראָד אַנטקעגען איהר פענסטער, אַזוי נאָהענט, אַז בעת זי עפענט דעם פענסטער, ריהרט זי אָן די צווייגען. דער אַלטער סטאָראָזש האָט געבראַכט פרישע וואַסער און געפרעגט: אפשר וויל די פריילין אַ קאַנאַריק, קען ער איהר ברענגען. חאַסיע האָט אָנגעטאָן אַ פרישע, זומערדיגע בלוזע און איז אַוועק בעקאָנען זיך מיט איהרע מיטאַרבייטער און פאָרשטעלען זיך דעם דאָקטאָר. מען האָט זי בע-

געגעגט פֿריינדליך, איבערהויפּט דער דאָקטאָר, וועלכער האָט זי איינגעלאַדען פֿאַרנאַכט צו זיך אויף טיי. דעם ערשטען אָבענד האָט זי פֿערבראַכט אַזוי געמיטליך אין אַ גוטער געזעלשאַפֿט אויף דער אָפֿענער וועראַנדע. געווען די גאַנצע דאָרפֿישע אַריסטאָקראַטיע: דער גלח, דער לעהרער און אַ סטודענט אַ גוט-בעזיצערס אַ זוהן. אַ ביסעל אוּנאָנגענעהם האָט זי זיך, אמת, דערפֿיהלט, בעת דער סטודענט האָט דערצעהלט איינּיגע יודישע וויצען. נאָר דער סטודענט, פֿערשטעהענדיג דעם וואונק פֿון דאָקטאָר, האָט געבעטען ענטשולדיגונג ביי חאַסיע'ן און האָט איהר פֿערזיכערט, אַז ער האָט זעהר פֿיעל בעקאַנטע, און חברים אַפֿילו, צווישען יודישע סטודענטען. אַלענפֿאַלס זאָל זי איהם זיכער גלויבען, אַז ער איז אַזוי וויַיט דערפֿון, וואָס מען רופֿט אָן אַנטיסעמיטיזם.

אויף מאָרגען, צונעהמענדיג קראַנקע אין דאָרפֿישען קראַנקענהויז, האָט זיך שוין חאַסיע געפֿיהלט ווי אַן אַלטע בעקאַנטע. זי איז געלאָפֿען אין איהר ווייסען קיטעל אַ מונטערע, מיט אַ צופֿרידענעם שמייכעל פֿון קראַנקענהויז אין אַפּטייק און צוריק, אויסגעהערט מיט געדולד די פּויערים און פּויערטעס, ווען זיי האָבען גערעדט וועגען אַלץ, וואָס איהר ווילט, אָבער ניט וועגען דעם, וואָס האָט אַ שייכות צו דער קראַנקהייט; ניט געפֿוילט זיך צו איינּיגע מאָל איבער'חזר'ן יעדערן, ווי אַזוי מען דאַרף נעהמען די צוגעשריבענע מעדיצין. די פּאַציענטען האָבען זיך געניגט, געדאַנקט, נאָך אַמאָל געפֿרעגט. חאַסיע איז געשטאַנען מיט אַ טערמאָמעטער אין האַנד און האָט פֿריינדליך געגריסט:

— „גוט, גוט! זעהט נאָר, קומט מאָרגען נאָך אַמאָל און פֿערגעסט ניט שמירען אין האַלז דריי מאָל אַ טאָג“.

נאָך דער אַרבייט האָט זי געשפּאַצירט איבער די דאָרפֿישע גאַסען, איז אַריינגעלאָפֿען צו דעם איינציגען יודען אין דאָרף, דעם קרעמער.

— „ביי אַייך זענען זעלטען שעֶנינקע קינדער“, — האָט זי געזאָגט צום קרעמערס ווייב.

זי האָט זיך געפֿיהלט גוט, און וואָלט גערן איטליכען געזאָגט אַ גוט וואָרט, געעטעמט מיט פֿרישער, דאָרפֿישער לופֿט, געגעסען געזונטע, פּשוטע מאכלים. און אין אָבענד איז זי ניט

אַלעמאָל געווען אַליין. געוועהנליך פֿלעגט קומען דער דאָקטאָר מיט דעם סטודענט, וואָס נאָך איהם איז נאָכגעגאַנגען שטענדיג אַ רוהיגער גרויסער סען-בערנאַר. ביי איהר איז געווען אַ זיבערער צימער מיט אַ סך פֿעלד-בלומען. אין ווינקעל איז געהאַנגען אַ הילצענער שטייגעל מיט אַ קאַנאַריק, וועלכער פֿלעגט אין דערפֿריה, ווען חאַסיע איז נאָך געלעגען אין בעט, פֿונאַנדערגיסען זיך אין טרעלען.

חאַסיע האָט ניט געטראַכט וועגען צוקונפֿט, וועגען נייע פּלאַנען. זי האָט נאָר גערוהט און בעשלאָסען צו האַרבסט אויסצושרייבען צוויי מאָנאַטסשריפֿטען, פֿערשיידענע פֿעדים אויף אויסנייהען. יאָ, דאָרט אין קיעוו האָט זי אַזוי וועניג געלעזען און איז גאָר אָבגעשטאַנען פֿון דער ליטעראַטור.

אַזוי איז דורך דער זומער. חאַסיע איז געוואָרען געזינטער, שענער, דאָרפֿישער. אָפֿט פֿלעגט איהר אויסקומען אַרויספֿאָהרען צו קראַנקע איפֿ'ן לאַנד, און אָט די רייזען פֿלעגט זי מיט אינטערעס אַלעמאָל דורכמאַכען. אין די אַרומיגע דערפֿער האָט מען זי געקענט. פּויערטעס פֿלעגען איהר ברענגען פֿערשיידענע מתנות: אייער, אַמאָל אַ פּאָר טויבען, פֿרוכטען. חאַסיע פֿלעגט צונעהמען די מתנות און לאַכען.

נאָר אָט איז געקומען דער האַרבסט מיט די רעגענס, גרויסע בלאָטעס און פֿינסטערע נעכט. דער סטודענט איז אַוועקגעפֿאָהרען אין פּעטערבורג. דער דאָקטאָר האָט זיך אין דער צייט אָבגעגעבען זיין שוואַכקייט: דעם טרינקען. ער פֿלעגט אַריינגעהן צו איהר פֿאַרנאַכט, נאָר שטענדיג אַנ'אויפֿגערעגטער, מיט בלישצענדיגע אויגען. און איינמאָל האָט ער געקלאַפּט אין טיש, דערצעהלט, אַז ער האָט אַ שלעכט פֿאַמיליען-לעבען, אַז ער האָט ניט ליעב זיין ווייב און אַז ער איז אונגליקליך, ווערט פֿערפֿאַלען דאָ אין העק.

— „איהר פֿערשטעהט, קאָלעגאַ, איך האָב געהאַט אַמאָל אידעאַלען, און איצט? וואָס בין איך איצט?“ — האָט געטענ'עט דער דאָקטאָר.

חאַסיע האָט זיך געשראָקען, ניט געוואוסט אַליין, פֿאַרוואָס, נאָר געשראָקען זיך. און דער שרעק פֿלעגט זי ניט פֿערלאָזען אין אָט די נעכט, אַזוינע לאַנגע און פֿינסטערע.

זי זיצט פֿאַר׳ן לאָמפּ אין איהר צימער. אויפֿ׳ן טיש ליגט די אָפֿענע באַנאַטסשריפֿט „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ“, נאָר עס לייענט זיך ניט. אומעטיג, לאַנגווייליג און שווער, שווער. פֿון גאַס הערען זיך געשרייען, זידלערייִ פֿון שכּור׳ע גוים. הונגעריגע הינט בילען. איבערהויפּט אָט דער פּלוצלונגדיגע „גוואַלד, ראַטעוועט!“, ווען אויף דער פֿינסטערער גאַס פֿלעגט פֿאָרקומען אַ געשלעג. חאַסיע האָט דאַן געציטערט, געפֿיהלט זיך אַזוי איינזאַם, אונגליקליך. גוט כאָטש, וואָס עס האָבען זיך איבער׳ן הויף געהערט די לאַנגזאַמע, שווערע טריט פֿון סטאָראָזש. חאַסיע האָט געוואוסט, אַז דאָס איז ער, נאָר דאָך פֿלעגט זי עפֿענען די טיר און פֿרעגען:

— „דאָס זענט איהר, איוואַן?“

— איך, איך, פֿריילין, שרעקט זיך ניט.

זי האָט זיך דעריבער גאָרניט געוואונדערט, ווען זי האָט זיך אמת דערפֿרעהט, ווען איינמאָל אין אַזאַ נאַכט איז געקומען צו איהר מיט אַ וויזיט אַ רייזענדער אַגענט פֿון זינגער׳ס נייה־מאַשינעס. ער דאַרף דאָ נאָך בלייבען איינינע טעג. די אָבענדען זענען ביי איהם פֿריי, אויב פֿריילין שימשעלעוויטש האָט ניט קעגען דעם, וואָלט ער מיט פֿערגעניגען צו איהר אַריינגעקומען.

נאָר ער איז געווען אַזוי פֿלאַך, באַנאַל, אַזוי נאַריש געזונגען נאַרישע ראָמאַנסען, געדרעהט די וואָנסען און גערידהמט זיך מיט׳ן ערפֿאָלג, וואָס ער האָט ביי פֿרויען, קוקענדיג בעת מעשׂה מיט ניט־גוטע, פֿערשייטע אויגען. דעריבער האָט חאַסיע אָנגעזאָגט דעם סטאָראָזש איוואַן, אַז אויב ער וועט נאָך אַמאָל קומען, זאָל ער איהם זאָגען: זי פֿיהלט זיך ניט געזונט און קען איהם ניט צונעהמען.

אין קראַנקענהויז איז געווען קאַלט, פֿינסטער, אומעטיג. די פּאַציענטען פֿלעגען קומען שמוציגע, דערפֿראָרענע; ברענגען אויף די גרויסע שטיוועל די גאַנצע בלאָטע פֿון די גאַסען. און אַזוי ווי נאַרישער זענען זיי אַלע געוואָרען. זיי פֿערשטעהען ניט, ווען מען רעדט צו זיי ניט, טוען פֿערקעהרט. חאַסיע פֿלעגט קומען צו זיך אַ מיעדע פֿון דער אַרבייט. אין צימער איז טונקעל. עס ליגט אַן אָפֿענער „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ“. דער קאַנאַריק איז אַ צוגויפֿגעדרעהטער, אַן אומעטיגער אין זיין שטייגעל. חאַסיע האָט פֿער־

געסען אַריינוואַרפֿען אַהין קערנדלעך און אַריינשטעלען וואַסער.

און די רעגענס האָבען ניט אויפֿגעהערט. עס האָט געדוכט, אַזוי וועט דורכגעהן אַ גאַנצע אייביגקייט, אָהן אַ סוף. חאַסיע שרייבט דאַן לאַנגע, לאַנגע בריעף איהר בעסטען פֿריינד ראָגאַטשעווסקי׳ן. איהר גאַנצע איינזאַמקייט, איהר אומעט, ספֿקות, גיסט זי אַרויס אין די בריעף. נאָר אין דערפֿריה צערייסט זי זיי. זי האָט דאָך קיין רעכט ניט איהם צו שרייבען איצט, ווען אַפֿילו אַן אַגענט פֿון זינגער׳ס מאַשינעס איז אויך אַ ליעבער גאַסט. פֿאַרוואָס האָט זי זומער איהם ניט געשריבען, ווען צו איהר אין פֿענסטער האָט געקוקט דער בליהענדיגער בוים, ווען דער קאַנאַריק האָט געזונגען, און דער סטודענט פֿלעגט קומען מיט זיין גרויסען, רוהיגען סענבערנאַר?

IV

שוין דריי יאָהר, אַז חאַסיע פֿערנעהמט איהר שטעלע אין דאָרף קראַסנאָסעליצאַ, און די גאַנצע צייט איינס און דאָסזעלבע. דאָס, וואָס עס גיט דער זומער, נעהמט צו דער רעגענדיגער, פֿינסטערער האַרבסט. זי האָט זיך אויסגעמאַטערט, איז עלטער געוואָרען. אמת, ווי פֿריהער, געהט זי אַרום זויבער מיט די ווייסע מאַנזשעטלעך; ווי פֿריהער קליידען איהר די געשאָרענע האָר און די זומער־שפּרינקלעך. נאָר ניטאָ שוין די נאַאיווע אָנגעשטרענגטקייט אויפֿ׳ן פּנים, ווען איינער וויל עפּיס פֿערשטעהן, און עס גיט זיך ניט לייכט. אַ סך, אַ סך וויים שוין חאַסיע, און דער עיקר ווייס זי, אַז איהר יוגענד איז פֿערשוואונדען, און אַז קיינמאָל האָט זי נאָך ניט געהערט אין איהר נשמה די ליעד פֿון ליעבע. אויף אַ נאָהענטען מענשען קאָן זי נאָך האָפֿען: זי דאַרף נאָר אַ פּאָר ווערטער שרייבען, און ער וועט קומען, דער סטודענט־מאַטעמאַטיק ראָגאַטשעווסקי. נאָר חאַסיע האָט דאָס ניט געטאָן, ניט געקאָנט טון. ער האָט געוואַרט, נאָר זי האָט איהם ניט גערופֿען, וואָרום ס׳ניט געווען דאָס איינציג וויכטיג וואָרט אין האַרצען. וויבאַלד זי קאָן ניט שרייבען: „קום, מיין ליעבער, מיין טייערער“ -- טאָ זאָל געהן ווייטער אַזוי, ווי ביז איצט.

חאַסיע פֿלעגט קומען יעדן יאָהר צו גאַסט אויף אַ קורצער צייט צו איהרע עלטערן, געהאָלפֿען מאַטעריעל דער אָרימער שוועסטער, וואָס ביי איהר איז געשטאָרבן דער מאַן, געגעבן געלד דעם טאַטען, ווען דער פֿערד איז געפֿאַלען, און מען האָט געדאַרפֿט קויפֿען אַ נייעם. וועגן איהר לעבען, וועגן איהרע פּלאַנען האָבען די איהרע עלטערן ניט געפֿרעגט. וואָס קאָנען זיי פֿערשטעהן? „איך בין מעהר ניט ווי אַ פֿיהרמאַן", — האָט געזאָגט צו זיך אַליין איהר פֿאָטער. נאָר געהענדיג פֿאַרנאַכט שבת פֿון שול מיט זיין ווייב, האָט ער בעמערקט:

— חאַסיע אונזערע איז ניט גליקליך.

—„יאָ, יאָ, פֿערזינדיגט" — האָט די טרויעריג געענטפֿערט.

אויף דעם מאָל איז חאַסיע געקומען נור אויף אַ פּאָר טעג, דורכפֿאָהרענדיג. ווען אין דער נאָהענטער הוים-גובערניע האָט זיך אָנגעהויבען די כאָלערע-עפּידעמיע, האָט זי אַרויסגעזאָגט איהר ווונש צו פֿאָהרען אַהין. ווען מען וואָלט ביי איהר פֿרעגען: איבער וואָסערע טעמים? — וואָלט זי געוויס אַליין ניט געקענט ענטפֿערן. ווען עמיצער וואָלט זאָגען, אַז חאַסיע איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ מאָראַלישען געפֿיהל זיך מקריב צו זיין, געהן פֿערגרינגערן די ליידען פֿון מענשען, וואָלט די אָרענטליכע חאַסיע, וואָס האָט ניט געקאָנט פֿערטראַכטען קיין פֿאַלשקייט, געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ: ניין, ניין, ניט דאָס. זי ווייס אַליין ניט. סתם אַזוי: עמיצער דאַרף דאָך פֿאָהרען. און בכלל: איז דען ניט אַלץ איינס, פֿריהער אָדער שפּעטער.

אין דערהיים האָט זי דערקלערט איהר פֿאָהרען דורכדעם, וואָס מען בעקומט דאָרט אַ צווייענדיגען געהאַלט, און אַז מורא איז ניטאָ וואָס צו האָבען. פֿאַר בעקאַנטע, וואָס האָבען געוואוסט, אַז חאַסיע האָט אויסגעקליבען גראָד דעם געפֿעהרליכסטען פּונקט, וואו די כאָלערע-עפּידעמיע איז געווען צום שטאַרקסטען, האָט זי געזאָגט: אַז מען האָט זי אַהין אין דעם פּונקט געשיקט, און אָבזאָגען זיך וואָלט געווען ניט שעֹן, און ווידער אומעטיג בעמערקט:

— עמיצער דאַרף דאָך פֿאָהרען.

חאַסיע איז מעהר ניט פֿערפֿאָהרען געזעגענען זיך, איינקויפֿען איניגע זאַכען. אין דעם לעצטען אָבענד זענען געקומען בע-

קאַנטע, פֿיעל פֿון דער שטאָדטיגער יוגענד. אַלע האָבען זיך געפֿיהלט אַזוי ווי געצוואונגען. מען האָט געפּרובט זינגען, נאָר עס איז ניט געגאַנגען. דאַן האָט מען בערידהרט פֿערשיידענע צייטפֿראַגען. איינער אַנ׳עקסטערן אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט איז אָנגעפֿאַלען אויף דער איצטיגער נעוואַסטענישער יוגענד, וואָס איז פּעסימיסטיש, פּאַסיוו, וואָס געהט אַוועק מיט אַזאַ לייכטזיניגקייט פֿון לעבען. חאַסיע, וואָס האָט געוועהנליך ליעב געהאַט ניט אַריינמישען זיך אין דיספּוטען, האָט גראָד דעם מאָל אַזוי נערוועז געענטפֿערט. פֿערטיידיגט. יאָ: די, וואָס געהען אַוועק, פֿערדיענען, לכל הפּחות, מען זאָל אויף זיי ניט וואַרפֿען קיין שטיינער, און עס זאָלען ניט קומען זאַטע, צופֿרידענע מענשען און בעגלייטען מיט חוזק דאָס, וואָס עס דאַרף אַרויסרופֿען אונזער גרעסטע אויפֿמערקזאַמקייט. יאָ! ביים מענשען זענען, מסתּמא, פֿאַרהאַנען געוויס סבּות, אויב ער געפֿינט פֿאַר זיך בעסער אָבשייד צו נעהמען.

אַלעמען איז געווען אונאָנגענעהם, און דער דיספּוט האָט אויפֿגעהערט. חאַסיע איז געזעסען אַרמגענומען מיט איהר אַמאָליגער שולערין, מיט דערזעלביגער, וואָס האָט איהר געשאָנקען אַ פּערל־מוטערנעם בינאָקל און וואָס האָט געקוקט אויף איהר אַזוי אונרוהיג, אַזוי בעטענדיג אין די אויגען.

— איהר דאַרפֿט זיין פֿאָרזיכטיג, חאַסיע, — האָט זי געזאָגט.

— נו, געוויס. ווי־זשע דען? געוויס פֿאָרזיכטיג.

מען איז ביז שפּעט געזעסען. געווען אַפילו קליינינקע רעדעס. איינער פֿון איהרע בעקאַנטע, אַ הייסער נאַציאָנאַליסט, האָט געזאָגט, אַז ער קען דאָס פֿערשטעהן. פֿאַרהאַנען עפּיס ריהרענדעס אין דער פֿאָרם פֿון נקמה, וואָס עס קלייבט אויס די יודישע מיידעל. בעת דער רוסישער פֿויער אײלט זיך אין שטאָדט צום יודישען פּאָגראָם און בעהאַלט אין די קעלערס, אין די גערטנער סחורות פֿון יודישע קראָמען, — וואָס טוט דאַן די יודישע מיידעל? זי געהט ריזיקירען פֿאַר איהם מיט איהר אייגענעם לעבען; זי געהט אין דאָרף, ווען דאָרט איז די כאָלערע־עפּידעמיע.

דעם נאַציאָנאַליסט האָט געענטפֿערט דער סאָציאַל־דעמאָקראַט און נאָך אַנדערע.

„וואָס רעדען זיי? איך פֿערשטעה גאָרניט, וואָס זיי רעדען,

האָט געזאָגט חאַסיע צו איהר אַמאָליגער שילערין, וואָס מיט איהר איז זי געזעסען אַרומגענומען.

איוף מאָרגען האָט מען חאַסיע'ן בעגלייט צום וואָקזאַל. דער פאָטער האָט גאָרניט פערשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר אַזוינס: „איך בין מעהר ניט, ווי אַ פוהרמאַן“, — האָט ער געקלערט. ער האָט ניט פערשטאַנען אַפילו שפעטער, ווען אין צוויי וואָכען אַרום איז אָנגעקומען אַן'עקסטרע־טעלעגראַם, וואו מ'האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז חאַסיע איז געשטאָרבען פון כאָלערע, נאָכדעם ווי זי איז אָבגעלעגען צוויי טעג קראַנק, און אַז מען וועט זי בעגראָבען אין קרייז־שטאָדט.

דער דאָרף איז געווען דער געפעהרליכסטער פונקט, און חאַסיע האָט זיך ניט גוט געהיט: ניט אַלעמאָל דעזינפיצירט די קליידער, די הענד, נאָכדעם ווען זי פלעגט אַריינזועצען די קראַנקע אין וואַנע, אָדער רייבען זייער לייב מיט פערשיידענע עסענצען.

די לויה איז געווען זעהר אַ גרויסע, אַ פּאַראַדנע, כמעט די גאַנצע שטאָדט איז נאָכגעגאַנגען. ביים פרישען קבר האָט גערעדט דער רב, דער עלטערער דאָקטאָר, דער פּאָרזיצענדער פון זעמסטווע. נאָר חאַסיע'ס עלטערן זענען געשטאַנען אָן דער זייט, פון זייערע אויגען האָבען זיך געגאָסען טרערען, און זיי האָבען גאָרנישט ניט פערשטאַנען.

ערשט אַהיים קומענדיג, האָט די מוטער געשריען ניט מיט איהר קול:

— „מען האָט אָבגעהאַקט אַ בוים, אַזאַ יונגען בוים...“

———————

אין אַ קורצער צייט אַרום האָבען חאַסיע'ס עלטערן בעקומען אַן'אָפיציעלע מיטטיילונג, אַז מען בעט זיי קומען אין גובערניע־שטאָדט אָבנעהמען די טויזענד פינף הונדערט רובעל פערזיכערונגס־געלד פאַר זייער טאָכטער. די זעמסטווע האָט פערזיכערט יעדערן פון דעם מעדיצינישען פערסאָנאַל, וואָס איז געפאָהרען אין דער עפּידעמיע־געגענד אַרבייטען.

צו חאַסיע'ס פאָטער, ווען ער איז געקומען אין דעם בוראָ פון דער זעמסטווע, איז אַרויס דער פּאָרזיצענדער:

— דאָס זענט איהר שימשעלעוויטש, דער פֿאָטער פֿון דער פֿערשטאָרבענער פֿעלדשערין?

— איך בין דאָס, מיין האַר — האָט געענטפֿערט דער פֿוהר־מאַן.

— איהר האָט געהאַט אַ זעלטענע טאָכטער, האָט געזאָגט דער פּרעזידענט: זי איז געפֿאַלען אַ קרבן פֿון איהר חוב. אַלע דערצעהלען פֿון איהר וואונדער, ווי זי האָט געאַרבייט, ווי זי האָט פֿאַר גאָרנישט ניט מורא געהאַט. איהר קענט בעקומען אין קאַסע די פּענזיע פֿון פֿערזיכערונגס־סומע, און אויב איהר ווילט, אויך די צייטונג, וואו עס איז דאָ אַ נעקראָלאָג וועגען איהר.

חאַסיע'ס פֿאָטער האָט זיך שוין לאַנג בערוהיגט. ער האָט געקויפֿט אַ גוטען לאַקירטען פֿאַעטאָן, אַ פּאָר פֿערד, און דער שענסטער אַרויספֿאָהר אין שטאָדט געהערט איהם. ער פֿיהרט דעם קרייז־קאָמיסאַר, דעם עלטערן מיטגליד פֿון קרייז־געריכט און אַלע רייכע, פֿאָרנעהמע געסט, וואָס קומען אין אונזער שטאָדט, פֿון וואָקזאַל; אַמאָל אויך אַ וואָיאַזשאָר פֿון אַ רייכער פֿירמע. און דאַן, אויב האַסיע'ס פֿאָטער זעהט, אַז דער וואָיאַזשאָר איז אַ גוטער מענש און גוט אויפֿגעלעגט, פֿאָהרט ער אַ ביסעל פּאַמע־ליכער, קעהרט זיך אום מיט'ן פּנים צו איהם און דערצעהלט וועגען זיין טאָכטער און אויך וועגען דעם, ווי אַזוי צו איהם אין ביוראָ איז אַרויס אַ וויכטיגער פּריץ און האָט געפֿרעגט: „דאָס זענט איהר שימשעלעוויטש, דער פֿאָטער פֿון דער פֿערשטאָרבענער פֿעלד־שערין?“ און האָט איהם געגעבען די האַנד.

א זומער-בילד.

I.

צװײ קרעמער זענען געשטאַנען אױף די שװעלען פֿון זײערע קראָמען און האָבען געקוקט אַהין, צום מאַרק-פּלאַץ, װאו געװעהנליך טומלט זיך שטענדיג, װאו ס'דרעהען זיך הונדערטער פּױערים אַרום זײערע אױסגעשפּאַנטע װעגען, דינגען זיך, טרינקען שנאַפּס, קריגען זיך, פּאַטשען אין די הענד און שטרענגען אָן דעם דאָרפֿישען כּח, מען זאָל זײ ניט אָפּנאַרען דאָ אין שטאָדט. איצט איז כּמעט דער פּלאַץ אַ פּוסטער, הגם הײנט איז מיטװאָך, אַ מאַרק-טאָג.

„שעהנע צײטען, האַ?" זאָגט אײן קרעמער צום צװײטען.

— „נאָך אַ װאָך אַזאַ, און אַ סוף צו אַלע תּבֿואות אױף די פֿעלדער", בעמערקט דער צװײטער. דאָס איז אַן'ענטפֿער אױף די װערטער פֿון זײן שכן, װאָרום מיט די „שעהנע צײטען" מײנט ער די שרעקליכע היצען, װעלכע הערען ניט אױף אָט שױן זעקס װאָכען.

און באמת, אַזאַ הײסען זומער געדענקט מען שױן לאַנג ניט. אין דער נאַטור איז אַלץ אַזױ װי אױסגעשטאָרבען. די בױמער האָבען אָנגעװאָהרען די האָפֿנונג אױף אַ װינטעל. די בלעטער הענגען פֿערװעלקט, פֿערטריקענט און מיט די לעצטע קרעפֿטען שעפּטשען זײ: „װאַסער, זאַפֿט". אַנטשװיגען געװאָרען זענען די פֿױגלען, נור די הײשעריקען טומלען, שפּרינגען אַרום אין דעם טריקענעם, פֿערשמאַכטען גראָז. אַן'עלענדקײט הענגט אױף אַלעמען און אַלץ אױף די פֿעלדער, אױף די גערטנער, אױף דער לאַנגער גאַס, װאָס איבער איהר פֿלעגען זיך ציהען הונדערטער אָנגעלאָדענע פֿוהרען. איצט זעהט מען קײן מענשען ניט דורכגעהן. די לאָדענס פֿון די הײזער זענען פֿערמאַכט. נעבען די הױפֿען ליגען הײנט מיט אױסגעשטרעקטע צינגער, מיט רױטע, מידע, האָפֿנונגסלאָזיגע אױ-

גען. עס איז דורכגעגאַנגען מיט אַ צעבראָכענער פֿידעל אַבֿרהמ׳טשיק דער משוגע׳נער, און נאָך איהם דער חזיר-הענדלער, אַ דיקער מענש. ער האָט געפֿיהרט אויף אַ גרויסען וואָגען דריי צונויפֿגעבונדענע חזירים, וואָס האָבען געשריען שרעקליך, פֿיהלענדיג, וואָס פֿאַר אַ פּלענער דער בעל-הבית האָט וועגען זיי. און ווידער איז אַלץ פֿערזונקען געוואָרען אין דער מיעדער שטילקייט. עס האָט זיך געדוכט, אַז די מענשען זענען זיך צעלאָפֿען ערגיץ אַהין, וואו עס איז קיהל, וואו די זון ברענט ניט אַזוי, וואו דער שטויב איז ניט אַזוי הייס און פֿערשיט ניט די אויגען, וואַרגט ניט אין האַלז. אַרום און אַרום האָבען געברענט וועלדער. גרויסע מאַסען פּויערים, מיט די גלחים פֿאָראויס, האָבען זיך געצויגען פֿון די דערפֿער צו די פֿעלדער און אויף די קניה געבעטען זיך ביי גאָט, ער זאָל זיך דערבאַרימען און זאָל שיקען אַ רעגען.

יודען זענען, אמת, ניט געזעסען לענגער אין שול, ווי אַלעמאָל, נאָר קיינמאָל האָבען זיי ניט געפֿיהלט די אָבהענגיגקייט פֿון יענע פֿרעמדע פֿעלדער, וואָס האָבען געהערט צו יענע פֿרעמדע פּויערים. דער גאַנצער האַנדעל האָט זיך אָבגעשטעלט. עס האָט אָנגעהויבען שמעקען מיט באַנקראָטען, און אָנשטאָט פֿריהערדיגע לעבהאַפֿטע סצענעס צווישען די רייהען קראָמען, קען מען זעהן, ווי איינער וויל אין עפּיס איבערצייגען דעם צווייטען, און ער, דער צווייטער, מאַכט מיט די הענד, וואָס דאַרף בעדייטען:

— איך האָב ניט. נו עסט מיך אויף לעבעדיגערהייד, לאָדט מיך צום געריכט, — איך האָב ניט.

אָט לויפֿט איינער מיט׳ן הוט פֿערדרעהט אָן אַ זייט און דעם ערשטען, וועמען ער בעגעגענט נאָר, שטעלט ער אָב און בעט אַיילענדיג: ביז מאָרגען אַ גמלות חסד, פֿופֿציג רובעל. ביז מאָרגען. טוט מיר אַ טובה. איך מוז.

— אַהאַ, איהר מוזט? — זאָגט מען איהם מיט אַ פֿערדראָסיגען שמייכעל: איך מוז אויך.

הערט ער נישט די לעצטע ווערטער: ניטאָ קיין צייט, און לויפֿט ווידער פֿון איין געשעפֿט צום צווייטען: אַ גמילות-חסד, פֿופֿציג רובעל ביז מאָרגען, איך בעט אייך. און קרעמער לאַכען

פֿון אַזאַ נאַאיווען ייִדען, וועלכער זוכט אין אַזאַ ביטערער צייט גמילות חסדים.

פֿאַרהאַנען נור איין מענש, וואָס פֿיהלט ניט דעם אונגליק, וואָס פֿערלירט זיך ניט. דאָס איז דער אַפּטייקער. ער איז געוועהנט צו קוקען אויף דער יודישער בעפֿעלקערונג, ווי אויף זיינע אונטערטאַנען. ווארום ער ווייס, אַז דער יוד וועט פֿערזעצען דאָס לעצטע און וועט נעהמען די צוגעשריבענע מעדיצין. איז איהם גוט, דעם אַפּטייקער, און זיינע שטוב-בלומען, וואָס ער בעגיסט זיי מיט וואַסער רעגעלמעסיג צוויי מאָל אַ טאָג אין איין און דערזעלבער צייט. „נאָך אַ ביסעל, אַך! ליעבער האַר, נאָך אַ ביסעל“, בעטען זיך שמייכלענדיג פֿון פֿרישקייט, אויסגלייכענדיג די גרינע בלעטעלעך, די גליקליכע, פֿריוויליגירטע שטוב-בלומען.

געענדיגט אָט די אַרבייט, געהט ער צו צום גראַמאָפֿאָן. „מאַקס“! — שרייט צו איהם זיין פֿרוי פֿון צווייטען צימער, הערענדיג, ווי איהר מאַן דרעהט זיך אַרום דעם אַפּאַראַט, — זוך אויף „אַאידאַ“. דער גראַמאָפֿאָן שפּיעלט „אַאידאַ“. דער אַפּטייקער מיט דער אַפּטייקערשע זיצען ביים זויבערן סאַמאָוואַר. ער הייסט מאַקס, און זי הייסט ליזאַ. זיי איז זעהר גוט און אויך די שטוב-בלומען, וואָס קענען ניט פֿיהלען, אַז געראַטעוועט האָט זיי פֿון דער זון דאָס, וואָס זיי זענען אַזוינע קליינינקע שטוב-בלומען, געפֿאַנגענע בלומען אין די וואַזאָנעס. דער הויכער בוים דאָרט אין גאָרטען ליידט טאַקע דערפֿאַר, וואָס ער איז אַזוי הויך. דער מענש קען איהם גאָרניט העלפֿען...

אַרום און אַרום ברענען וועלדער. גרויסע מאַסען פּויערים קלייבען זיך צונויף אויף די פֿעלדער און בעטען אויף די קניה גאָט, ער זאָל שיקען אַ רעגען. און מענדיל פֿייערפֿאַס, דער ערשטער תּבֿואה-הענדלער אין שטאָדט, אַ מענש אָהן אַ קאָפּיקע געלד, נאָר מיט זעלטענע פֿעהיגקייטען צו דרעהען, פֿערדרעהען און אויסדרעהען זיך, בעט דעם יודישען גאָט אויך טאַקע וועגען דאָס זעלבע. אַך! ווי נייטיג מענדיל פֿייערפֿאַס דאַרף האָבען אַ רעגען...

II.

די תּפֿילות זענען דערהערט געוואָרען... פֿאַרנאַכט האָט זיך פּלוצלונג אויפֿגעהויבען אַ ווינטעל און איז דורכגעלאָפֿען צווישען די ביימער, פֿאַרביי די קראָמען, ווי אַנ'אונגעריכטע בשורה. „מיר גלויבען נישט דעם פֿאַלשען ווינט, וועלכער האָט אונז שוין ניט איין מאָל אָפּגענאַרט“, האָבען אומעטיג געשאָקעלט די ביימער מיט זייערע צווייגען. דאַן האָט אַ בליץ דורכגעשניטען דעם פֿערוואָל־קענטען הימעל. „מיר גלויבען ניט“, האָבען ווידער געמורמעלט די בלעטער. נאָר שוין ניט מיט אַזאַ פֿעסטקייט: „אפֿשר, אפֿשר“. זיי האָבען זיך נאָך ערנסטער צוגעהערט, ווען עס האָט אָנגעהויבען שטאַרק דונערן, ווען דער הימעל האָט זיך בעדעקט מיט שווערע, געדיכטע וואָלקענס. הו־הו־הו — האָט געוואָיעט, געריסען דער ווינט אונטער די דעכער, אין די גערטנער, צווישען די שילדען, אויפֿהויבענדיג דעם שטויב פֿון שאָסיי. הו־הו־הו — איז ער געלאָפֿען פֿון איין בוים צום צווייטען, געשאָקעלט זיי, גערייצט זיי. „נו, וואָס? איהר גלויבט נאָך אַלץ ניט?“ האָט געפֿרעגט דער ווינט די באַרען־און עפּעל־ביימער, טרייסלענדיג זיי.

נעבען אַנ'אָפֿענעם בלאָהען טויער זענען שוין געשטאַנען קליינע קינדער מיט פֿערקאַשערטע הויזלעך, און די יונגינקע קול'כלעך זייערע האָבען געקלונגען:

גאָט, גאָט, גיב אַ רעגען
פֿאַר די קליינע קינדערס וועגען...

די דינינקע פֿיסלעך האָבען ניט געקאָנט שטעהן אויף איין אָרט. זיי האָבען זיך געריסען אַהין צו די קליינע טייכלעך, וואָס וועלען ווערען באַלד נאָך דעם גרויסען רעגען.

ניט ווייט פֿון זיי האָט זיך ערנסט, לאַנגזאַם געצלמ'ט אַנ'אַלטער פּויער. ער איז געווען אויף דעם מאָל פֿעסט זיכער, אַז די וואָלקענס וועלען זיך ניט פֿונאַנדערגעהן, און ער האָט געהאַלטען פֿאַר אַ חוב דאָ אויף אַנ'אָרט אָפּצודאַנקען דעם, וועלכער האָט געהערט די תּפֿילות: „נו, אַדאַנק דיר, גאָט, געהאָלפֿען טאַקע דיינע אָרימע פּויערימלעך, אָט וועט באַלד דורכגעהן אַ רעגעלע, אָט

אַזוי, אָט אַזוי". ער איז געשטאַנען מיט אַנ'אויסגעשטרעקטער האַנד, וואָס אויף איהר זענען געפאַלען טראָפּענס, אַפריהער איינציגווייז, דערנאָך עטליכע מיט אַמאָל, און האָט אונטערגעגעבען חשק דעם רעגען: „אָט אַזוי, אָט אַזוי, אַ שטאַרקער רעגען וועט זיין, אוך! ס'אַרא שטאַרקער!". יאָ, יאָ, אַ רעגען — קלאַפּען די טראָפּענס איבער דעם בלעכערנעם דאַך, איבער די פענסטער. אַ רעגען — לאַכט דער ווינט, אַוועקשלעפענדיג מיט זיך די צייטונג פון וועראַנדע. און די וואָלקענס הענגען נאָך געדיכטער און גיסען גרויסע עמערס וואַסער. וואָס די ערד שלינגט זיי איין טשמאָקענדיג פון גרויס פערגעניגען.

עס שמייסט דער רעגען מיט זיינע לאַנגע פאַסען איבער די גערטנער און נעצט די פערבליבענע וועש, וואָס הענגט אויף די שטריק. פון פערשיידענע ווינקלען הערען זיך פרעהליכע, לאַכענדיגע שטימען. עמיצער פערמאַכט געשווינד די פענסטער. און אַזוי קאָמיש זעהט אויס דער קליינינקער מענשעלע, וואָס לויפט דאָרט אונטערשפּרינגענדיג איבער דעם שאָסיי און קען אַלץ ניט עפענען דעם שירם.

דער פויער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אָהן אַ היטעל און האָט זיך ערנסט, לאַנגזאַם גע'צלמ'ט.

אַ גאַנצע נאַכט האָט געדונערט, געבליצט. נערוועזע מענשען האָבען זיך בעהאַלטען אין די קישענס, געזונטע האָבען נאָך געשמאַקער געשלאָפען. און די ערד האָט אַלץ געשלונגען, געשלונגען אין זיך דעם רעגען, ניט קענענדיג זיך גענוג אָנזעטיגען.

אויף מאָרגען אין דער פריה איז שוין ווידער געווען טרוקען. נאָר אַזוי פריש, מילד, מונטער האָט אַלץ אויסגעזעהן. די בוימער זענען געשטאַנען אויסגעוואַשענע, ריינע, און פון זיי האָט געוועהט די טיעפע פרייד פון גלויבען. די זון האָט געקוקט אין די פענסטער, ווי אַ גוטער פריינד, וואָס פאַר איהם דאַרף מען זיך ניט בעהאַלטען. זי האָט ווי גערופען: גיכער, גיכער געהט אַרויס און עטעמט די געזונטע לופט. אַ פרייד איז געהאַנגען אויף אַלעמענס פנימ'ער. און נחום דער וואַסערפיהרער האָט שוין ניט געשלאָגען מיט'ן שטעקען זיין דאַרען ווייסען פערד. ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטען וועג און ניט געוואָלט ריהרען זיך פון אָרט,

האָט נחום אָנגעהויבן צו איהם רעדען, ווי צו אַ שותּף, ווי צו אַנ'איינענעם, וואָס ער פֿלעגט שטענדיג טון אין אַ גוטער שטימונג. „נו, פֿאָהר שוין, איך בעט דיך — האָט נחום געזאָגט צו זיין פֿערד — אַ תּירוץ איז דאָס? מען מוז דאָך שווער שלעפּען, האַ? און ווי מיינסטו, נאַר איינער, מיר איז גרינג מיט די עמער שטעהן מיט נאַקעטע פֿיס אין טייך? מיינסט אפֿשר, אַז איך האָב ניט קיין רעוו־מאַטיזם? פֿאָהר, איך בעט דיך, פֿאָהר, נו! וואַ־אַ־ס־י־אַ".

אין דער פֿערד, וואָס האָט זיך בעגעגענט מיט די ווייבע ווערטער, האָט צונויפֿגעקליבן די לעצטע כּחות און איז אַוועק ווייטער, מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ.

גאָר אַנ'אַנדערער, אַ לעבעדיגער איז אויך געוואָרען מענדיל פּייערפֿאַס, דער הויפּט־מוכר־תּבֿואה'ניק פֿון שטאָדט. ווען ער איז אַרויס אין דער פֿריה אויפֿ'ן שוועל פֿון זיין הויז און האָט דער־זעהן, ווי דער הויף איז גרין, אָבגעפֿרישט, און ווי אַלץ האָט זיך בעניייט, האָט ער צופֿרידען צו זיך אַליין אַ שמייכעל געטאָן, און זיין סוחר'ישע פֿאַנטאַזיע האָט אָנגעהויבן שפּיעלען. ווי יענע גע־ניטע וואַלד־העגדלער, וואָס פֿאַר זיי עקסיסטירט ניט אַ גרינע מלוכה, אַ הערליכער וואַלד מיט פֿויגלען און חיות, נאָר אַזוי פֿיעל און אַזוי פֿיעל קלאַפֿטער האָלץ, וואָס שווימען איבער ברייטע טייכען אין די רייכע שטעדט, וואו מען צאָהלט דערפֿאַר אַ סך געלד, — אַזוי אויך איז פֿאַר מענדיל פּייערפֿאַס'ן ניט געווען קיין פֿעלדער, נאָר הונדערטער רייהען זעק, אָנגעלאָדענע מיט תּבֿואה. איצט האָט די פֿאַנטאַזיע זיינע געוואָרפֿען די זעק אויף די גרויסע וועגען, וואָס עס פֿיהרען אָקסען צום מיהל. און ער זעהט זיך שוין אין בּיוראָ מיט מוסטערן אין די הענד: „וואָס ווערט איהר זאָגען אויף אַזאַ פּאַרטיע ווייץ? פּרימאַ!". דער מיהלנער וועט זיך פּרובּען דינגען, נאָר ער וועט ניט קאָנען אָבלייקענען, אַז די ווייץ איז פֿאָרט גוט, און וועט בעצאָהלען דעם בעסטען פּרייז.

אין קאָפּ ביי מענדיל פּייערפֿאַס האָבען זיך געדרעהט, גע־פּלאָנטערט די פֿערשיידענסטע קאָמבּינאַציעס פֿון קויפֿען, פֿערקוי־פֿען, און ער האָט געגלויבט, אַז אין דעם האַרבּסט וועט ער מיט גאָטס הילף חתונה מאַכען זיין עלטערע טאָכטער. אַריינגעהענדיג אין שטוב, האָט ער זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען. ער האָט אי־

בערגעגבען זיין פרוי אַלע פּלענער, אַלע קאָמבינאַציעס. איהר ווי־בערשער מח האָט ניט געקאָנט אַליין בּענעהמען, נאָר ווען עס איז געקומען צו חתונה מאַכען די עלטערע טאָכטער, האָט זי צוּנויפגעלעגט די הענד, מוטערליך אַ זיפץ געטאָן און געזאָגט:

— אודאי צייט...

דערפאַר אָבער האָט דער רעגען גאַנץ אַנדערע געדאַנקען אַרויסגערופען ביים אָרטיגען אונאָנערקענטען פּאָעט. שפּאַצירענדיג איבער דעם שטאָדט־גאָרטען, האָט ער דערזעהן, ווי אַ באַרען־בוים איז געלעגען אויף דער ערד מיט פונאַנדערגעשפּרייטע צווייגען. דער שטורמווינט האָט איהם אַנידערגעוואָרפען, פאַר אַ קרבּן זיך צוגענומען. „קיין זאַך גיט זיך ניט אומזיסט" — האָט געטראַכט דער פּאָעט. פאַר'ן אַלגעמיינעם גליק מוז עמיצער אומגעבראַכט ווערען. אַזוי איז צווישען מענשען, אַזוי אויך אין דער נאַטור. ער האָט אַ קוק געטאָן אין דער זייט, וואו עס געפינט זיך דער געדיכטער וואַלד, און האָט ווידער געטראַכט: וויפיעל בּוימער האָט דאָרט דער שטורם מוט'ן וואָרצעל אויסגעריסען! וויפיעל קרבנות זענען געפאַלען. דער וואַלד אָבער איז דאָך אָבגעפרישט, אַלע בלעטער האָבען בעקומען חיות, די נאַטור האָט אָבגעלעבט, און די קרבנות? ביי נאַכט, ווען די לבנה שפּאַצירט איבער דעם הימעל, זעצען זיך אַוועק וואַסער־מיידלעך אַרום די געפאַלענע בוימער, פלעכטען די גרינע צעפּ און בעוויינען זיי...

— וואָס פאַר אַ שענע טעמע! — האָט צו זיך געזאָגט דער פּאָעט, און אַרויסנעהמענדיג אַ דינינקען אַלבּום, וואָס ער טראָגט מיט זיך שטענדיג, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און אָנגעהויבען שרייבען די ערשטע פערזען פון אַ נייער ליעד...

עזריאל דער איינבינדער.

I

אין אַ זומער־טאָג, ווען די זון האָט געברענט, האָט מען אויפֿ'ן מאַרק פֿון אונזער שטאָדט געקאָנט זעהן אַזאַ בילד.

איבער דער שטיינערנער גאַס זענען שטיל געריטען צוויי הויכֿע פּאָליציאַנטען אויף הויכֿע פֿערד, איינער ניט ווייט פֿון אַנדערן, און אין מיטען איז געגאַנגען אַ קליין־וואוקסיגער יודישער בחור אין אַ היטעל, אין אַ שוואַרצער העמדיל מיט אַ בלויען קוטאַש, און געגאַנגען איז ער ניט ווי אַלע אַרעסטאַנטען, דעם קאָפּ געבויגען — ער האָט אַלעמען געקוקט גלייך אין די אויגען, געשמייכֿעלט, פּונקט ווי מיט איהם וואָלט עפּיס אַ גליק געטראָפֿען, אָדער ער האָט געטאָן אַזאַ זאַך, וואָס פֿילט אָן זיין נשמה מיט אַנ'אינעווייניגסטער פֿרייד.

אין דערזעלבער צייט האָבען אַ סך קרעמער זייערע געשעפֿטען געשלאָסען און געאַיילט זיך יעדערער אַהיים.

— האָסט ניט געזעהן חיימ'קען? — פֿרעגט איינער זיין ווייב.

אין פֿיעל הייזער האָבען יודישע טאַטעס און מאַמעס גע־זוכֿט זייערע זיהן און טעכֿטער, וואָרום אַלעמען האָט זיך גדוכֿט, אַז אין אַ ווײַלע אַרום וועט מען איבער דער שטיינערנער גאַס ווידער זעהן רייטען צוויי הויכֿע פּאָליציאַנטען אויף הויכֿע פֿערד, און אין מיטען וועט געהן אַבֿרהמ'טשיק, חיימ'קע אָדער זעלדע...

אַ מוטער, אַ שרעקעדיגע יודישע מוטער, איז געשטאַנען אויף די קניה געבען אויווען און געוואָרפֿען אין פֿייער דער טאָכֿטערס אונשולדיגע ליעדער־ביכֿער און גאָר אַנ'אונשולדיגען טורגעניעוו'ס אַ ראָמאַן.

 דער רבֿ האָט געשיקט רופֿען צו זיך איינעם פֿון די „היינ־

טיגע יונגע־לייט", און ווען ער איז געקומען, האָט ער איהם גע־בעטען זיצען, דערנאָך ארויסגעלעגט זיין האנד אויף דעם בחור'ס פּלייצע און געבעטען, אז ער זאָל איהם אָפענהאַרציג זאָגען, וואָס דאָ טוט זיך אין שטאָדט. ער, דער רב, וויס, אז קיין דעה ביי איהם פרעגט מען ניט, אז זיינע ווערטער וועלען קיין ווירקונג ניט האָבען, אָבער ער בעט נור איין זאַך איבערגעבען די אלע יונ־גע, וואָס זענען אוועק אין אנדערע וועגען — ער בעט איבער־געבען, אז יודען שטעהען אין סכנה. מעהר וויל ער זיי ניט זאָגען, מעהר קאָן ער זיי ניט זאָגען.

די שטאָדט האָט געציטערט.

עס האָט זיך פערשפּרייט א קלאַנג, אז אויף יענער זייט טייך האָט פּאָליציי אויסגעשפּירט א פערזאַמלונג פון יונגע בחורים און מיידלעך, און אז דער הויפּט־אָנפיהרער איז אָט דער יונ־גער־מאַן, וואָס די צוויי הויכע פּאָליציאַנטען אויף צוויי הויכע פערד האָבען איהם געפיהרט אין פּאָליציי.

איצט שטעהט ער דאָרט אין א ווינקעל, אָנגעשפּאַרט ביי דער וואַנט אָהן א היטעל, מיט דעמזעלבען שמייכעל, וואָס עס האָבען בעזונדערס ניט ליעב די, וואָס משפּט'ען. פּלוצלונג האָט זיך געעפענט די טיר, און אויף דער שוועל האָט זיך בעוויזען דער קרייז־קאָמיסאַר, א הויכער, מיט רויטע באַקען, לאַנגע אַראָב־געלאָזטע וואָנסעס און אין א גרויער קורטקע. ער איז געשטאַנען און האָט בעטראַכט דעם פערברעכער. דערנאָך איז ער, קלינ־גענדיג מיט די שפּאָרען, צוגעגאַנגען צו איהם נאָהענט און האָט אויסגעשריען מיט א דונערנדען באַס:

— דו, גע'פגר'טע פליג, דיר געפעלט אויף ניט רוסלאַנד?! נעהמט צו פון מיר אָט דעם יודען! — האָט ער א געשריי געטאָן צו די בעאַמטע און איז אוועק צו זיך אין קאַבינעט.

דער קליין־וואוקסיגער, בלאַסער יונגער־מאַן אָהן א היטעל, מיט'ן שטענדיגען שמייכעל, האָט געהייסען עזריאל און איז גע־ווען אַנ'איינבינדער. ער איז ארויס פון פּאָליציי. די בעאַמטע, דער סעקרעטאַר און די שרייבער, וואָס זענען געזעסען איבער די גרוי־סע טישען, האָבען איהם בעגלייט מיט א געלעכטער. אלע האָבען געלאַכט פונ'ם קליינעם יודעל, וואָס דער קרייז־קאָמיסאַר האָט

איהם אַפילו ניט געוואָלט אָנטון דעם כּבוד צו אַרעסטירען איהם. ווער קומפּט דען מיט אַ פליג? אַזוינע יודישע בחורים פירט מען אַמאָל מיט'ן עטאַפּ, ווען זיי האָבען קיין פּאַס ניט, אָדער ווען מען כאַפּט זיי ביים גרעניץ אויפ'ן וועג קיין אַמעריקאַ. אָבער מורא האָבען פאַר אַזאַ בעשעפעניש, אַז זי וועט צעשטערען די אָרדנונג, אַז זי וועט אונטערגראָבען די פעסטע געביי?

און דער קאָמיסאַר האָט אַ טעות געהאַט.

.II

עזריאל דער איינבינדער האָט פערמאָגט אַלע סימנים פון אַ מענשען, וואָס איז מסוגל אַרויסצורופען אַן׳איבערקערעניש, אַ קאַטאַסטראָפע, אָנטון אויף אַלץ אַן׳אַנדער געשטאַלט, צווינגען אייך פעראינטערעסירען זיך מיט אַזוינע זאַכען, וואָס איהר האָט וועגען זיי ניט געטראַכט, צווינגען אַריבערטראָגען זיך פון דער געוועהנליכער וועלט אין גאָר אַן׳אַנדערער. ער האָט אָנגעהערט, אָט דעם מאָגערער, בלאַסער יונגער בחור, צו דער משפחה וואַנדערנדע, אונרוהיגע מיסיאָנערען, וואָס פערשפּרייטען אין פרעמדע שטעדט און אין פרעמדע לענדער נייע אידעען, נייע געדאַנקען.

אין אונזער שטאָדט איז ער געקומען אין אַ פרימאָרגען מיט אַ קליינעם פּעקיל אויף די פּלייצעס, פון דער ווייט, פון ליטאַ, וואָס האָט דעמאָלט געקאָכט ווי אַ קעסיל. עזריאל האָט צו קיין פּאַרטיי ניט אָנגעהערט, ער איז געקומען פון זיך אַליין. קיין טעאָרעטיקער איז עזריאל אויך ניט געווען. ווען מען זאָל ביי איהם פרעגען, וואָלט ער ניט געקאָנט אָנמערקען די גרעניצען, וואָס טיילען אָב איין פּאַרטיי פון דער צווייטער. עס זענען פאַרהאַן אַזעלכע געבענשטע הענד, וואָס קאָנען פון פערשיידענע שטיקלעך מאַטעריע אויפנייהען די שענסטע קלייד. עזריאל האָט פון אַלע טעאָריעס, מאָדערנע אידעען, וואָס האָבען דעמאָלט געהערשט צווישען דער יודישער יוגענד, געשאַפען פאַר זיך אַ וואונדערבאַר־שענע טעאָריע. ניט וויסענדיג אַליין, וואָס פאַר אַ נאָמען איהר צו געבען, ניט געפינענדיג קיין פאָרם אויסצודריקען זיין גלויבען, האָט ער אויסגעקליבען אַן׳אַלט וואָרט, און דאָס וואָרט האָט געהייסען: א י ד ע אַ ל. די מענשען האָט עזריאל איינ=

געטיילט אין צוויי טיילען: איין טייל האָט געלעבט אָהן אידעאַל — צו דעם טייל האָבען געהערט אַלע שלעכטע, פֿערדאָרבענע, און דער צווייטער טייל האָט געלעבט מיט אַנ׳אידעאַל. צו איהם האָבען אָנגעהערט אַלע די, וואָס זענען זיך מקריב, וואָס לעבען פֿאַר׳ן צווייטען, — דאָס הייסט: די, וואָס ערפֿילען זייער חובֿ. וואַנדערנדיג איבער פּוילען און ליטאָ, האָט ער זיך צו אַלצדינג צוגעהערט, דערנאָך האָט זיך דער אוצר פֿונ׳ם איבערגעלעבטען, געהערטען און געזעהענעם אין זיין אינעווייניגסטער לאַבאָראַטאָריע אויסגעאַרבייט אין אַנ׳אייגענאַרטיגער רעליגיע, און מיט אָט דער רעליגיע זיינער האָט ער איבער דער וועלט געוואַנדערט.

ער איז געווען איינער אַליין אויף דער וועלט. זיינע עלטערן זענען שוין לאַנג געווען געשטאָרבען. צו זיין אַיינזאַמקייט האָט ער זיך צוגעוועהנט. ער איז געווען צופֿרידען, וואָס זיין מלאכה צווינגט איהם ניט צו זיצען אויף איין אָרט. עזריאל איז געווען ניט נור אַנ׳איינבינדער, נאָר אויך אַ טאַפּעצירער. איז ער געפֿאָהרען פֿון שטאָדט צו שטאָדט אָדער געגאַנגען צו־פֿוס, און אונטערוועגס זיין אַרבייט געזוכט. ער האָט ליעב געהאַט די נאַטור, ליעב געהאַט די שטילקייט. ער האָט ליעב געהאַט אויפֿמערקזאַם צו הערען, נאָר ווען עס איז געווען נויטיג, האָט ער גערעדט אויך. אָבער אַ רעוואָלוציאָנער וואָלט זיינע רייד ניט פֿערטראָגען: פֿאַר׳ן שלום, וואָס הערשט אין זיי. צום גליק, האָט ער זיך כּמעט קיין מאָל ניט געטראָפֿען מיט רעוואָלוציאָנערען. ער איז נעגאַנגען צו גאָר יונגע, צו אָנהויבער, צו די, וואָס זייערע יונגע נשמות האָבען נאָך ניט ערוואַכט, נאָר דאָך זענען זיי אונרוהיג געווען און האָבען געוואַרט אויף דעם, וואָס זאָל קומען זיי וועקען.

עזריאל איז געווען פֿאַר זיי אַ וועקער. אין פֿערוואָרפֿענע ווינקלען פֿלעגט ער קומען און מיט שטילע ווערטער, מיט אינטערעסאַנטע מעשיות, לעגענדעס אויפֿוועקען נשמות. נאָך איהם פֿלעגען שוין קומען אַנדערע מיט ב ע ש ט י מ ט ע טעאָריעס, און עזריאל׳ס תלמידים זענען צעטיילט געוואָרען צווישען פֿערשיידענע פּאַרטייען. ווערענדיג עלטער, פֿלעגען די תלמידים גופֿא

איראָניזירען איבער דעם משונה׳דיגען אַיינבינדער, אָבער דאָך מיט דאַנקבאַרקייט פֿלעגען זיי דערמאָנען זייער בעגעגעניש מיט איהם. אַזעלכע דאַנקבאַרע תּלמידים האָט עזריאל געהאַט אויך ביי אונז אין שטאָדט.

בעת עזריאל פֿלעגט פֿערברענגען ביי אונז אין שטאָדט, פֿלעגט מען אָנהויבען לענגער זיצען אין ביבליאָטעק, אָפֿטער בייטען ביכער, אין די אַלייעס פֿון גאָרטען פֿלעגען זיך בילדען גרופּעס, און עזריאל פֿלעגט איבערגעהן פֿון איין גרופּע צו דער צווייטער. ווען אַלע פֿלעגען שוין אַוועקגעהן פֿלעגט נאָך עזריאל מיט עמיצען בלייבען, נעהמען איהם אונטער׳ן אָרעם און שטיל טענ׳ען:

— אויב מיר לעבען, דאַרפֿען מיר דאָך וויסען, צוליעב וואָס. מיר דאַרפֿען האָבען אַנ׳אידעאַל.

איך דערמאָן זיך אַ זומער-פֿאַרנאַכט. איך געה מיט עזריאל׳ן אין פֿעלד. דאָרט ענדיגט זיך שוין די אַרבייט. יונגע פּויערטעס בינדען די לעצטע סנאָפּעס. אָט האָט אַ פּויער אָבגעווישט מיט׳ן אַרבעל דעם שוויס פֿון שטערן, אַ ווײַלע בעטראַכט די אָבגעשניטענע תּבואה, אַרויפֿגעלעגט אויף די פּלייצעס די לאַנגע קאָסע און איז אַוועק פֿון פֿעלד אַ צופֿרידענער אַהיים רוהען. צום דאָרף צו ציהען זיך הויכע וועגען מיט ווייץ און קאָרן. קליינע קינדער זיצען אויבען, האַלטען שטרוי אין מויל — מיעדע, דאָך צופֿרידענע. די פּויערים געהען פּאַמעליך מיט לאַנגע ליולקעס אין מויל און טרייבען מיט לאַנגע בייטשען אָקסען.

— ווי גוט, ווי גוט — זאָגט שטיל עזריאל, ציהענדיג אין זיך די קיהלע פֿאַרנאַכט-לופֿט — אָבער די מענשען — זאָגט ער, אָנווייזענדיג אויף די אַרומיגע דערפֿער — זענען דאָך אונגליקליך.

— פֿאַרוואָס, עזריאל? — פֿרעג איך איהם.

— אַלע די מענשען, וואָס האַוועט פֿון אין דער-פֿריה ביז דער נאַכט אויף דעם פֿעלד, זענען אונגליקליך, דערפֿאַר וואָס זיי פֿיהלען ניט, ווי ריכטיג און נאַטירליך ס׳איז הער וועג, וואָס זיי געהען אויף איהם. זיי האָבען דאָס בעקומען בירושה — זייער קולטור, זייער דאָרפֿישע קולטור. אין די קינדער-יאָהרען פּיטע-

רען זיי די בהמות, שאָף און די פערד, דערנאָך אַקערען זיי און זייהען דאָס פעלד. ביי זיי איז דאָס ניט קיין אידעאַל, קיין ציעל.

— ליעבער עזריאל, — פּרוב איך איהם ענטפערן — אפשר איז טאַקע שענער געהן מיט'ן אמת'ן וועג און ניט פיהלען דאָס. איינער האָט אָבגעלעבט אַ גאַנץ לעבען, געטאָן גוטס, געראַטע־ וועט ניט איין מאָל אונגליקליכע און, שטאַרבענדיג, האָט ער ניט געוואוסט, אַז ער איז געווען אַ צדיק.

— ניין, ניין, זאָגט דאָס ניט — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנד און האָט מיר אילוסטרירט זיין געדאַנק מיט אַ גאַנצער רייה אייגענאַרטיגע ביישפּיעלען, גענומענע פון זיין וואַנ־ דער־לעבען, פון אַלץ דאָס, וואָס איהם איז אויסגעקומען הערען, זעהן.

III

ווי אַלע אונזהיגע מענשען, האָט אויך עזריאל ניט גע־ קאָנט זיצען אויף איין אָרט. אָפט פלעגט ער פערשוואונדען ווערען אויף אַ וואָך, צוויי און אַמאָל נאָך לענגער. דערנאָך פלעגט ער זיך אומקעהרען צוריק, ווי פריהער — אַ קלאָרער, אַ רוהיגער, מיט העמזעלבען רוהיגען ליכט אין זיינע אויגען. ער האָט זיך צוגעבונ־ דען צו אונזער שטאָדט, וואו ער האָט געהאַט פיעל איבערגעגע־ בענע פריינד צווישען דער יוגענד. די צוגעבונדענקייט האָט מען ערשט געזעהן שפּעטער, ווען עס האָבען זיך אָנגעהויבען די שווע־ רע יאָהרען פאַר עזריאל'ן.

איינמאָל פריה איז ער אַרויף צו מיר אין אַ קורצער קורט־ קע און הויכע שטיוועל:

— זייט געזונט, איך געה דיענען.

און אין צוויי חדשים אַרום האָט מען איהם שוין געבראַכט אויף אונזער וואָקזאַל אין אַנ'אַרעסטאַנטען־וואַגאָן, צוויי סאָלדאַ־ טען מיט בלויזע שווערדען האָבען איהם געפיהרט אין אַרעסט־ הויז. אָהן געלד, אָהן אַ פּאַס האָט עזריאל געפּרובט אַנטלויפען קיין אַמעריקא. מען האָט איהם, פערשטעהט זיך, געכאַפּט און געבראַכט צוריק.

פאַר'ן ערשטען מאָל אַנטלויפען פון פאָלק האָט דאָס גע־

ריכט עזריאל׳ן צו אַ קליינער שטראָף פער׳משפט, און, אָבקומענ־דיג די שטראָף, האָט ער, פערשטעהט זיך, געדאַרפט ווידער זיך אומקעהרען אין זיין פאָלק. דער מיליטער־בעאַמטער האָט איהם צוגערופען און געראָטען בעסער אָבדיענען די דריי יאָהר. „איך זעה, זאָגט ער, אַז אַנטלויפען קאָנסטו אויך ניט, ווארום באַלד כאַפּט מען דיך — טאָ גלייכער דיענען אָב״.

און אַזוי האָבען איהם אויך גערעטען זיינע בעקאַנטע.

— יאָ, יאָ, — האָט עזריאל געזאָגט — אַפנים, מען דאַרף דיע־נען.״ און האָט זיך ווידער געזעגענט.

און אַלע האָבען געגלויבט, אַז עזריאל קומט־אָב זיין מי־ליטער־דיענסט ערגיץ אין אַ פראָווינץ־שטאָדט פון צענטראַל־רוס־לאַנד.

ווי גרויס איז אָבער געווען דער וואונדער, ווען אין איין פריה־מאָרגען האָט עזריאל׳ס אַ נאָהענטער חבר בעקומען אַ קאַר־טעל מיט אַ נ׳איסלענדישער מאַרקע, וואו עזריאל שרייבט, אַז היינט איז אָנגעקומען זייער שיף אין פאָרט־סאַיד, און מאָרגען פאָה־רען זיי ווייטער. פון דאַן אָן פלעגען פון צייט צו צייט אָנ־קומען אַזוינע קאַרטלעך מיט אויסלענדישע מאַרקעס פון פער־שיידענע ערטער: פון ריאָ די זשאַניירא, פון דער אינזעל ציילאָן, פון ניו־יאָרק, פון ליסאַבאָן.

אַ „פליהענדער האָלענדער״.

פון אַ לאַנגען אויספיהרליכען בריעף, וואָס איז אין אַ יאָהר אַרום אָנגעקומען, האָבען מיר זיך דערוואוסט אַ ביסעל גענויער וועגען עזריאל׳ס רייזען. ער בעזוכט פערשיידענע לענדער, שווימט איבער ימים. קיין בילעט קאָסט איהם ניט, ווארום דער שוואַכער, בלאַסער עזריאל איז אַ יונג אויף דעם דאַמפער, ער הייצט די אויוועגס, העלפט די מאַטראָסען, טוט די שווערסטע אַרבייטען און זעהט דערפאַר גאָטס גרויסע וועלט. ווען דער דאַמפער פאָהרט צו צום ברעג, קריכט ער דאַן אַראָב. אויב די שטאָדט געפעלט איהם, אויב ער קריגט אַרבייט, בלייבט ער דאָרט, ביז עס ווערט איהם מיאוס. און דערנאָך מיט׳ן ערשטען דאַמפער פאָהרט ער ווייטער. אין בוענאָס־איירעס האָט ער געשלעפט ברעטער און אין פאָרטוגאַל איז ער געווען אַ וועכטער אין אַ וויין־גאָרטען.

מיר איז נאָך אויסגעקומען בעגעגענען זיך מיט עזריאל׳ן, אין געווען איז דאָס אונגעריכטערהייד.

IV

דאָס איז געווען אין איינער פון די אוניווערסיטעטס־שטעדט אין דער שווייץ אויף אַ פערזאַמלונג פון רוסישע סטודענטען. אין דעם ענגען, אָנגערויכערטען זאַל זענען געגאַנגען הייסע דעבאַטען איבער עפּיס וויכטיגע פראַגען. עס זענען קריטיקירט געוואָרען פראָגראַמען, פּאַרטייען. ס׳איז געווען אַ פאַנאַטישער דיספּוט, וואו עס האָט זיך געפיהלט טיעפע איבערצייגונג. אַ רייה רעדנער זענען געווען אויף דער טריבונע, און דער לעצטער — אַ קליין־וואוקסיגער יונגער־מאַן, מיט איינגעפאַלענע אויגען, אָרים געקליידט. ער האָט גערעדט שוואַך רוסיש, נאָר אין זאַל איז געווען שטיל, אַלע האָבען זיך צוגעהערט מיט דער טיעפסטער אויפמערקזאַמקייט צו די ווערטער פון דעם אונבעקאַנטען.

ער האָט גערעדט וועגען הויכע אידעאַלען, וואָס זענען פערשמיצט הורך אונריינע הענד. ער האָט גערעדט, אַז ריינע הערצער זענען וויכטיגער, אידער פעסטע פראָגראַמעס; אַז דער גרעסטער פילאָזאָף, דער קינסטלער, איז דער, וואָס איז אַ גוטער. ער האָט דערצעהלט וועגען זיין וואַנדערן איבער דער וועלט. קריטיקירט די סאָציאַליסטען פון אַמעריקאַ, די אַנאַרכיסטען פון אַרגענטינאַ. אַיילענדיג זיך, מיט אַ הייזעריגער, ציטערנדיגער שטים, האָט ער אָנגעוואָרפען איין בילד נאָך אַ צווייטען, און ווען ער האָט געענדיגט, האָט קיינער ניט אַפּלאָדירט, נאָר אַלע האָבען איהם בעגלייט מיט נייגעריגע אויגען, און מענשען האָבען געפרעגט, געוואָלט וויסען, ווער איז ער, דער מאָדנער יונגער־מאַן.

דאָס איז געווען עזריאל דער איינבינדער.

אויף מאָרגען האָב איך איהם בעגלייט אין דעם שווייצער ראָרף, וואו עזריאל האָט געאַרבייט. אין וועג האָט ער מיר דערצעהלט פון זיין לעבען פאַר די עטליכע יאָהר, וועגען זיינע ליידען, וועגען שרעקליכען הונגער, וואָס ער האָט געליטען, וועגען דעם, ווי די מאַטראָסען האָבען איהם ניט געוואָלט נעהמען אַלס דיענער. דערנאָך, אָבשטעלענדיג זיך אַ ווילע, האָט ער געפרעגט:

— איהר ווייסט אויך פון דעם, אַז אַ מענש הונגערט לאַנג, פאַלען בײַ איהם אַרוים די צייהן? איך פערשטעה ניט, וואָס האָט דאָס פאַר אַ שייכות, נאָר דאָס איז דאָך אַנ׳אמת, — האָט ער צוגעשמייכעלט.

— און וואָס טראַכט איהר, עזריאל, איצט?

— איך טראַכט געהן קיין רוסלאַנד. עס בענקט זיך שטאַרק נאָך אונזער שטאָדט, נאָך דעם טייך חאָראָל, — האָט ער גע־ענטפערט זיפצענדיג.

— וואָס הייסט: געהן? — וואונדער איך זיך.

— גאַנץ פשוט — זאָגט עזריאל – דורך שווייץ און דייטש־לאַנד וועל איך צו־פוס קומען צוריק צו דער רוסישער גרעניץ און בעטען, מען זאָל מיך אַרעסטירען און אָפּפיהרען אַהיים. אונ־טערוועגס וועל איך אַרבייטען. איך האָב קיין מורא ניט, — אויף דער וועלט זענען דאָ פיעל מעהר גוטע מענשען, ווי מען מיינט געוועהנליך. דאָ קאָן איך מעהר ניט בלייבען, בײַ די שווייצער איז לאַנגווייליג. וואָס איז זייער לעבען? — אָהן אַ ציעל, אָהן אַנ־אידעאַל. איך מוז געהן אין אונזער שטאָדט אַריין.

און אַזוי איז געוועזן.

אין אַ בריעף, וואָס איך האָב בעקומען אין אַ געוויסער צייט אַרום, איז געשטאַנען פאָלגענדעס:

„שטעל זיך פאָר, נאָך אַ פיער־יעהריגען וואַנדערן איז עזריאל דער אייננבינדער ווידער צו אונז געקומען, ניט אַליין געקומען, נאָר מען האָט איהם ווידער מיט צוויי סאָלדאַטען מיט בלויזע שווער־דען געבראַכט. ער זיצט, ווי פריהער, אין אַרעסט־הויז אויף דער נידעריגער באַנק נעבען פענסטער און שמייכעלט מיט זיין וואונ־דערבאַרען שמייכעל, ווי פריהער, צו זיינע בעקאַנטע, נאָר מען היט איהם איצט שטרענג.

מען זאָגט, אַז פאַר׳ן צווייטען מאָל אַנטלויפען וואַרט איהם אַ גרויסע שטראָף — עטליכע יאָהר דיסציפּלינאַר־באַטאַליאָן״.

„אָרימער עזריאל“ — ענדיגט זיך דער בריעף.

V

עזריאל׳ן האָט מען פער׳משפט אויף דריי יאָהר דיסציפּלי־

נאַר־באַטאַליאָן. דעם אורטייל האָט ער בעגעגענט מיט דער געוועהנליכער רוהיגקייט, וואָס האָט איהם קיינמאָל ניט פערלאָזען. פיהלען אָבער האָט ער יאָ געפיהלט, אַז דעם מאָל איז דאָס ערנסטער, ווי געוועהנליך. ער האָט ביי זיך בעשלאָסען איבערטראָגען די שטראָף, אַנטלויפען האָט ער שוין ניט געוואָלט און האָט געוואוסט, אַז אַנטלויפען איז אויך אונמעגליך. ער איז געווען אין דער לאַגע פון דעם מענשען, וואָס שטעהט פאַר הויכע, מוראָדיגע טויערן אין וויס, אַז באַלד וועלען זיך די טויערן עפענען און איינשלינגען איהם. אויף אייביג? ניין, אמת נור אויף דריי יאָהר, נאָר די דריי יאָהר האָבען זיך איהם דעם מאָל געדוכט ווי אַן׳אייביגקייט. עזריאל איז געוועהנט צו ליידען. נאָר פריהער זענען די ליידען, דער הונגערן, די אונזיכערקייט ניט געווען אַזוי שווער, ווארום זיי זענען געווען צוזאַמענגעבונדען מיט נייע לענדער, מיט נייע מענשען. אין איהם האָט דאָך שטענדיג געברענט דער גייסט פון נייגעריגקייט און, שטעהענדיג ביים ברעג פון ים ערגיץ אין מאַרסעל אָדער קאָנסטאַנטינאָפאָל, ווען די שיפען קומען אָן; צוזעהענדיג דעם קאָכעדיגען לעבען, די רייצענדע צונויפמישונג פון שפּראַכען, פאַרבען, קליידער, פלעגט ער אָפט פערגעסען, אַז ער האָט שוין צוויי טאָג ניט געגעסען. דער עיקר אָבער איז געווען דאָס, וואָס די לאַגע פון אַ וואנדערער האָט איהם אַלע מאָל געגעבען די מעגליכקייט צו האָפען אויף עפּיס איינגעריכטעס. ווארום וויפיעל מאָל איז דאָך שוין געווען אַזוי: דאַכט זיך, ניטאָ קיין אויסגאַנג, אָבגעשוואַכט די הענד, פערלאָשען דער פייער פון די אויגען, — און פּלוצלונג אַ בעגעגעניש אַ גלוננענע אין אַ פּאַרק, נעבען דעם ים אָדער גלאַט אויף ערגיץ אַ בעליעבטען זונענדיגען פּלאַץ — און ער איז ווידער געראַטעוועט און האָט אַרבייט. אויף וואָס האָט ער אָבער איצטער געקענט האָפען? און דער ענטפער איז געווען: „ניטאָ אויף וואָס”. און וואָס דייטליכער, קלאָרער עס איז געווען דער ענטפער, אַלץ שווערער איז איהם געווען אויפ׳ן האַרצען.

כדי צו פערגרינגערן זיך, אראָבנעהמען די לאַסט, האָט עזריאל אָנגעווענדעט זיין לעצטען מיטעל, וואָס האָט איהם ניט איין מאָל נוצען געבראַכט. דער מיטעל איז בעשטאַנען דערין,

וואָס ער האָט זיך מיט אַ כּיון פֿאָרגעשטעלט די לאַגע אין די שוואַרצסטע פֿאַרבן, פֿיל ערגער, ווי עס קען געבן די שרעקליכסטע ווירקליכקייט. ער האָט פֿאָרגעשטעלט זיך שטענדיק געשמידט אין קייטן. ער האָט אונטערגעשטעלט זיין שוואַכן אויסגעמאַטערטן קערפּער און איז גרייט געווען צו נעמען די גרעסטע צאָל שפּיצרוטענעס. ער האָט זיך געזאָגט:

„נו, עזריאל, אויס, אויס. דו מעגסט זיך שוין געזעגענען מיט אַלץ און מיט אַלעמען. פֿון דאָרטן וועסטו שוין ניט אַרויס. ווי קומסטו דאָס אויסצוהאַלטן? יאָ, עזריאל, דעם לעצטן מאָל זעהסטו דעם הימל און דעם לעצטן מאָל זעהסט דו, ווי דער ווינט טרייסעלט, וויגט די צווייגן. הער זיך איין גוט צו דעם לעצטן געהויש פֿון די גאַסן, וואָרום אויף דיר וואַרט די פֿינסטערע שטילקייט; סטאַרע זיך איינהאַלטן אין זכּרון, אין דער נשמה דעם זינגען פֿון די פֿייגלען”.

און געטאָן האָט ער דאָס הערפֿאַר, כּדי שפּעטער, ווען ער וועט אַרומגעהן איבער דעם פֿירקאַנטיגן פֿערשלאָסענעם הויף, וואָס איהם רינגלען אַרום הויכע שוואַרצע ווענט, זאָל ער יעדע שיין פֿון דער זון, יעדען אָבקלאַנג פֿון דער גרויסער וועלט צונעהמען ווי אַ מתּנה. ער האָט מיט אַ כּיון אין דער פֿאַנטאַזיע געשילדערט זיך איין שרעק אויפֿ'ן צווייטן, כּדי דאָרטען זאָל ער קענען אַמאָל אַ שמייכעל טון און ווידער צו זיך זאָגען:

„אָט, זעהסטו, עזריאל, גאָר ניט אַזוי שרעקליך, ווי דו האָסט געמיינט. פֿאַל ביי זיך ניט אַראָב. דו וועסט דאָס איבערטראָגען, און די דריי יאָהר וועלען לאַנגזאַם, אמת, זעהר לאַנגזאַם, אָבער דאָך דורכגעהן, און דו וועסט ווידער שפּאַנען איבער פֿעלדער, ווידער געהן צו פֿוס פֿון איין שטאָדט צו דער צווייטער”.

נאָר ניט בּעשערט איז געווען, אַז די דאָזיגע סגולה עזריאל'ס זאָל איהם דעם מאָל בּרענגען די נוצען. אמת, ניט געווען די שרעקען, וואָס ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט. נאָר פֿונדעסטוועגן האָט מען נאָך איין יאָהר פֿון זיין שטראָף אָבקומען אָנגעהויבן בּעמערקען אין עזריאל'ן אַ מאָדנעם אומבּייט. דער אומבּייט האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ מין פּאַטאָלאָגישער גלייכגילטיגקייט, וואָס

מיט איהר האָט ער זיך בעצויגען צו אַליץ, וואָס האָט איהם אַרומגערינגעלט: ער האָט געטאָן די אַרבייט, וואָס מען האָט אויף איהם אַרויפגעוואָרפען, נאָר אַזוי, אַז עס האָט זיך געדוכט, אַז עס טוען די אַרבייט עזריאל'ס הענד, די פיס, ער אַליין אָבער, דער אמת'ער עזריאל, איז ערגיץ אַנדערש וואו; ער אַליין ווייס גאָר ניט פון אָט דער אַרבייט, ער געפינט זיך אין אַנ'אַנדער וועלט, וואו עס הערשט אייביג פינסטערקייט, האָפנונגסלויזיגקייט. ער פלעגט אַריינפאַלען, און וואָס אָפטער אַליץ מעהר, אין שווערער צעשטרייאונג, און מען האָט גיך בעמערקט, אַז די צעשטרייאונג איז פון אַזאַ סאָרט, אַז מען קען איהם דערפאַר ניט שטראָפען. ער האָט אָנגעהויבען אָפטער זיך אָבזאָגען פון עסען, ניט ענטפערן, ווען דער עלטערער האָט געפרעגט. און ווידער האָט מען בעמערקט, אַז דער אָבזאָגען זיך, דער ניט הערען האָט ניט צו טון ניט מיט ווידערשפעניגקייט, ניט מיט ניט אָבהיטען די דיסציפּלין; אַז שטראָפען דערפאַר איז אונמעגליך. דאָס וויכטיגסטע אָבער, וואָס מען האָט בעמערקט, איז דאָס, וואָס עזריאל פלעגט רעדען צו זיך אַליין, ברעכענדיג די הענד, און בייננאַכט, ליגענדיג אויף דער נאַרע, פלעגט ער שטיל וויינען, ווי אַ הילפלויזע פרוי, וואָס מען האָט זי אָקאָרשט בעליידיגט, ווי אַ קליין אונשולדיג פערלאָזען קינד.

די סאָלדאַטען־חברים, הגם זייערע הערצער זענען פערגרעבט געוואָרען, האָבען מיט רחמנות געקוקט אויף עזריאל'ן, און איינמאָל האָט איהם איינער אין דער צייט פון אַרבייט געזאָגט:

— עך, ברודערקע! איך האָב אויף דיר רחמנות. דו וועסט דאָ פערפאַלען ווערען.

עזריאל האָט אויפגעהויבען די אויגען, וואָס זענען פאַר דער לעצטער צייט געוואָרען אַזוינע גרויסע, און וואָס אין זיי איז געווען ניט דער אויסדרוק פון שרעק, נאָר דער אויסדרוק פון אונענדליכען וועהטאָג. דערנאָך האָט ער שווייגענדיג עטליכע מאָל פּאַמעליך אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ, און עס האָט זיך געדוכט, אַז אַנ'אַנדערער, פון דער ווייט געקומענער שטעהט דאָ און בעוויינט מיט אָט דעם שאָקלען עזריאל'ן.

א גיך איז קלאָר געוואָרן, אַז עזריאל איז פּסיכיש קראַנק.

ספּעציעלע קאָמיסיע האָט נאָך אַ גאַנצער רייה פאָרשונגען אָבגעוואָרפען יעדען חשד אין סימולאַציע. דער יונגער דאָקטאָר, וואָס האָט געוואָלט ווייזען זיין שטרענגקייט, האַרטקייט, איז אַפילו געווען קעגען דעם, מען זאָל עוזריאל'ן בעפרייען פון שטראָף און פון מיליטער, נאָר דער עלטערער דאָקטאָר האָט מיט פערדראָס בעמערקט:

— וואָס, איהר זעהט דען ניט, אַז ער ליידט פון דער שווערסטער מעלאַנכאָליע? אַהיים דאַרף מען איהם שיקען.

„אַהיים" — האָט געהייסען אין דער שטאָדט, וואו ער איז די לעצטע צייט געזעסען, וואו ער האָט פיעל גוטע פריינד געהאַט, וואו ער האָט עטליכע יאָהר פערבראַכט. „אַהיים" האָט געהייסען, אַז מען וועט איהם ברענגען צו דער יודישער געמיינדע. וואָרום עוזריאל האָט ניט געהאַט ניט קיין עלטערן, ניט קיין אַנדערע נאָהענטע קרובים.

מען האָט איהם שוין געפיהרט דעם מאָל ניט אין אַנ־אַרעסטאַנטען־וואַגאָן, נאָר אין אַ געוועהנליכען, און בעגלייט האָט איהם נור איין סאָלדאַט אָהן אַ שווערד, וואָרום ער האָט געדאַרפט ברענגען אין שטאָדט ניט אַנ׳אַרעסטאַנט, נאָר אַ קראַנקען.

עס האָט געטראָפען אַזוי, אַז דער טאָג, ווען עוזריאל איז געפאָהרען אַהיים, איז געווען שבת, און אין דעם וואַגאָן זענען קיין יודען ניט געווען. זיין קראַנקער, דערשראָקענער נשמה האָט זיך דעריבער נאָך מעהר געדוכט, אַז ער געפינט זיך נאָך אַלץ „דאָרט". ער האָט גאָרנישט געוואוסט, ניט געפיהלט, אַז די גרויזאַמע ווענט זענען שוין אין דער פערגאַנגענהייט. ער האָט זיך פערשלאָגען אין אַ ווינקעלע און האָט שטיל געוויינט, שעפּטשענדיג עפּיס מיט די ליפּען. אַ יוד וואָלט די ווערטער פערשטאַנען. נאָר דער וואַגאָן איז געווען אַ פּוסטער. אויף דער אויבערשטער באַנק איז געלעגען עוזריאל׳ס בעגלייטער, דער סאָלדאַט, און האָט געריכערט שווערען טאַבאַק. די טונקעלקייט, דער מאָנאָטאָנער קלאַפּען פון די רעדער, די פּוסטקייט אין וואַגאָן און בכלל עוזריאל׳ס וויינען האָט אויף איהם אויך געוואָרפען אַנ׳אומעט. פון זיך אַליין איז אויפגעוואַקסען פאַר איהם זיין ווייטער, ווייטער דאָרף, זיין יונגע פרוי, וואָס ער האָט זי שוין עטליכע יאָהר ניט געזעהן. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי פאַר׳ן אַוועקפאָהרען איז זי אַרויסגעפאַלען איהם אויפ׳ן

האַלז און געשריען: „אויף וועמען וואַרפסטו דו מיך אַ־וועק, וואַ־סילי־שקע מיינער!“. ער האָט פערלעגט די הענד אונטער דעם קאָפּ און האָט אָנגעהויבן זינגען איינע פון די זינגליזע, אָבער האַרצרייסענדיגע לידער, וואָס מען זינגט נור אין הסלאַנד. דערנאָך האָט ער אַראָבגעהאַנגען די פיס פון אויבערשטען באַנק און געקוקט אין דער זייט, וואו עס איז געזעסען עזריאל אַ צונויפגעדרעהטער, די הענד האַלטענדיג אין די ברייטע אַרבעל פון אַלטען סאָלדאַטישען שינעל.

„נו, נאַר איינער — האָט ער צו איהם געזאָגט — וואָס וויינסטו, וואָס? דיר איז דאָך איצט גוט, מען פיהרט דאָך דיך אַהיים“.

עזריאל האָט גאָרנישט ניט געענטפערט. אפשר האָט ער ניט געהערט. ער איז געווען געפאַנגען ביי זיינע שוואַרצע געדאַנקען; איהם האָבען זיך אַלץ געדוכט גראָהע ווענט. די ווייסע ליפען האָבען געשעפטשעט עפּיס אומפערשטענדליכע ווערטער.

„עך!“ האָט אַ זיפץ געטאָן דער סאָלדאַט און ווידער אַוועקגעלעגט זיך אויף דער אויבערשטער באַנק.

אויף מאָרגען פאַרנאַכט איז שוין נעבען דער פאָליציי געשטאַנען אַ גרופּע מענשען, יונגע לייט, אַן אַלטער יוד, עטליכע פרויען און נייגעריגע קינדער. איבעראַל שטאָדט האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מען האָט געבראַכט עזריאל׳ן, און אַז דער קאָמיסאַר האָט געשיקט נאָך׳ן רב און דעם פאָרשטעהער פון דער יודישער קהלה. עמיצער האָט געזאָגט, אַז עזריאל׳ן האָט מען געבראַכט אַ קראַנקען. און אַז מ׳האָט געוואָלט דערגעהן, מיט וואָס ער איז קראַנק, האָט דער, וואָס האָט דערצעהלט, אויפגעהויבען אַ פינגער און אָנגעוויזען אויפ׳ן שטערן.

„וואָס איהר רעדט, וואָס איהר רעדט!“ האָט זיך אַרויסגעריסען ביי אַלעמען.

איצט האָבען זיי געוואַרט און געוואָלט איהם זעהן. צווישען די וואַרטענדיגע זענען אויך געווען זיינע גוטע פריינד, וואָס האָבען עזריאל׳ן געדענקט און ליעב געהאַט.

גיך האָט זיך געעפענט די טיר און פון דאָרט זענען אַרויס דער רב, דער פאָרשטעהער פון דער יודישער געמיינדע און אין מיטען עזריאל, אַ בלייכער, אַ דאַרער, מיט גרויסע אויגען, און אַזאַ

קלייניגקער אין דעם אַלטען, גראָהען סאָלדאַטישען שינעל. ער איז געגאַנגען טיעף פֿערטראַכט, און מסתמא איז דאָס געווען דער איינציגער מאָל, וואָס עזריאל, דערזעהענדיג בעקאַנטע פּנים׳ער, האָט ניט געשמייכעלט צו זיי מיט זיין מילדען שמייכעל.

צו דער קליינער גרופּע זענען צוגעשטאַנען נאָך, און ווען מען איז אַרויף אויפ׳ן שאָסיי, איז שוין נאָך עזריאל׳ן נאָכגעגאַנגען אַ גאַנצע מאַסע מענשען.

„וואָס איז דאָרט, וואָס?“ האָבען איינגע מיט דערשראָקענע פּנים׳ער געפֿרעגט. עמיצער האָט אָנגעהויבען לויפֿען און דער סטראַזשניק, מיינענדיג, אַז עס קומט פֿאָר אַ סקאַנדאַל, אַ געשלעג, האָט אָנגעהויבען פּייפֿען און רופֿען אַנדערע סטראַזשניקעס.

VI

מיט עזריאל׳ן איז פֿאָרגעקומען דאָס, וואָס עס קומט פֿאָר מיט אַנ׳אונגליקליכען, וואָס מען האָט איהם געפֿונען אַ דערפֿראָרענעם אויפ׳ן שנייאיגען פֿעלד, און וואָס גוטע מענשען טראָגען איהם אַריין אין אַ וואַרימער שטוב. קיין מעדיצין דאַרף מען ניט, דאָס איז איבעריג. זאָל נאָר די שטוב זיין וואַרימער, און איבער די פֿערפֿראָרענע אבֿרים וועט ווידער אָנהויבען פֿליסען וואַרימע בלוט, און דער זעלבער, וואָס האָט, דוכט זיך, ניט געוויזען קיין סמנים פֿון לעבען, וועט אויפֿהויבען די אויגען און מיט דער שוואַכער שטים פֿרעגען: „וואו בין איך?“...

און דאָס, וואָס די וואַרימע שטוב איז געווען פֿאַר יענעם דערפֿראָרענעם, זענען די פֿיעל גוטע פֿריינד פֿון דער שטאָדטיגער יוגענד געווען פֿאַר עזריאל׳ן און פֿאַר זיין קראַנקער נשמה. זיי האָבען איהם סוף־כל־סוף אַרויסגעפֿיהרט פֿון דער געדיכטער פֿינסטערניש, וואָס אין איהר האָט געבלאָנזשעט זיין גייסט. לאַנג האָט נאָך די קראַנקהייט געהאַלטען עזריאל׳ן אין איהרע שאַרפֿע נעגיל. אויך זיין פֿריהער קלאָרען גייסט זענען נאָך אַליך געהאַנגען שוואַרצע וואָלקענס. נאָר אַדאַנק דער אינטימקייט, דער בעזונדערער פֿאָרזיכטיגקייט, אַדאַנק די ליעבע, וואָס מיט איהר איז מען צו איהם צוגעגאַנגען, האָט מען אָנגעהויבען מערקען, ווי אונטער אַט די וואָלקענס שלאָגט זיך שוין הורך די זון. ביסלעכווייז, ביסלעכ־

ווײַז האָט זיך צו עזריאלן אָנגעהויבן אומקערן דאָס פֿריהערדיגע. אַלץ מער און מער האָט ער זיך דערנעהנטערט צו יענעם עזריאלן, וואָס מען האָט געקענט אַמאָל. זײַן קראַנקהייט איז, בעצם, דאָך בעשטאַנען אין דעם אונענדליכן וועהטאָג, וואָס האָט אַרומגעוויקעלט זײַן נשמה, אין דעם טיפֿען אומעט, וואָס האָט אַנידערגעבויגען דעם קאָפּ און פֿערשלאָסען פֿאַר איהם די ליכט פֿון דער וועלט. עפּיס אַזינע שוואַרצע געשטאַלטען האָבען זיך געדרעהט אַרום זײַן פֿערטונקעלטען בעוואוסטזײַן און אַרויסגערופֿען אַ שרעק, און די טרערען, וואָס פֿלעגען זיך גיסען, הילכט זיך, אָהן אַ סיבה. מיט דער ריהרענדסטער אויפֿמערקזאַמקייט האָבען עזריאלס פֿרײַנד: לעהרער, גימנאַזיסטען, פּריקאַשטשיקעס, צוגעקוקט, ווי דער ענגער קרייז, וואָס האָט געשטיקט עזריאלן, פֿערברייטערט זיך; ווי דאָס ליכט קעמפֿט מיט דער פֿינסטערניש, און ער בעפֿרייט זיך ביסלעכווייז פֿון דעם שרעק, וואָס האָט איהם אַרומגעכאַפּט. מיט ליעבע האָבען זיי פֿעריאָגט עזריאלס פֿײַנד און זעהענדיג, אַז ער, דער פֿײַנד, די קראַנקהייט, ווערט שוואַכער, האָבען זיי נאָך פֿערטאָפּעלט די אַלע בעקוועמליכקייטען, די אינטימע אַטמאָספֿערע, די פּסיכישע היגיענע, וואָס שפּיעלט בײַ אַזאַ צופֿאַל די גרעסטע ראָלע. ער האָט געוואוינט בײַם עק שטאָדט, ווייט פֿון טומעל, אין אַ ברייטען, ליכטיגען צימער. אַלע טאָג פֿלעגט עמיצער פֿון זײַנע פֿיעל בעקאַנטע, חברים בײַ איהם נעכטיגען. מיידלעך פֿלעגען איהם ברענגען בלומען. אַלץ דאָס, וואָס קען נור צעשטרייען אַ מעלאַנכאָליקער, פֿערטרײַבען זײַנע טרויעריגע געדאַנקען, איז אָנגעווענדט און אויסגענוצט געוואָרען.

און ווען עס איז פֿאַרבײַ אָנדערהאַלב יאָהר, האָט מען שוין גערעכענט עזריאלן אויפֿ'ן וועג צום פֿולקומען אויסהיילען זיך.

אמת, עס פֿלעגען זײַן אַזינע וואָכען, ווען עזריאל פֿלעגט ווידער אַרײַנפֿאַלען אין נעץ פֿון די שוואַרצע געדאַנקען. דאָס שרעקליכסטע איז געווען דאָס, וואָס עזריאל פֿלעגט אַלע מאָל פֿיהלען, ווען יענע שוואַרצע, פֿינסטערע, שווערע צייט דערנעהנערט זיך צו איהם, און האָט געשראָקען זיך דערפֿאַר, ווי פֿאַר אַ פֿײַנד, וואָס האָט איהם אַרומגערינגעלט פֿון אַלע זייטען און וואַרט נור אויף דעם גינסטיגען מאָמענט, כדי אָנצופֿאַלען. ער פֿלעגט דאַן בעטען די

בעקאַנטע ניט אַוועקגעהן, וואָרום ער האָט מורא צו בלייבען אַליין. ער פלעגט אָננעהמען פאַר'ן האַנד און מיט אַ שוואַכער, שטילער שטים, פונקט ווי מ'וויל איינזאָגען עפּיס אַ וויכטיגען, שרעקליכען סוד זאָגען: „באַלד, באַלד דאַרף דאָס ווידער קומען". און יענע טעג, ווען ער האָט געפיהלט, ווי עס רוקט זיך אָן אויף איהם ווי אַ שוואַרצער באַרג, שוואַרצע וואָלקענס, האָט מען ניט געקענט אָהן רחמנות אויף איהם קוקען. נאָר וואָס ווייטער, האָט דאָס געטראָפען אַלץ זעלטענער און פלעגט געדויערן ווייניגער. ווען די שווערע געשטאַלטען פלעגען פערשווינדען ווערען, האָט עזריאל געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענשען, וועלכער שטעהט אויף פון אַ לאַנגער קרענק. ער קען זיך נאָך ניט אויפהייבען, נאָר מיט פרייד כאַפּט ער יעדען אָטעם פון לעבען. און די אויגען איז שוין ניט געווען דער אונענדליכער שמאַרץ, נאָר דער אויסדרוק פון אַ ווייכער גוטסקייט און רוהיגקייט. ער האָט אַליין ניט געוואוסט, וואָס דאָס איז און פון וואַנען נעהמט זיך עס, — נאָר איהם האָט זיך געוואָלט, עמיצער זאָל אָט באַלד קומען און פרעגען: „עזריאל, דיר איז גוט?" — און ער, עזריאל, וועלכער האָט זיך קיין מאָל ניט ליעב געהאַט קלאָגען, וואָלט מיט אַ בעזונדער פערגעניגען געענטפערט איצט: „גוט, זעהר, זעהר גוט". איהם האָט זיך געדוכט, אַז עס איז גאָר ניטאָ קיין שענערס פון דעם, וואָס רינגעלט איהם אַרום. אָט שפּיעלען זיך קינדער אויפ'ן הויף. ענטלעך שווימען איבער'ן וואַסער. אַ ייִדענע קויפט אויף היהנער. דער שמש געהט אויפקלייבען וואָכער ביי די בעלי-בתים. אַ מיידעל איז אַוועק אין ביבליאָטעק נאָך אַ נייעם בוך. אַ פויער דינגט זיך מיט אַ ציגיינער. אַלץ איז אויפ'ן העכסטען גראַד אינטערעסאַנט, און ניטאָ גאָר קיין גרעסערער פערגעניגען, ווי צוצוזעהן אָט דאָס, און מען דאַרף גאָר ניט זוכען קיין נייע לענדער, וואָרום אומעטום איז אַלץ איינם גוט. און ער וואָלט וועלען נור איין זאַך: אַרומנעהמען אַלץ און אַלעמען און צוזאַמען דאַנקען פאַר דאָס גוטע, וואָס גאָט האָט אַראָבגעשיקט אויף דער וועלט און די מענשען. די פערגאַנגענהייט דריקט שוין ניט, ווי אַ שווערע לאַסט. נייע פליגלען, נייע האָפענונגען...

פֿאַר די לעצטע יאָהרען האָט מען אויך פֿון אונזער שטאָדט,— דאַכֿט זיך, אַזאַ רוהיגע, מיט אַזאַ גוטער לופֿט, מיט אַזוי פֿיעל גרינס, אָנגעהויבען פֿאָהרען אויף זומער-וואוינונגען אין די אַרומיגע דערפֿער. פֿאַר'ן בעסטען אָרט האָט מען גערעכֿענט דעם דאָרף מיכֿאַילאָווקע, וואָס ליגט אין טאָל נעבען אַ ברייטען טייך. אַליין דער וועג אַהין צום דאָרף קען פֿערשאַפֿען פֿערגעניגען דעם, וואָס פֿער'שטעהט עפּיס אין דער נאַטור און האָט ליעב איהרע שענקייטען. פֿון ביידע זייטען ברייטען פֿעלד זענען פֿונאַנדערגעוואָרפֿען רייכֿע פּויערשע היפֿען, אַרומגערינגעלט מיט געדיכֿטע גערטנער. וואוהין מען ווענדט נאָר די אויג, זעהען זיך סטאַדעס, ווינט-מיהלען און גרופּעס פּאַסטוכֿער. אַרויפֿפֿאָהרענדיג אויפֿ'ן באַרג — דערהויפּט פֿאַרנאַכֿט, ווען די זון פֿערגעהט — עפֿענט זיך אַ זעלטענע פּאַנאָראַמע: דער דאָרף מיכֿאַילאָווקע מיט זיינע פֿיער קירכֿען, מיט די ווייסע הייזער און הויכֿע טאָפּאָלען. ביים אַראָבלאָזען פֿון באַרג, ווען מען פֿאָהרט אַריין אין מאַרק, ווערט אַ ביסעל פֿערשוואונדען דער צויבער. עס טרעפֿען זיך איינגעבויגענע הייזער, שמוציגע, אָבגעריסענע דאָרפֿישע קינדער, אַן'אַיילענדיגער ייד מיט אַ הוהן אין האַנד, צוויי רייהען קראָמען מיט שמוציגע דעכֿער פֿון אַלטען בלעך. נאָר דערנאָך ווייטער, דאָרט, וואו עס ענדיגט זיך די לאַנגע הילצערנע בריק, הערשט שוין ווידער די מלוכה פֿון שענקייט. ניטאָ קיין שטויביגע, דאָרפֿישע גאַסען; דורכֿאויס גערטנער, און דער וועג פֿון איין פּויערשען הויף צום צווייטען איז דורכֿ'ן גאָרטען. מען וואָלט געקענט מיינען, אַז אין דעם ווינקעל פֿון טיעף קליין-רוסלאַנד האָבען קינסטלער געבויט פֿאַר זיך אַ ווילען-שטאָדט אין פּרימיטיווסטען סטיל,— ווען ניט די פֿערדראָעטע, כֿאָטש רוהיגע פּנימ'ער פֿון די פּויערים, וואָס אַרבייטען אויף די היפֿען, ווען ניט די פֿיעל אַנדערע סימנים, וואָס ווייזען, אַז אין דעם הערליכֿען אָרט געהט די אומידליכֿע דאָרפֿישע אַרבייט מיט אַלע איהרע ליידען און פֿריידען. דאָך מיכֿאַילאָווקע איז דער רייכֿסטער דאָרף אין דער געגענד. אין די הייזער— אַ זעלטענע זויבערקייט. אומעטום בלומען אַרום די קליינינקע פֿענסטער. אַ בעזונדער ווינקעל פֿון יעדען הויף פֿיהרט גלייך צום טייך.

און אויפֿן ברעג ליגען איבערגעקעהרטע שיפֿלעך. וואָרום שיפֿען זיך און באָדען זיך איז איינער פֿון די גרעסטע פֿערגעניגענס דאָ.

אָט די דאָרף־געגענד, וואָס ליגט ווינטער בעהאַלטען אין טיעפֿען שניי, לעבט אָב זומער־צייט, ווען עס פֿאָהרען אָן די דאַטשניקעס. יעדער טאָג בעווייזען זיך אַלץ נייע פּנימ׳ער. איבער די פֿעלדער, גערטנער וואַרפֿען זיך אין די אויגען שטרויענע היט, בלאָהע, ווייסע, שוואַרצע שירעמס. דער פֿרעהליכער געלעכטער, וואָס קלינגט אי בייטאָג אי ביי נאַכט, פֿערטרייבט יעדע זאָרג. מען בעגעגענט און בעגלייט געסט, וואָס קומען פֿון שטאָדט אויף וועלאָסיפּעדען, בריטשקעס, צופֿוס. און די אָרטיגע יודישע איינוואוינער קלאָגען זיך דערויף, וואָס די לעבענס־מיטלען ווערען אַדאַנק די דאַטשניקעס אַלץ טייערער און טייערער.

דער בעליעבטער אָרט, וואו די יוגענד פֿערברענגט די ליכטיגע זומער־נעכט, איז דער ברייטער גרינער פּלאַץ, וואָס געפֿינט זיך אין מיטען צווישען דעם טייך און דער וואַסער־מיהל פֿון איין זייט, און דעם געדיכטען וואַלד פֿון צווייטען. אין דער נאַכט איז מען אויך דאָרט געזעסען לאַנג און, ווי דער שטייגער, געפֿיהרט דעם אונענדליכען שמועס, וואָס די יוגענד איז דערויף פֿעהיג.

— ניין, זאָגט דאָס ניט — האָט זיך דערהערט אַנ׳אָנגענעהמע שטים — ווען מען האָט באמת ליעב די נאַטור, טרעט מען ניט די הויכע גראָזען, נאָר מען זוכט אויס אַזוינע וועגעלעך, וואָס איבער זיי קען מען געהן פֿריי, קיינעם ניט שאָדענדיג. צום ביישפּיעל, איהר, רחל. נעכטען האָט איהר מיט אַזאַ אומעטיגען פּנים גערעדט וועגען די וואַסער־ליליעס. נאָר אויפֿשטעהענדיג אין דערפֿריה, האָט איהר מיט אייערע קליינינקע הענטלעך אָבגעריסען אַ רויז, וואָס אויף איהר איז נאָך געווען דער מאָרגענדיגער טוי. דעמאָלט איז גאָר אייך ניט אַריינגעפֿאַלען אין זינען, אַז איהר האָט פֿערדאָרבען אַ יונג לעבען. איך גלויב נאָך, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען מיר וועלען פֿיהלען דעם וועהטאָג פֿון די בלומען, גראָזען, בוימער. איבער די הערליכע גערטנער וועלען מיר אַרומגעהן, ווי פֿריינד. מיר וועלען פֿערשטעהן, אַז אויב די בלומען, פֿלאַנצונגען שווייגען, הייסט נאָך ניט, אַז זיי ליידען ניט. ששששא! איהר הערט, איהר הערט, ווי אין הערבייאיגען וואַלד לאַכט דער שרעקליכער

נאַכט-פֿייגעל? אין רוסיש הייסט ער „סיטש“. צווישן פֿאָלק געהערן פֿערשיידענע מעשׂיות וועגן דעם לאַכן. מען זאָגט, אַז דאָס איז דער לץ, וועלכער פֿערפֿירט מענשן. אויף מיר מאַכט דאָס אַלעמאָל אַזאַ אײַנדרוק. אַרום אַזוי שטיל, שטיל — און מיט אַמאָל אַ ווייטער געלעכטער. נעכטן בין איך אַרויס פֿון הויף און אַוועק מיט דעם וועג, וואָס פֿירט צום טייך. אַ שטערנדיגער הימעל; די לבֿנה; די אײַנגעבויגענע צווייגן פֿון בוים וואַרפֿן די שאָטענס איבער דעם טייך; און אַ ווינקעלע זיצט אַ מענש און כאַפּט פֿיש. ער כאַפּט גאָר ניט: ער האָט גאָר פֿערגעסן אָן דעם. ער זיצט אַזוי אַ פֿער'כּשופֿ'טער שעה'ן. „וואָס זאָגט איהר צו דער נאַכט, האַ?“ — „אַ כּשופֿ נאַכט“ ענטפֿער איך און זעץ זיך נעבן איהם. אין מיטן דערינען אַ געלעכטער, פּונקט ווי איינער האַלט זיך אין די זייטן און שטיקט זיך פֿאַר געלעכטער. דאָס שרייט דער שרעקליכער פֿייגעל, דער „סיטש“. „אַך, איהר נאַרען, נאַרען“ — לאַכט מען דאָרט אין וואַלד, און דער געלעכטער טראָגט זיך פֿונאַנדער איבער אַלע גערטנער, איבער דעם טייך. איהר האָט דאָס קיינמאָל ניט געהערט, רחל?

דאָס האָט גערעדט און געפֿרעגט עוזריאל דער אײַנבינדער. די נאַכט איז אַזאַ ליכטיגע, אַז מען קען בעמערקן זיין לייכט אָבגעברענטען פּנים. די אַלטע שטרויענע הוט אָן אַ זייט און די ווייסע העמדיל אַרומגעבונדען מיט אַ שוואַרצען גאַרטיל. נאָך אין אָנהויב זומער האָט ער זיך דאָ בעזעצט אין דאָרף. ער איז שוין לאַנג געזונד. צו איהם האָבען זיך ווידער אומגעקעהרט די אַלע אייגענאַרטיגקייטען, וואָס זענען געווען פֿאַר איהם אַזוי כאַראַקטעריסטיש. אומגעקעהרט זיך די שטענדיגע בעגייסטערונג, דער שטענדיגער שפּיעל פֿון אַ נאַאיווער פֿאַנטאַזיע, די נייגעריגקייט, דער זוכען און די אונמידליכקייט דאָרט, וואו עס רעדט זיך וועגען עפּיס אַ גראַנדיעזען פּלאַן צו מאַכען גליקליך די גאַנצע וועלט; דער פֿריהערדיגער עוזריאל, דער ליעבלינג פֿון דער פּראָווינציעלער יוגענד, מיט דעם אַרסענאַל בײַשפּיעלען, מיט דער אייגענאַרטיגער מאַניר שטיל צו רעדען און אַריינצוגעהן מיט די ווערטער גלייך אין האַרצען אַריין. צום פֿריהערדיגען איז צוגעקומען אַ נייס. עוזריאל איז אַ וועגעטאַריאַנער. די איבערצייגונג אין דער נויטיגקייט צו זיין

אַ וועגעטאַ־יאַנער האָט זיך בײַ איהם געשטאַרקט בעזונדערס דאָ אויף דער זומער־וואוינונג. די נאַטור האָט דעם מאָל אויף איהם געווירקט בעזונדערס שטאַרק. און צווישען בעקאַנטע פּלעגט ער אָפט איצט ליעב האָבען רעדען ניט בלויז וועגען די בעציהונגען פון מענשען צו מענשען, ניט בלויז וועגען די אידעאַלע אָרדנונגען, וואָס זיין פאַנטאַזיע האָט איהם געמאָלט, נאָר אויך וועגען בלומען, פייגלען, חיות. ער איז געגאַנגען ספּעציעל בעקאָנען זיך מיט'ן דאָקטאָר פון דאָרף ניר דערפאַר, ווייל מען האָט געקענט בײַ איהם אַנטלייהען ברעהמ'ס „לעבען פון די חיות". אין דער וועלט־אָרדענונג, וואָס עזריאל האָט אַליין אויסגעאַרבייט, אין דער פיעלפאַרביגער אוטאָפּיע זיינער איז שוין אַריין אויך די נאַטור, אַלץ, וואָס שפּראָצט און לעבט. איהם פּלעגען פעהלען ווערטער, כדי אַלץ צו דערקלערען, וואָס ער טראַכט. נאָר ער האָט גערעכענט, אַז מיט דער קליינער צאָהל ווערטער קען מען אויך געבען צו פערשטעהן, וואָס ער, עזריאל, מיינט, און אין וואָס איז זיין אידעאַל. גאַנצענע טעג בלאָנזשעט עזריאל איבער גערטנער, פעלדער. ער לאָזט קיין זאַך ניט הורך, אינטערעסירט זיך מיט אַלץ, זיין נייגעריגקייט האָט ניט קיין גרעניץ. נאָר אין דערזעלבער צייט טראָגט ער אין ערגיץ ניט אַריין דעם וואָלוועלן טומעל. איין זאַך פערשטעהט ניט עזריאל: פאַרוואָס אָט די אַלע שכנים, צווישען זיי אויך זיינע גוטע בעקאַנטע, פיהלען ניט די שענקייטען פון אָט די גאָלדענע טעג און די געטליכע נעכט? אַלענפאַלס, פיהלען זיי ניט אַזוי, ווי ער וואָלט וועלען. זיי זיצען אין שטוב, ווען אין פעלד קלינגען די קאָסעס. און ווי קענען זיי שלאָפען אין אָט די כשופ'דיגע נעכט? מיט דעם שכן, וואָס מיט איהם האָט ער געדונגען אינאיינעם בײַם פיער די זומער־וואוינונג, קומען פאָר סכסוכים:

„עזריאל, הפּט דער שכן, געהט שוין אין צימער אַריין. עס איז שוין דאָך אַזוי שפּעט".

— „באַלד, באַלד, נאָך אַ ווײַלע, ענטפערט עזריאל.

נאָר עס איז שוין דורך עטליכע ווײַלעס, אַ שעה, — און עזריאל ריהרט זיך פון אָרט ניט.

„מאָדנע מענשען, טראַכט ער, פערשליסען טיר און לאָדען גראָד אין דער צייט, ווען מען דאַרף זיין וואַך. מיין נאָט!

וואָס פּאַר אַ הימעל! ניין, שלאָפּט אײַך געזונטערהייד — איך בלייב דאָ".

און ער גייט מיט'ן וועג, וואָס פירט צום ברעג. ער שטופּט אָב די שיפעל, שפּרינגט אַריין. נאָך אַ ווײַלע — און ער איז שוין אין מיטען טייך.

„און אין אַזאַ צייט שלאָפען" — קען אַלץ ניט פערגעסען עזריאל.

און אין גאָרטען צווישען די צווייגען זינגט דער נאַכטיגאַל: „טיואיט, טיואיט, טיוף, טיוף, טיואיט". עזריאל הערט אויף צו רודערן, לאָזט אָב די רודערס און שפּרייט זיך אויס איבער'ן שיפעל, די הענד פערלעגט אונטערן קאָפּ און די אויגען צום הימעל. לאַנג, לאַנג ליגט ער. די שיפעל רוקט זיך פּאַמעליך. שטיל אַזוי אַרום, און ווי גוט איז אין דער שטילקייט צו טראַכטען. ער קען זיך אַלץ ניט דערמאָנען, מיט וועמען האָט געטראָפען יענע שרעקליכע, וואָס ער האָט וועגען דעם אָקאָרשט ניט ווילענדיג אַ טראַכט געטאָן. שוין זשע מיט איהם גופא? ניין, ניין, ניט מיט איהם. דאָס האָט מען איהם נור דערצעהלט אַ טרויעריגע געשיכטע וועגען איינעם אַ יודישען בחור, וואָס איז פערמשפט געוואָרען אויף דריי יאָהר שטראָף-באַטאַליאָן. יאָ, שווער איז דאָרט געווען! אַ סאָלדאַט האָט צו אָט דעם יודישען בחור געזאָגט: „עך, ברודערקע! איך האָב אויף דיר רחמנות. וועסט דאָ פערפאַלען ווערען". נאָר דאָס איז דאָך פאָרט געווען מיט איהם, מיט עזריאל'ן. „טיואיט, טיואיט, טיוף, טיוף, טיואיט" — זינגט דער נאַכטיגאַל אין גאָרטען צווישען די צווייגען. ליכטיג, שטיל. דער שאָטען פון די ביימער אין טייך; אַ גאַנצער גאָרטען אין טייך. און שטערען, אומעטום שטערען, אי אונטען, אי אויבען. ניין, טראַכט ווידער עזריאל: אָט די שרעקליכע שוואַרצע וועגט זענען נור אַ שווערער חלום. עס האָט ניט געקענט טרעפען אַזוינס, ניט מיט איהם, ניט מיט אַנ'אַנדער יודישען בחור. דאָס איז אַ חלום, בלויז אַ שווערער חלום. עזריאל מאַכט צו די אויגען. אַזוי דייטליך הערט זיך, ווי ערגיץ שפּיעלט מען אויף אַ האַרפע. און ווידער וואָלט זיך וועלען איהם, עמיצער זאָל פרעגען: „דיר איז גוט, עזריאל?" און ער, וואָס האָט קיינמאָל ניט ליעב געהאַט קלאָגען זיך, וואָלט דעם מאָל מיט אַ באַזונדער פער-

געניגען ענטפערן: „גוט, זעהר, זעהר גוט“. אַלץ שרעקליכע, וואָס איהם איז אויסגעקומען איבערצולעבען, איז ערגיץ פערשוואונדען, איז קיינמאָל ניט געווען. ניט געווען דער שטראָף־באַטאַליאָן, די יאָהרען הונגער, דער וואַנדערן. פאַרהאַנען נור אַ געטליכע ליכטיגע נאַכט, גליקליכע מענשען, און דער נאַכטיגאַל זינגט אין די צווייגען נור דערפאַר, ווייל איהם איז אַזוי אָנגענעהם צו זינגען, וויבאַלה ער האָט דערפון אַזוי הנאה.

-- עזריאל, עזריאל! — טראָגט זיך פונאַנדער אַ קול איבער דעם טייך. דאָס שטעהט אויפ'ן ברעג עזריאל'ס שכן און הפט איהם.

— אַך! ווי עס ווילט זיך ניט געהן אין שטוב, זאָגט עזריאל, אַהיימשפרינגענדיג פון שיפעל...

.VIII

פון זומער־וואוינונג איז עזריאל אַרויסגעפאָהרען שפעטער פון אַלעמען. ער איז געבליבען ביז'ן אָנהויב האַרבסט, געזעהן, ווי עס האָבען זיך געביטען די פאַרבען אויף די בוימער, און ווי די בלעטער פון גרין זענען געוואָרען צו גאָלדענע, רויטע, און ווי זיי זענען געפאַלען פון די בוימער, און ווי עס זענען פערוועלקט געוואָרען אַלע בלומען. עזריאל'ן איז דאַן געווען זעהר אומעטיג אויפ'ן האַרצען. בלאָנקענדיג איבער די בעקאַנטע הורכגעטראָטענע געסלעך, האָט ער געטראַכט וועגען אַזיינע זאַכען, וואָס פאַלען אַריין אין זינען אין האַרבסט מעהר, איידער אַלעמאָל. ער האָט געטראַכט וועגען דאָס, וואָס געהט אונטער און שטאַרבט אָב.

ער האָט בעשלאָסען אויפ'ן ווינטער בלייבען אין דאָרף מיכאַילאָווקע, וואָרום דאָ האָבען געוואוינט אַרום פיעל גוט־בעזיצער און עס איז געווען פיעל אויסזוכטען אויף אַרבייט. אַרבייטען איז געווען נייטיג, דער עיקר, דערפאַר, ווייל ביי איהם איז אויפגעוואַקסען אַ פּלאַן אָנקלייבען פאַר'ן ווינטער אַ ביסעל געלד און אַוועקפאָהרען אין נייע קאַנטען. אַן'אינעווייניגסטע שטים האָט פון איהם געפאָדערט, ער זאָל זיך אויפהייבען פון אָרט און ווידער וואַנדערן. איהם האָט זיך פערוואָלט זיין אין דער ליטא, פוילען, ווידער צוהערען זיך צו דעם, וואָס מען רעדט דאָרט, און וועגען וואָס עס טראַכט די יודישע יוגענד. עזריאל וואָלט דעם פּלאַן

זיינעם אויסגעפֿירט, ווען ניט יענע פּלוצלינגדיגע אונגעריכטע קאַטאַסטראָפֿע, וואָס האָט זיך אַרויפֿגעוואָרפֿען אויף מיכאַילאָווקע און אונטערגעכאַפּט אויך איהם, עזריאל'ן, און געמאַכט אַ סוף צו אַלע זיינע חלומות, פֿאַנטאַזיעס, פּלענער אויף אייביג.

אַלץ איז דאָס פֿאָרגעקומען אַזוי אונגעריכטערהייד. ווייניגער פֿון אַלץ האָט מען געקענט טראַכטען וועגען דעם, אַז אין דאָרף מיכאַילאָווקע זאָלען זיין אַגראַר-אונרוהען. די פּויערים, אין פֿער-גלייך מיט אַנדערע דערפֿער, האָבען געהאַט פֿיעל ערד, און בכלל זענען זיי געווען רוהיג. קיין סימנים האָבען ניט אָנגעוויזען אויף אַ קאַטאַסטראָפֿע. דעריבער ווען אויפ'ן פּלאַץ פֿון מאַרק האָט זיך אין איין זונטאָג איינגעקליבען אַ מאַסע מענשען, וואָס מיט זיי האָט גערעדט דער קרייז-קאָמיסאַר, אַרומגערינגעלט מיט רייטענדע פּאָליציאַנטען, האָבען זיך אַלע געוואונדערט און ניט געקענט פֿערשטעהן, וואָס דאָס איז. צוזאַמען מיט פֿיעל אַנדערע איז אויך עזריאל געשטאַנען פֿון ווייטען און צוגעזעהן דאָס בילד. אַפֿריהער איז געווען שטיל. דער קרייז-קאָמיסאַר האָט עפּיס גערעדט, גע-פֿלייסט זיך צו איבערצייגען די מאַסע מענשען, וואָס איז אַלץ געוואַקסען. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבען ברומען, וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער. דער קאָמיסאַר האָט זיין שטים אויפֿגעהויבען, די מאַסע האָט מעהר געברומט, אָנגעהויבען אַזוי ווי וויגען זיך. מיט איין מאָל האָבען זיך אויפֿגעהויבען ווילדע געשריען, אַ גע-זויי פֿון פֿרויען; ס'איז געוואָרען אַ ליופֿעריי, שטיקעריי. עזריאל איז געשטאַנען ווי אַ פֿערשמידטער מיט אַן אָפֿענעם מויל. עמיצער האָט איהם געריסען פֿאַר די אַרבעל גערופֿען גיך אַוועקגעהן, נאָר ער האָט זיך ניט געקענט ריהרען פֿון אָרט. ווען ער איז געקומען אַ ביסעל צו זיך, האָט ער דערזעהן אַ פּוסטען פּלאַץ, און עטליכע מענשען זענען געלעגען אין פֿונאַנדערגעוואָרפֿענע אונגאַטירליכע פּאָזעס, צווישען זיי איז אויך געווען דער קרייז-קאָמיסאַר, עמיצער פֿון דער מאַסע פּויערים האָט איהם דערהרג'עט מיט אַ לאַנגער, שאַרפֿער קאָסע.

ווי נאָר די מאַסע האָט דערזעהן, אַז דער קרייז-קאָמיסאַר איז טויט, האָט זי אָנגעכאַפּט אַ שרעק פֿאַר דאָס געשעהענע. ביי אַלעמען איז אָבגעפֿאַלען דער כעס. עס האָט זיך נור געוואָלט

וואָס גיכער, אונבעמערקטערהייד אַנטלויפֿן, ניט זיין דאָ. מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, שוואַרצע, כמורע, האָבן זיך די פּויערים אָנגעהויבן פֿונאַנדערגעהן איינציגווייז און גרופּעסווייז איבער די הייפֿן און געסלעך. אויפֿ'ן פּלאַץ האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט, די שטילקייט, וואָס אין איהר הערט זיך אַ שרעקליכע שטים: „דאָס וועט אייך אַזוי ניט דורכגעהן". איבער'ן דאָרף האָט זיך אַזוי ווי פֿאַרשפּרייט אַ פֿינסטערניש. די פּויערים זענען געזעסען אין די הייזער און געוואַרט אויף דער שטראָף, וואָס דאַרף קומען.

מיכאַילאָווקע איז געווען ניט זעהר ווייט פֿון דער גובערניע שטאָדט. אין צוויי טעג נאָך דער קאַטאַסטראָפֿע זענען שוין אָנגעקומען מיליטער-בעאַמטע און אַ יונגער בלאָנדער אָפֿיציר. דאָס איז געווען די שטראָף-עקספּעדיציע. קאָזאַקען זענען געגאַנגען איבער די הייפֿן און האָבן אויסגעקליבען די, וואָס זענען נאָך דער מיינונג פֿון די בעאַמטע געווען צום מיינסטען שולדיג.

עזריאל, וואָס האָט געוואוינט אין צענטער דאָרף, ביי אַ ידען, אַן אַלטען ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט, האָט זיך געוואונדערט, ווען מען איז געקומען צו איהם. ער האָט אויסגעשריען פֿון איבעראַשונג, ווען ער האָט דערזעהן, אַז צוזאַמען מיט איהם ווערט אויך גענומען דער בעל-הבית זיינער, דער אַלטער ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט. ווען עס וואָלט זיך האַנדלען ביים אויספֿאָרשען, וואָלט מען געוויס עזריאל'ן פֿריי געלאָזען, וואָרום ער איז געווען אַזוי פֿריי פֿון דעם, אין וואָס מען האָט איהם בעשולדיגט. נאָר דער טויט פֿון דעם קאָמיסאַר האָט געפֿאָדערט באַלדיגע שטראָף. די ניטיגע אויסווייניגסטע מאָמענטען, וואָס זענען גענוג, אום צו בעשולדיגען עזריאל'ן, זענען געווען. מען האָט איהם געזעהן רעדענדיג אָפֿט מיט פּויערים; מען האָט איהם געזעהן צו אָפֿט געהענדיג איבער פֿעלדער, גערטנער. אויך איז ער געבליבען אין דאָרף אין דער צייט, ווען אַלע דאַטשניקעס זענען זיך שוין פֿונאַנדערגעפֿאָהרען. און דער בעל-הבית איז שולדיג דערין, וואָס ער האָט געגעבען זיין וואוינונג אַזאַ געפֿעהרליכען אַגיטאַטאָר.

די פּויערים, שווייגענדיגע, רוהיגע, האָבען געוואַרט אויף דער שטראָף, וואָס זיי דאַרפֿען בעקומען מאָרגען. זיי האָבען פֿאַרגעסען וועגען די פֿאָדערונגען; זיי געדענקען שוין ניט, פֿון וואָס

אין איבער וואָס האָט זיך דאָס אָנגעהויבען. זיי האָבען דאָס געשעהענע בעטראַכט, ווי אַנ׳אוּנגליק, ווי אַנ׳אָנשיקעניש, אַנ׳עפּידעמיע, אַ שׂרפה. עזריאל איז פאַר זיך געווען רוהיג. ער האָט איך געוואוּסט, אַז אויף איהם וואַרט עפּיס אוּנגעהייער שרעקליכעס. ער האָט געוואוּסט, אַז מעגליך, אַז דאָ קוּמט שוין זיין סוף. נאָר אין די מינוּטען האָט איהם מעהר פון אַלץ אינטערעסירט דער גורל פון דעם אַלטען ידען, דעם ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט מיט דער לאַנגער, גראָהער באָרד, וואָס האָט זיך שטענדיג געטרייסעלט. „שוין זשע ער איך? שוין זשע וועט איהם ניט מיידען די חרפּה? שוין זשע וועט ניט פאָרקוּמען עפּיס אַ נס? אָט דעם אַלטען ידען וועט מען מאָרגען שמייסען?“ האָט געטראַכט עזריאל.

אויפ׳ן ברייטען פּלאַץ, אויפ׳ן זעלביגען, וואו עס איז פאָרגעקוּמען די קאַטאַסטראָפע, זענען אַ רייה פּויערים געשטאַנען אויף די קניה, ערנסטע, אָנגעשטרענגט-שווייגענדיגע. ביים סאַמע עק זענען געשטאַנען עזריאל מיט זיין בעל-הבית, דעם ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט. די באָרד, די לאַנגע, גראָהע באָרד האָט זיך געטרייסעלט. אַנטקעגען זענען געשטאַנען קאָזאַקען מיט נאַגאַיקעס אין די הענד אוּן געוואַרט אויף דער קאָמאַנדע. באַלד דאַרף פאָרקוּמען די עקזעקוּציע. דער הויפּט-בעאַמטער מיט דעם יוּנגען בלאָנדען אָפיצער האָבען אָנגעהויבען הרגענען די קניהענדיגע, אוּן ווען זיי זענען צוגעגאַנגען צו דעם אָרט, וואו עס איז געשטאַנען דער אַלטער ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט, האָט דער יוּנגער בלאָנדער אָפיצער איינגערוימט עפּיס דעם הויפּט-בעאַמטען אין אויער. אוּן דער הויפּט-בעאַמטער האָט באַלד נאָכדעם הויך אויסגערוּפען:

„געאָרגיען-קאַוואַלער! פאַר אייערע אַמאָליגע פערדיענסטען איז מען אייך מוחל אייער פערברעכען. שטעהט אויף אוּן געהט אַהיים“.

עזריאל׳ס בעל-הבית האָט זיך אויפגעהויבען, נאָר ער האָט געקענט נאָר מאַכען עטליכע טריט. ער איז געפאַלען אוּן האָט זיך צעוויינט מיט אַלטע, אַלטע טרערען, אוּן זיין לאַנגע באָרד האָט זיך נאָך מעהר געטרייסעלט.

עזריאל׳ס פּנים האָט געשיינט פון פרייד. ער האָט זיך פערגעסען, וואו ער איז אוּן וואָס מיט איהם איז. ער האָט ניט געזעהן

ניט די קאָזאַקען, וואָס שטעהען שוין מיט אויפגעהויבענע נאַגאַיקעס. ער האָט געזעהן נור, אַז דער אָרט, וואו דער אַלטער ייד איז געשטאַנען, איז ליידיג, דאָס ער איז דאָ ניטאָ. ער האָט געשמייכעלט מיט אַ ברייטען שמייכעל. „די לאַכסט נאָך, פערשאָלטענער ייד?"— האָט געשריען צו איהם דער קאָזאַק, און אויף זיין קאָפּ, איבער דעם גאַנצען לייב האָבען זיך אָנגעהויבען שיטען קלעפּ, לאַנג־זאַמע, שרעקליכע קלעפּ. . . . .

———

די פייערים האָבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע ערטער, ערנסטע, אָנגעשטרענגט־שוויגענדיגע. אויפ'ן פלאַץ איז געבליבען ליגען נור עזריאל... און אין דעם זעלבען טאָג, ווען מען האָט בעגראָבען דעם קרייז־קאָמיסאַר, איז אויך געווען עזריאל'ס לויה.

דער כיראמאנט.

I

צי איז כּיראָמאַנטיע טאַקע איינע פֿון די וויסענשאַפֿטליכע סודות, וואָס דאַרף צוציהען אונזער אויפֿמערקזאַמקייט; צי זענען טאַקע פֿאַרהאַן אַזוינע גליקליכע, וואָס קאָנען אונז אָנגעהמען פֿאַר די הענד און לייענען אונזער צוקונפֿט, ווי אין אַן אָפֿענעם בּוך, — דאָס ווייס איך ניט. נאָר די כּיראָמאַנטען גופֿא האָבּען מיך שטענדיג אינטערעסירט, איך האָבּ ליעבּ צוצוקוקען זיך צו זיי, ווי בּכלל צו אַלע די, וואָס דער גורל האָט זיי געהייסען נעהמען אַ שטעקען און וואַנדערן. אַלע וואַנדערער זענען דאָך סוף כּל סוף פֿון איין משפּחה. דאָס, וואָס איינע זענען נבֿיאים, פֿערזייהען נייע תורות, און אַנדערע זענען נור קאָמעדיאַנטען, טראָגען אונטער דעם בּרייטען גראָהען כאַלאַט אַ געלערנטע מאַלפּע אָדער אַ שפּיעל־קאַסטען אויף די פּלייצעס, פֿערנעהמען זיך מיט מאַגיע, ספּיריטיזם — דאָס איז נור אפֿשר אַ צופֿאַל. נאָר פֿאַרהאַנען עפּיס בּשותּפֿות׳דיגס אין דעם גייסט, וואָס יאָגט זיי, טרייבּט איבּער דער וועלט, וואָס לאָזט זיי ניט זיצען אויף איין אָרט. צו אָט דער משפּחה געהערען אויך די כּיראָמאַנטען.

מיר איז אויסגעקומען זעהן זעהר פֿיעל פֿאָרשטעהער פֿון אָט דער דאָזיגער משפּחה, און אַלע כּמעט זענען געווען יודען. זיי האָבּען געקענט אָקאָרשט — לויט ווי די אַפֿישען מעלדען — קומען פֿון בּאָמבּיי, אָנרופֿען זיך מיט פֿערדרעהטע, לאַנגע אינדישע נעמען, בּרענגען מיט זיך גיפֿטיגע שלאַנגען, טראָגען אויף דעם קאָפּ אַ ווייסע טשאַלמע — אַלץ איינס, זיי זענען געווען יודען. און ווען איהר האָט דערקענט וועמען פֿון זיי, פֿלעגט ער דאַן פֿון דער עסטראַדע אָדער גערעדיג צווישען דעם פּובּ-

ליקום שמייכלען צו איך, ווי צו א שותף פון זיין סוד, און מיט די קלוגע אויגען בעטען זיין פארזיכטיג: אויב איהר האט מיך, יונגער־מאן, דערקענט, איז איך וואויל אין גוט, נאר אלע זאלען דאס וויסען איז, אויף עהרען־ווארט, ניט נויטיג. איך בלייב נאך דא איין וואך און אין משך פון אט דער קורצער צייט וואלט איך איך בעטען ערלויבען מיר זיין אנ׳עכטער אינדוס און ניט זיין מסופק דערין, אז איך בין געקומען פון באמביי...

פארהאנען פערשיידענע טיפען פון כיראמאנטען: דער גרויסשטאדטיגער און דער פראווינציעלער. גרויס איז צווישען זיי דער אונטערשייד. די ערשטע, די גרויסשטעדטיגע, פערפאדרען אין די בעסטע האטעלן. קליינע נאטיצען אין די צייטונגען זאגען אן וועגען זייער קומען. נעבען טיר פון האטעל שטעהט א שווייצאר און טיילט דעם פובליקום רויטע, ווייסע, גרינע צעטעלעך. זיי זענען רייך געקליידט, אלע פינגער בעזעצט מיט פאלשע רינגען. אפט בעגלייט זיי א סודות־פולע פרוי אויך, פערשטעהט זיך, פון דער ווייטער, סודות־פולער אינדיען. אין זייער אבנארען דאס פובליקום איז דא א סיסטעם. זיי זענען זיכער און אויף דעם העכסטען גראד עזות־פנים׳ער.

גאנץ, גאנץ אנדערש איז דער פראווינציעלער כיראמאנט, וואס וואלגערט זיך ארום ווי א ציגיינער איבער דער פראווינץ. דאס איז על פי רוב א דארער יונגער מאן מיט א פערברענטען פנים און לאנגע האר, זעהר עהנליך צו אן אָרימען סטודענט אדער ארימען ישיבה־בחור. פון וואקזאל קומט ער צו־פוס מיט א קליינעם פעקיל. אונטער־וועגס פרעגט ער אויס, וואו קען מען דא אין א וואלוועלער אכסניה פערפאדרען, און קומט ער אין דער אכסניה, בעטראכט איהם די דיענסט מיט חשד און וויים אליין ניט, צי ארייננלאזען אדער ניט. על כל פנים וועט זי געהן זיך מיישב זיין מיט דער בעל־הבית׳טע. זי, די בעל־הבית׳טע, בעטראכט איהם נאך לענגער און נאך מיט מעהר חשד. ער זעהט אויס, דער גאסט, אין איהרע אויגען א ביסעל חשוד׳יג, און זי בעשליסט: א צימער א פרייער איז דא, נאר ער וועט אזוי גוט זיין איינצאהלען פריהער די געלד. דער כיראמאנט וואונדערט זיך גאר ניט. ער איז שוין געוועהנט צו אזא אויפנעהמען און צאהלט 114

אָב פֿאַר אַ גאַנצער וואָך. דער כּיראָמאַנט עסט ניט מיטאָג אין האָטעל. אַלעמאָל, ווען מען פֿרעגט איהם, ענטפֿערט ער: איך האָב שוין אָבגעגעסען. די דיענסט גיט אַ קלאַפּ מיט דער טיר, און אין דעם קלאַפּ איז דאָ אַזוי פֿיעל פֿעראַכטונג.

פֿערזאָרגט זיך מיט אַ קוואַרטיר, הויבט ער אָן אַרומלויפֿען אין פּאָליציי נאָך אַנ׳ערלויבניש. דאָס איז דער שווערסטער מאָמענט פֿאַר איהם. דער צווייטער שווערער מאָמענט איז דאַן, ווען מ׳דאַרף פּועל זיין בײַ דער דרוקעריי, מען זאָל דרוקען די אַנאָנסען אויף קרעדיט. אין די צוויי דריי טעג, ווען ער דאַרף זיך אײַנאָרדנען, זעהט מען איהם אַרומגעהענדיג געשווינד איבער די גאַסען מיט אַ פֿערזאָרגטען פּנים, מיט פֿערשטויבטע לאַנגע האָר און אין אַ פֿערשטויבטען הוט. דערזעהען איהם קינדער, שרייען זיי: „אָט געהט דער קאָמעדיאַנטשיק!“ און גרויסע קעהרען זיך אום און קוקען איהם נאָך מיט דער זאַטער, פֿוילער נייגעריגקייט און מאַכען דערבײַ איינע פֿון די גרימאַסעס, וועלכע מיר מאַכען שטענדיג, ווען מיר בעגעגענען זיך מיט אַ מענשען, וואָס מיר פֿערשטעהען איהם ניט, און וואָס זעהט אויס אין אונזערע אויגען אי קאָמיש, אי פֿערברעכעריש, בכלל ניט זיכער.

נאָר דער כּיראָמאַנט עסט זיך דאָך ניט אָב שטאַרק די האַרץ. ער ווייס גוט פֿון אָפֿטער ערפֿאַהרונג, אַז אין דעם טאָג, ווען די אַפֿישען וועלען שוין הענגען אויף די שטאָדט־קלעצער, און אַ קאָלירטע גאַרדינע אויפֿ׳ן פֿענסטער וועט צוגעבען אַ פֿאַנטאַסטישען, מיסטישען זין זיין אָרימען צימערל אין דעם אָרימען, שמוציגען האָטעל, — אַז פֿון דעם מאָמענט אָן וועלען אַלע ווערען זיינע קנעכט, און, ניט גלויבענדיג, אויסלאַכענדיג זיין חכמה, וועט מען דאָך צו איהם געהן, און ער וועט האַלטען פֿאַר די הענט און לייענען די צוקונפֿט, ווי אין אַנ׳אָפֿענעם בוך.

בכלל בעציהט מען זיך צו די כּיראָמאַנטען, קונצען־מאַכער, מאַגען אין דער פּראָווינץ, ווי אין די גרויסע שטעדט צו די פּאָעטען: מען גלויבט זיי ניט, נאָר מען האָט זיי דאָך גערן. מען ווייס, אַז אי די אי יענע נאַרען אָב, נאָר מען איז זיי דאַנקבאַר פֿאַר אָט דעם אָבנאַרען און מען טיילט אָב אַ קליינינקע סומע פֿון דעם בודזשעט לטובת די קאָמעדיאַנטען פֿון אַלערליי מינים.

וועמען צאָהלט מען מעהר: די פּאָעטען אָדער די כּיראָמאַנטען — דאָס זאָל שוין הערגעהן די סטאַטיסטיק...

II

כּיראָמאַנטען קומען אין דער פּראָווינץ דער עיקר זומער־צייט. דאָס בעווייזט מעהר ניט, אַז זיי איז ניט פֿרעמד דעם מענשענס פּסיכאָלאָגיע. זיי פֿערשטעהען, אַז אין די זומערדיגע אָבענדען, ווען די לופֿט איז ריין, די אויגען אויסגעגלאָטשט, פֿערחלומט, גאַרט די נשמה נאָך דאָס מיסטישע, פֿערבאָרגענע. זומער איז אַזוי אָנגענעהם צו גלויבען אין נסים, וואָרום עס פֿעהלט אינגאַנצען די שווערע ערנסטקייט. אַלע ערלויבען זיך זיין לייכטזיניג. זומער זענען די מענשען ניט אַזוי בייז, ניט אַזוי הונגעריג. מען קען צו זיי נעהנטער צוגעהן. מען איילט זיך ניט, וואָרום עס איז ניט קאַלט. זומער איז די בעסטע צייט פֿאַר אוטאָפּיעס, רעליגיעזע בעוועגונגען, פֿאַר לייהען געלד, פֿאַר נביאות און פֿאַר כּיראָמאַנטיע.

און דאָך איז אַ רחמנות צו קוקען אויף דעם פֿאָרשטעהער פֿון דער פֿערבאָרגענער וויסענשאַפֿט, אויפֿ'ן פּראָווינציעלען כּיראָמאַנט. ניט דערפֿאַר, ווייל ער איז אָרים, פֿערקעהרט, איהם געהט גאָרניט שלעכט. פֿון אַלע עקען פֿון שטאָדט טראָגט מען איהם מינץ. די בעל הבית'טע און די דיענסט בעציהען זיך אויף פֿריינדליכער. די ערשטע — נאָכדעם ווי ער האָט איהר צוגעזאָגט, אַז די טאָכטער וועט חתונה האָבען פֿאַר אַ פּראָוויזאָר, און די צווייטע — אַז ער האָט איהר פֿערזיכערט, אַז איהר געליעבטער וועט זיך נאָך אומקעהרען. נאָר וואָס דען? איהם איז לאַנגווייליג אַליין. סוף כּל סוף איז ער דאָך מעהר ניט ווי אַ מענש, דערצו אַ יודישער בחור פֿון סלוצק. פֿאַר איהם איז שווער די איינזאַמקייט, שווער צוצוזעהן די שפּאַצירענדע פּאָרפּאָלקען. צום כּיראָמאַנט גנב'עט מען זיך אַריין, ווען קיינער זעהט ניט, און מען פֿרעגט וועגען דער צוקונפֿט. נאָר פֿיהרען מיט איהם קאָמפּאַניע פֿאַלט גאָר קיינעם ניט אַריין אין זינען. איינלאַדען איהם אויף אַ גלאָז טיי אָדער סתם געהן מיט איהם שפּאַצירען אין גאָרטען — דאָס איז אונמעגליך. דער כּיראָמאַנט איז אויסגעשלאָסען פֿון דער גע־

זעלשאַפֿט. און די אַנאַלאָגיע מיט דעם פּאָעט גייט ווייטער — די לעצטע האָט מען אויך ליעב צו לעזען, נאָר יעדער אָנשטענדיגער פֿאָטער וואָלט געהאַלטן פֿאַר אַן אומגליק, ווען זיינע אַ טאָכטער זאָל זיך פֿערליעבען אין אַ פּאָעט.

גוט נאָך, ווען אין שטאָדט איז דאָ אַ יונגער פֿאָטאָגראַף, פֿון די פֿאָטאָגראַפֿען, וואָס וואַנדערן אַרום מיט זייער אַפּאַראַט איבער דערפֿער און שטעדטלעך. דאַן איז דער כּיראָמאַנט ניט אַליין. אין דער פֿאָטאָגראַפֿיע־קונסט איז דאָך אויך פֿאַרהאַנען עפּיס פֿערבאָרגענעס, און דער אַרט לעבען פֿון דעם וואַנדער־פֿאָטאָגראַף איז דאָך ענליך צו זיינעם, דעם כּיראָמאַנטס לעבען. אָבער וואָס טוט מען, ווען דער פֿאָטאָגראַף איז אַ בעיאָהרענטער ייד מיט פֿיעל קינדער, און פֿאָטאָגראַפֿיע איז ביי איהם אַ טפֿל־זאַך: דער הויפּט־געשעפֿט איז גאָר וועלאָסיפּעדען, זייגערס, נייה־מאַשינען. דאַן בלייבט ער פֿלקים אַליין. און אין די בעזונדערס שענע אָבענדען, ווען די יונגע בחורים, יונגע מיידלעך ווילען ניט וויסען וועגען צוקונפֿט, און אָנשטאָט צו ווייזען די ליניעס פֿון דער האַנד אין דעם האַלב טונקעלן צימער דעם כּיראָמאַנטס, נעהמען זיי זיך בעסער געאָרעמט און געהען אַוועק שטיל, פּאַמעליך ווייט, גאָר ווייט, און די גאַסען זענען פּוסט — זיצט דער כּיראָמאַנט ביים שוועל פֿון האָטעל און טראַכט וועגען דעם, וואָס עס איז ניטאָ קיין גליק. איהם איז מיאוס די פּראָפֿעסיע, און ער בענקט נאָך סלוצק, וואו עס איז פֿאַרביי זיין יוגענד. גרינגער איז דעם כּיראָמאַנט, וואָס קאָן שפּיעלען אויף וואָסער עס איז אינסטרומענט. אין אַזעלכע אָבענדען איז גוט נעהמען די פֿליוט, זיך זעצען ביים אָפֿענעם פֿענסטער און שפּיעלען:

„ניט פֿאַר מיר איז דער פֿריהלינג געקומען, ניט פֿאַר מיר".

די פּאָרלעך קעהרען זיך אום פֿון שפּאַצירגאַנג.

„ווער שפּיעלט דאָס דאָרט אַזוי אומעטיג?" פֿרעגט זי.

און איהר ריטער, וואָס פֿיהרט זי געאָרעמט און זיכער, ענטפֿערט מיט אַ צעשטערענדער גרימאַסע:

— דער כּיראָמאַנט שפּיעלט.

פּונקט ווי ביים כּיראָמאַנט וואָלט ניט געווען קיין נשמה און קיין יונגע האַרץ.

III

דער סעזאָן האָט זיך ניט געקענט רעכֿענען פֿאַר געענדיגט אָהן דעם דאַרען אָבגעבּרענטען יונגען־מאַן מיט לאַנגע האָר און מיט אַנ'אינדישען נאָמען. און ווען דער זמער איז שוין געווען אין מיטען, און דער כֿיראָמאַנט איז נאָך ניט געקומען, האָט מען זיך געוואונדערט. אַלע האָבען שוין די שטאָדט בעזוכֿט: אַ רוסישע דראַמע, אַ קליין־רוסישע אָפּערעטע, אַ צירק מיט דרעסירטע חיות, יודישע ליעבּהאָבּער. פֿאַר איינע האָט מען געמוזט קלייבען נדבות, די צווייטע זענען געבּליבּען שולדיג געלד; דער צירק איז גאָר פֿערשוואונדען געוואָרען. מיט איין וואָרט, עס איז שוין פֿאָרגעקומען אַלץ, וואָס קומט פֿאָר רעגולער יעדעס יאָהר. נאָר וועגען דעם קומענדיגען האַרבּסט האָט נאָך קיינער ניט געקענט טראַכֿטען. עפּיס האָט נאָך געפֿעהלט, ניט אויסגעפֿיהרט געוואָרען די גאַנצע פּראָגראַם: דער כֿיראָמאַנט איז נאָך נישט געקומען.

נאָר איינמאָל אין דער־פֿריה איז פֿון דעם געסיל, וואו עס געפֿינט זיך די איינציגע דרוקעריי, אַרויס אַ מענש מיט אַ פּעקיל אַפּישען אונטערן אָרעם. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ בּרייטער שוואַרצער פּאָלערינע און האָט געטראָגען לאַנגע האָר. דער ווינט האָט די פּאָלערינע פֿונאַנדערגעבּלאָזען, די האָר פֿונאַנדערגעוואָרפֿען, און אַזוי ווי ער איז געווען אַ הויכֿער און דערצו געגאַנגען זעהר געשווינד, האָט זיך גערוכֿט, אַז איבּער דעם מאַרק־פּלאַץ פֿליהט עפּיס אַ וואונדערבּאַרע בּעשעפֿעניש. נאָר מענשען זענען געשטאַנען רוהיג נעבּען זייערע געשעפֿטען און האָבּען נור שמייכֿלענדיג געזאָגט:

— אַ! דער כֿיראָמאַנט איז געקומען.

„דער כֿיראָמאַנט" האָט ניט געהייסען אַ בּעקאַנטער שוין, וועלכֿער איז געווען פֿאַראַיאָהרען. געקומען איז אַ נייער, נאָר אַלע זענען זיי עהנליך איינער צום צווייטען, פֿריינד, בּרידער, — אַלע פֿון איין היים. און מען האָט זיי דעריבּער בּעגעגענט מיט דעם אויסרוף: „אַ! דער כֿיראָמאַנט איז געקומען".

געקומען, ווי אַלע פּראָווינציעלע כֿיראָמאַנטען, איך צו־פוס

פון וואָקזאַל מיט אַ קליינעם פּעקיל אין האַנד, און אין האָטעל האָט מען איהם פּשוט ניט אַריינגעלאָזען, ניט געוואָלט מיט איהם רעדען. „בּיי אונז זענען שוין געווען אַרטיסטען, גענוג פאַר מיר" האָט געזאָגט די בּעל הבּית'טע און פערמאַכט די טיר. איז ער אַוועק צום צווייטען האָטעל, אַ וואָלוועלערן, און, ווי דער שטייגער, בּעצאָהלט פאַר אַ וואָך פריהער.

אויף מאָרגען זענען שוין אויף די שטאָדט-קלעצער, אויף פיעל טויערן געווען אָנגעקלעפּט גרויסע אַפישען מיט דעם כּיראָמאַנטס בּילד. דער פענסטער פון זיין צימער איז שוין געווען פערהאַנגען מיט אַ קאָלירטען פאָרהאַנג, דער איינציגער פערהאַנגענער פענסטער אין האָטעל. אויפ'ן טראָטואַר איז מען שוין געשטאַנען נייגעריג און אַריינגעקוקט אַהין, און דאָס פערבאָרגענע, נאָר מעהר ווי אַ לאַנגען שאָטען האָט מען ניט געזעהן.

דער כּיראָמאַנט, וואָס איז אַזוי שפּעט געקומען, האָט זיך ניט אויסגעצייכענט מעהר פון אַנדערע ניט מיט זיין קונסט, ניט מיט זיין אינוויינינגסטען אויסזעהן. נאָר געדענקען געדענקט מען איהם אין שטאָדט זעהר גוט.

דאָס איז געווען דער לעצטער כּיראָמאַנט.

וואָרום קיין איינער וועט שוין מעהר ניט דערוועגען זיך צו קומען נאָך דער געשיכטע, וואָס האָט געטראָפען.

אַ געשיכטע מיט אַ יודישער מיידעל פון פּשוט'ע עלטערן, וואָס איז, ווי יענער בּים, געוואַקסען בּעזונדער. קיין חבר'טעס האָט זי ניט געהאַט, איז איהר געווען אומעטיג. איז זי געזעסען גאַנצענע טעג און האָט אַרויסגעקוקט אין פענסטער. יאָהרען זענען פאַרבּייגעגאַנגען, און זי האָט אַלץ געקוקט אין פענסטער. דעם כּיראָמאַנט איז זי געפעלען געוואָרען. ער האָט זיך נוקם געווען אָן שטעדטיל, וואָס האָט אַלע חברים זיינע, די כּיראָמאַנטען, געלאָזען שטענדיג פערשמאַכט ווערען אין איינזאַמקייט. אָ! ער האָט גאָרניט געוואָלט זיצען און שפּיעלען אויף דער פלייט מעלאַנכּאָלישע מאָטיווען. ווען זי איז געקומען צו איהם פרעגען די צוקונפט, האָט ער איהר האַנד געלייענט מעהר ווי געוועהנליך. „בּיי אייך זענען וואונדערבּאַרע ליניעס", האָט ער געזאָגט. צום ערשטען מאָל טרעפען זיך אידם אַזוינע ליניעס. ער איז בּיז גאָר

פֿראינטערעסירט און וואָלט בעטען שטאַרק אַריינקומען מאָרגען נאָך אַמאָל. זי האָט זיך ניט אָבגעזאָגט. וועד-ושע קען אָבזאָגען אום זומער? און אַזוי ווי בײַ איהם איז געווען לאַנגע שוואַרצע האָר, שענע אויגען, אַנ׳אָבגעבּרענטער פּנים, און ער האָט דערצעהלט פֿערשיידענע געשיכטען וועגען אַ לעבען אין אינטערעסאַנטע שטעדט, האָט די מיידעל, וואָס בײַ איהר פֿלעגט קלאַפּען אין האַרצען און פֿערכאַפּען דעם אָטעם פֿון אָט די געשיכטען, אײַנגעפּאַקט אין אַ קליינעם פּעקיל נויטיגע זאַכען אייניגע, זיך אויבּעמערקט אַרויסגעגנב׳עט פֿון שטוב און איז אַנטלאָפֿען מיט דעם ליבּהאָבּער.

די שטאָדט האָט געקאָכט ווי אַ קעסיל. דער מיידעלס פֿאָטער האָט געוואָלט טעלעגראַפֿירען, נאָר וואוהין טעלעגראַפֿירט מען? איהם איז געבליבען טון דאָס, וואָס אַלע יודען טוען בײַ אַ שווערער פֿערלעגענהייט. ער האָט גענומען דריי זילבּערנע רובּל און איז אַוועק צום אַדוואָקאַט פֿרעגען אַנ׳עצה.

דער לערער

I

אין די יודישע שטעדט, וואו די בעפֿעלקערונג איז ניט קיין גרויסע, וואו עס איז ניטאָ קיין בעדייטענדער געזעלשאַפֿטליכער לעבען, וואו עס פֿעהלט כמעט אינגאַנצען די אַזוי אָנגערופֿענע דיפּלאָמירטע אינטעליגענץ; אין די שטעדט, וואָס ליגען אָן אַ זייט פֿון אייזענבאַהן און מאַכֿען דעם אַיינדרוק פֿון אַלטע פֿערגעסענע אינוואַלידען, — אין אָט די שטעדט ליגט די גאַנצע קולטורעלע אַרבייט אויף די דריי, פֿיער לעהרער, וואָס זענען געקומען נור אַ ביסעל געלד קלייבען אויף ווייטער שטודירען און זענען געבליבען שטעקען, האָבען חתונה געהאַט און וואוינען אין ענגע דירה'לעך. זיי טראָגען אוים אויף זייערע אָרימע פּלייצעס די גאַנצע שווערקייט פֿון דעם פּראָגרעס. זיי „וועקען פֿון שלאָף" די גלייכגילטיגע, זיי גרינדען ביבליאָטעקען, קלייבען אַבאָנענטען פֿאַר די פּראָגרעסיווע און נאַציאָנאַלע צייטשריפֿטען. זיי איז לייכט צו דערקענען אויפ'ן גאַס נאָך דער אונבעדינגטער פּענסנע, נאָך די לאַנגע האָר און נאָך דעם אויסדרוק אויפ'ן פּנים, וואָס דאַרף אַייך קלאָר מאַכֿען, אַז בעצם זענען זיי געפֿאַלען פֿאַר קרבנות; אַז יעדערער פֿון זיי האָט זיך געגרייט גאָר צו אַנאַנדער צוקונפֿט, און אויב זיי זענען געבליבען דאָ אין דער אָרימער (אין גייסטיגען זין) געגענד, איז דאָס נאָר אַדאַנק פֿערשיידענע סיבות: דער האָט זיך פֿערליעבט אין אַ היגער מיידעל, דער אַנדערער האָט געמוזט שטיצען די עלטערן און האָט ניט געקענט וואַרפֿען די זיכערע שטונדען צוליעב עפּיס אונבעוואוסטעס, דער דריטער דערפֿאַר... ער ווייס אַליין ניט, פֿאַרוואָס, סתם אַזוי. נאָר בלייבענדיג, האַלטען זיי דאָך פֿאַר זייער חוב „אַריינצוברענגען ליכט" אין די פֿינסטערע קעפּ. געוועהנליך זענען זיי ניט אַלע איינינג אין דעם, וואָס פֿאַר אַ ליכט מען דאַרף אַריינברענגען. וואָרים די

עטליכע לערער געהערען צו פֿערשיידענע פּאַרטייען. פֿאַרהאַנען מאַרקסיסטען, פֿאַרהאַנען נאַציאָנאַליסטען מיט דעם באַזונדערן אויסדרוק אויפֿ'ן פּנים, וואָס מען קען נאָר אויסטייטשען ווי אַ פֿראַגע: „וואָס וועט זיין מיט'ן יידישען פֿאָלק?" פֿאַרהאַנען אויך אַזיינע, וואָס דערקלערען זיך סתם פֿאַר קאָסמאָפּאָליטען. אַמאָל זענען די אין אַמאָל יענע אין דער דעה. נאָר דער קאַמף הערט קיינמאָל ניט אויף. מען קעמפֿט, ווען מען דאַרף אויסשרייבען נייע ביכער אין ביבליאָטעק, ווען מען דאַרף געבען אַ פֿאָרשטעלונג. און ווען מען קומט זיך צונויף, דיספּוטירט מען אויף דער אייביגער טעמע וועגען דעם, וואָס דאַרף זיין פֿריהער: מ ע נ ש אָדער י י ד. די קאָסמאָפּאָליטען האָבען אַנ׳ע־פֿאָלג ביי די מיידלעך, די נאַציאָנאַליסטען ביי די בחורים, ביי אויפֿגעקלערטע בעלי־בתים, און אַפֿילו דער רבֿ זאָגט אַמאָל וועגען זיי:

— גאָר וואוילע יונגע לייט, נאָר אַ ביסעל פֿרימער האָבען זיי געדאַרפֿט זיין.

נאָר אי די קאָסמאָפּאָליטען, מאַרקסיסטען, אי די נאַציאָנאַליסטען רעדען שלעכט חומש. און אַז זיי געהען זיך באָדען, שמייכלען אונטער די אָרטיגע יונגע לייט, קוקענדיג אויף זייערע דאַרע לייבער און אויף דעם, ווי זיי האָבען מורא פֿאַר וואַסער, און ווי עס טרייסלען זיך ביי זיי בעת מעשה די בלייע ליפּען...

באַזונדער, אָהן וואָסער עס איז באַציהונגען צו אָט דער גרופּע, לעבט אין שטאָדט דער לערער נחום טאַנטלעווסקי. ניט נור פֿון זיינע קאָלעגען לערער, פֿון דער גאַנצער יוגענד איז ער אָבגעזונדערט, אַליין. אין אַ ווינקעל ערגיץ האָט ער געדונגען צוויי צימערן — אין איינעם געפֿינט זיך דער חדר, און אין דעם צווייטען וואוינט ער מיט זיין האַלב פּאַראַליזירטען פֿאָטער. אויסער דעם חדר, האָט ער נאָך פּריוואַטע שטונדען. ער פֿערדיענט מעהר פֿאַר אַלע לערער, נאָר ער איז דערפֿאַר פֿערנומען פֿון אַכט אין דערפֿריה ביז צעהן אין אָבענד. נחום טאַנטלעווסקי געהערט צו דער קאַטעגאָריע מענשען, וואָס וועגען זיי מיינט מען, אַז זיי זענען פֿון זעהר פּראָסטען מאַטעריאַל, אַז קיין „פּסיכאָלאָגיע" פֿערמאָגען זיי ניט, און דע־היבער איז אַזוי גרינג אַרויסזאָגען וועגען אָט די פּשוט'ע מענשען אַ באַשטימטע מיינונג. ניטאָ קיין ניואַנסען, שטימונגען, וואָס זאָלען

אונז צווינגען זיין פֿאָרזיכטיג. זיין אויסזעהן איז אויך געווען אַזאַ אָרדינערער, ווי דער אויסזעהן פֿון יענע וואָלוועלע קליינינקייטען, וואָס די פֿאַבריקען לאָזען אַרויס אין אַ גרויסער צאָהל פֿאַר'ן מאַרק: „וואָס ווילט איהר פֿאַר אַזאַ וואָלוועלן פּרייז?“... אויף נחום טאַנטעלעווסקי'ן איז ניט געווען נייטיג אָבשטעלען דעם בליק, וואָרום ערשטענס, וועט איהר דאָרט גאָרנישט ניט געפֿינען, און, צווייטענס, געהענדיג, וועלען זיך אייך טרעפֿען הונדערטער אַזעלכע פּנימ'ער. מיט איין וואָרט, די נאַטור האָט זיך געאיילט, און נחום טאַנטלעווסקי איז אַרויס עפּיס אַזאַ אונבעדייטענדער, אַזאַ וואַכעדיגער, און אויף זיין פּנים האָט מען גאָרנישט געקענט לייענען, ווי מען קען גאָרנישט לייענען אויף אַ ביגען ווייסע, ניט פֿערשריבענע פּאַפּיר. וואָלט ער כאָטש געווען אַ שטיקעל דעקאָראַטאָר, דאָס הייסט: וואָלט ער כאָטש געקאָנט בעפּוצען מיט פֿערשיידענע קליינינקייטען דאָס, וואָס האָט גאָר ניט קיין ווערט, און הירך דעם פֿערטייערן עס; וואָלט ער כאָטש געטראָגען פּענסנע, פֿערלענגערט אַ ביסעל די האָר אָדער געטראָגען אַ ברייטע קראַוואַטע, — זענען אָבער די קליידער זיינע געווען אָהן בּרעקיל סימן פֿון מאָדע, און קוקענדיג אויף זיי, פֿלעגט זיך שטענדיג דוכטען, אַז מען איז אַריינגעלאָפֿען צו נחום טאַנטלעווסקי'ן, דערצעהלט איהם וועגען עפּיס אַנ'אומגליק, וואָס איז געשעהן, און ער, נחום טאַנטלעווסקי, וואָס איז נאָך געלעגען אין בעט, האָט מיט צוטערדיגע הענד אָנגעהויבען אָנציהען אויף זיך דאָס, וואָס איז געלעגען אויבען אויף, אַבי הויזען, אַבי אַ רעקיל, און טאָמער איז די קראַוואַטע ניט אַזוי פֿערבונדען, — איך מיין, ווער ליגט האָט אין זינען? אַז דאָרטען ברענט, אַנ'אומגליק געטראָפֿען...

אַלץ האָט זיך פֿון אויסווייניג פֿעראייניגט און האָט געמאַכט נחום טאַנטלעווסקי'ס פֿיגור אַזאַ בלאַסע פֿאַר די אַרומיגע, דער עיקר פֿאַר די מיידלעך. קיינעם איז ניט געווען אַזוי גרינג אַרונטערמאַכען אונטער'ן האַנד ווי איהם. מיט צוויי דריי ווערטער האָט יעדער געקאָנט אויסשעפּען זיין כאַראַקטעריסטיק. און עס האָט קיינמאָל ניט געטראָפֿען, עס זאָל זיך געפֿינען עמיצער, וואָס זאָל זיך אַריינמישען און מיט אַנ'ערנסטער מינע זאָגען:

— איהר קענט איהם דען אַזוי גוט נחומ׳ן, וואָס איהר רעדט וועגען איהם מיט אַזאַ פעסטקייט?

וואָס הייסט: ניט קענען נחום טאַנטלעווסקי׳ן? אומשטיינס געזאָגט, וואָס איז דאָ, וואָס צו קענען? גענוג איז, אַז מען ווייס צוויי זאַכען: ערשטענס, אַז ער איז אַ גאַנץ גוטער לעהרער, גאָר אַ גוטער, און צווייטענס, אַז ער איז — אַ... אידיאָט. נישט אין פשוט׳ען זין, נאָר עפּיס אַ ווילדער מענש, גאָר קיין מענש ניט, וואָס מיט איהם איז מעגליך צו פערברענגען די קורצסטע צייט אין אַ געזעלשאַפט. אַזוי זענען אַלע געווען פעסט איבערצייגט, אַז אין די צוויי תבריקעס, אין די צוויי שטייגען געהט אַריין דער גאַנצער נחום טאַנטלעווסקי, אַז אויסער דעם איז גאָרנישט נימאָ, טאַקע גאָרנישט. זיי איז גאָר ניט אַריינגעפאַלען אין זינען די סתירה צווישען די צוויי בעגריפען: פון איין זייט, אַ גוטער לעהרער, און פון דער אַנדער זייט — אַן׳אידיאָט. נאָר פעט־פאַלען: די רעפּוטאַציע איז געבליבען אַזאַ. מען האָט געוואוסט, אַז קיינער קען ניט אַזוי צוגעהן צו דעם קינדס נשמה, פערשטעהן זיין קינדערשע וועלט, רעדען מיט זיין שפּראַך, — ווי נחום טאַנטלעווסקי. די אונפעהיגסטע קינדער, די צעלאָזענסטע, קאַפּריזנע, זענען געוואָרען ביי איהם גאָר אַנדערע. ער האָט ניט נור געלערנט, נאָר געשפּיעלט זיך מיט זיי, ווי אַ גלייכער, ווי אַ קינד; געשפּרונגען צוזאַמען, געגאַנגען איבער׳ן הויף אויף אַלע פיער, געלאַכט, געשטיפּט. און אַלץ איז דאָס געמאַכט געוואָרען ניט נאָך די פּעדאַגאָגישע ביכלעך, — דאָס הייסט: ניט אונגאַטירליך, ניט געצוואונגען. עס האָט אַזוי אויסגעזעהן, ווי ניט ער וואָלט זיי לערנען, די קינדער, נאָר אַז ער לערנט זיך מיט זיי צוזאַמען; ער איז נור אַן׳עלטערער חבר. די קינדער האָבען דאָס געפיהלט און האָבען זיך צוגעבונדען צו איהם. און פאַר די מעלות האָט ער בעקומען דעם נאָמען פאַר׳ן בעסטען לעהרער.

נאָר ווי נחום טאַנטלעווסקי פלעגט אַרויס פון חדר, ווי נור ער פלעגט זיך טרעפען מיט דערוואַקסענע מענשען, צווישען דער יוגענד, צווישען דער געזעלשאַפט, — אַזוי זענען באַלד אַרויסגעטרעטען די חסרונות, וואָס האָבען איהם גורם געווען אַזאַ שרעק־

ליבע רעפּוטאַציע פֿון אַן אידיאָט. בעשטאַנען זענען די חסרונות, אָדער ריכטיגער דער הויפּט־חסרון, דערין, וואָס נחום טאַנטלעווסקי איז בכלל ניט געווען קיין מאָדערנער מענש. ווען אין שטעטל איז געוואָרען אַ מאָדע נאָך מאַרקס׳ן אויף אָטאָ ווייניגער, האָט נחום טאַנטלעווסקי׳ן די עוואָלוציע, דער מהלך פֿון מאַרקס׳ן ביז ווייניגער׳ן געלאָזען גאַנץ גלייכגילטיג. דעם אמת גערעדט, איז ער געווען קאַלט אי צום ערשטען, אי צום צווייטען. ער האָט בכלל וועניג געלייענט און געקענט שטעלען אין מיטען דערינען אַזאַ פֿראַגע, וואָס פלעגט צווינגען די אַרמיגע קוועטשען מיט די פּלייצעס און קוקען איינע אויף די אַנדערע מיט פֿערוואונדערונג: „וואָס זאָגט איהר אויף אַזאַ נאַר?“ דערפֿאַר אָבער, ווען צופֿעליג האָט עמיצער אָנגעהויבען רעדען וועגען קינדער, דאַן פֿלעגט זיך נחום טאַנטלעווסקי אַריינמישען. די גלייכגילטיגע, דרעמלדיגע מינע פֿלעגט פערשוואונדען ווערען, און מיט בעגייסטערונג, מיט אַן׳אמת׳ען אינטערעס, וואָס געהט אַריס פֿון אַ טיעפֿער, אינעווייניגסטער ערציהונג צו דער טעמאַ, פלעגט ער דערצעהלען וועגען קינדער, און אַלץ, וואָס ער האָט דערצעהלט, איז געווען פֿאַרביג, כאַראַקטעריסטיש.

II

נחום טאַנטלעווסקי איז אַ מענש, וואָס קען נור איין ניגון, איין טעמאַ. די ערשטע בעדינגונג אָבער, כדי אָנגענומען צו ווערען אין דער געזעלשאַפֿט, איז קענען, לכל הפּחות, אַ טוץ מעלאָדיעס און שפּרינגען פֿון איין טעמע צו דער צווייטער. וועמען איז, באמת, אינטערעסאַנט רעדען נור וועגען כעמיע, נור וועגען באָטאַניק? און דערפֿאַר טאַקע האָט מען נחום טאַנטלעווסקי׳ן געהאַלטען פֿאַר אַ נאַר, און מיידלעך האָט גאָרניט געאַרט, צי דער לעהרער קוקט אויף זיי אָדער ניט.

און דאָס האָט איהם שטאַרק פֿערדראָסען, אַך, ווי שטאַרק! און די האַרבסט־בלאָטעס, און ווינטער־קעלט איז נאָך געווען צו פֿערטראָגען. נאָר פֿריהלינג־צייט איז אַזוי שווער צו זיין אַליין. פֿריהלינג־צייט, ווען די לופֿט איז אָנגעפֿילט מיט האָפֿענונגען, מיט

צוזאָגען, מיט געטריישאַפֿט, און פֿאָרלעך אײַלען זיך בעהאַלטען די סודות פֿון האַרצען אין די אַלייעס. אַ פֿרעהליכער מלאך פֿליהט אַרום און טיילט אַלעמען מתנות: „נאַ דיר, און דיר אויך“. און מענשען כאַפּען מיט אַ געלעכטער, ווייזען איינער דעם צווייטען: „זעהט, וואָס איך האָב בעקומען“. און מען בעטראַכט אָהן קנאה. וואָרום קיינער איז ניט פֿערטיילט געוואָרען, קיינער — אויסער איהם, נחום טאַנטלעווסקי׳ן.

און גראָד דאַן, וואוהין ער זאָל ניט אַ טראָט טון, בעגעגענט ער דעם לעהרער סאַנדראָמירסקי׳ן מיט דער שענער גימנאַזיסטין, וואָס איהר קליידט אַזוי די בלאָהע סטיינגע אין די שוואַרצע האָר און דער ווייסער פֿאַרטוכעל. סאַנדראָמירסקי איז אַ בחור, וואָס לייענט זעהר אַ סך, אַ גרויסער אָנהענגער פֿון ניטצשע און ווייניגער. און קיינער האָט ניט אַזאַ ערפֿאָלג ביי מיידלעך, ווי ער. פֿון איהם שמעקט שטענדיג מיט אָדעקאָלאָן. און שטוב קענט איהר ביי איהם געפֿינען קאָנווערטען און פּאַפּיר פֿון אַלערליי פֿאַרבען, און אויך די פֿאַרביגע פּאַפּיר שרייבט ער צעטעלעך. און אין אַלע סודות, וואָס מיידלעך, חבר׳טעס, רימען איין איינע דער צווייטער, פֿיגורירט סאַנדראָמירסקי׳ס נאָמען.

מיינט ער, אָט דער רייניקער, היטבאַקיגער סאַנדראָמירסקי, אַז זיין גימנאַזיסטין וועט זיין זעהר אָנגענעהם, און אַז אין איהרע אויגען וועט ער געווינען, ווען ער וועט צורופֿען טאַנטלעווסקי׳ן און מיט אַ כיון טון אַלדאָס מעגליכעס, כדי אַוועקצושטעלען איהם אין אַ קאָמישער לאַגע. טאַנטלעווסקי מאַכט זיך ניט וויסענדיג, נאָר די האַרץ הויבט אָן עפּיס האַסטיג צו קלאַפּען פֿון פֿעדראָס. איינמאָל אין גאָרטען האָט זיך איהם געחלמט, אַז ער הערט, ווי סאַנדראָמירסקי זאָגט צו זיין גימנאַזיסטין:

— איך קען שווערען, אַז אויף זיין לעבען האָט ער ניט איבערגעלעבט קיין ראָמאַן, און ער ווייס ניט, וואָס הייסט אַ קוש פֿון אַ מיידעל אין אַ זומערדיגען פֿאַרנאַכט.

איהם האָט זיך פֿערוואָלט יענעם מאָל אָניאָגען סאַנדראָמירסקי׳ן און זאָגען איהם די עטליכע ווערטער, וואָס ער האָט אַזוי פֿערדיענט:

— איהר זייט אַ גראָבער יונג. איהר מעגט דאָס וויסען, איהר זייט אַ גראָבער יונג.

און אַוועקגעגאַנגען...

נאָר אָנשטאָט דעם האָט ער זיך געלאָזט געהן, בייסענדיג די אונטערשטע ליפּ, איבער אַן אָבגעזונדערטער, איינזאַמער אַליי. און נאָך מעהר ווי געוועהנליך האָט ער געפיהלט, אַז דער, וואָס טיילט אָן די גאַנצע וועלט אין די פריהלינג-טעג מיט אַלדאָס גוטס, האָט אָן איהם, נחום טאַנטלעווסקי'ן, פערגעסען און געלאָזען איהם אָהן אַ חלק, געלאָזען איהם איינעם אַליין. ווער זשע האָט צו-גענומען זיין טייל? ווער האָט אויסגעכאַפּט דאָס, וואָס האָט גע-הערט צו איהם? און איהם האָט זיך פאָרגעשטעלט דער עזות'די-גער, לאַכעדיגער בליק פון סאַנדאָמירסקי'ן. יאָ! דאָס האָט ער צוגענומען. קיינמאָל האָט זיך נאָך ניט אַזוי געוואָלט טאַנט-לעווסקי'ן, אַז נעבען איהם זאָל אָט דאָ זיין אַ נאָהענטער, נאָ-הענטער פריינד, וואָס פאַר איהם וואָלט ער געקענט אויסרעדען די האַרץ. ער וואָלט שוין געפונען די נויטיגע ווערטער און וואָלט געוואיינט, אויף וואָס זיך צו קלאָגען. ער וואָלט זיך געקלאָגט פריהער פאַר אַלץ אויף דער איינזאַמקייט, וואָס, ווי איהם האָט זיך געדוכט, נאָר ער אַליין האָט גוט פערשטאַנען, ווי שרעקליך זי איז. וואָרים וואָס איז איינזאַמקייט? האָט געפרעגט ביי זיך נחום טאַנטלעווסקי. און געענטפערט:

— איינזאַמקייט איז קומען אַהיים, פונאַנדערוויקלען די עכעניוואַרג, וואָס דו האָסט אַליין אויפגעקויפט אין די קראָמען — אָט די שטיקעל קעז, די שטיקעל פּוטער, די שטיקעל וואורסט, פער-שפּרייטען אַ צייטונג איבער'ן טיש און אַליין זעצען זיך עסען. קיינער, קיינער זיצט ניט קעגענאיבער. שטיל, און דו עסט. דערנאָך קלייבסטו צונויף די ברעקלעך און וואַרפסט אַרויס דורכ'ן פענסטער, און דערנאָך... וואָס דערנאָך? אַ פּוסטע, פּוסטע שטוב, עטליכע קאַלטע ביכער, אַ קאַלטע גלאָז.

און גליק איז וואָס? — פרעגט, דוכט זיך, עמיצער שוין אַנ'אַנדערער. און נחום, וואָס איז אין אָט דעם שפּאַצירען אי-בער די טונקעלע אַלייען קליגער, טיעפער געוואָרען, ענטפערט

אָט דעם אַנדערן אין איז איבערצייגט, אַז קיין בעסערן בעגריף
פֿון גליק וועט קיינער ניט געבן.

— יאָ, וואָס איז גליק? דאָס איז צוויי זיבערע צימערן.
אין איינעם שטעהט אַ קליינער שרייבטיש, און דו זיצסט ביים
שרייבטיש, קוקסט איבער די שילערס העפֿטען, און אַ פֿרייען-
שטים רעדט צו דיר אַזוי היימליך, זאָל זיין וועגן גאָר קליי-
ניגקייטען, וועגן גאָר נאַרישקייטען; זאָל זיין וועגן דעם, אַז
דו האָסט איצט אינגאַנצען צוועלף פֿאָר זאָקען, נאָר אַבי עס
זאָל זיך הערן אָט די צערטליכע פֿרייען-שטים.

און נאָך איז גליק, אַז ווען דו רעדסט ביי-נאַכט פֿון שלאָף,
זאָל זיין, ווער עס זאָל זיך אויפֿוועקן און אַ פֿרעג טאָן: „דו
האָסט, אפֿנים, געזעהן אַ שרעקליכען חלום?"...

III

פֿאָריגען יאָהר האָט נחום טאַנטלעווסקי איבערגעלעבט
אַזוינס, וואָס האָט איהם אויף צייט געגעבן דעם מוט צו גלוי-
בען, אַז דער גליק האָט אַ שמייכעל געטאָן אויך צו איהם, און
ניט קוקענדיג דערויף, וואָס עס האָט זיך געענדיגט בלויז מיט
אַ שמייכעל, און ווי יעדער שמייכעל, איז ער גיך פֿערשוואונדען
געוואָרען, דאָך דוכט זיך איהם, אַז ער האָט ניט דאָס רעכט צו
זאָגען, אַז זיין לעבען איז געווען טרוקען: ניט ער האָט דאָס
רעכט צו זאָגען, און ניט דער עזות'דיגער רויטבאַקיגער כאַנ-
דאַמירסקי.

געווען איז דאָס אין יענער גרויסער שטאָדט, וואוהין נחום
טאַנטלעווסקי האָט געמוזט פֿאָהרען צום דאָקטאָר, נאָכדעם ווי
אַ משוגע'נער הונד האָט איהם אַ ביס געטאָן. אויב ניט דורך גליק,
איז דורך אַנ'אומגליק בעשערט געווען איהם פֿערברענגען דאָרט
עטליכע וואָכען און מיט אָפֿענע, פֿערוואונדערטע אויגען קוקען אויף
די ליכטיגע גאַסען, אויף די גרויסע פֿענסטער און אויף די לאַכענדיגע,
פֿרעהליכע פּנים'ער פֿון די מענשען. אפֿשר וואָלטען די מענשען אין
אַנ'אַנדער צייט גאָרניט אויסגעזעהן אַזוי פֿרעהליך, ווען ניט די שי-
לערין פֿון פֿרעבעל-שול, וואָס מיט איהר האָט ער זיך צופֿעליג

בעקאַנט און וואָס ער האָט מיט איהר ניט איין אָבענד פֿערבראַכט אין גרויסען שטאָדט־גאָרטען. וועגען וואָס האָט ער מיט איהר גערעדט? ער געדענקט שוין אַליין ניט, וועגען וואָס. ער געדענקט נור, אַז ער האָט גערעדט לאַנג, לאַנג, אָהן אַנ׳אויפֿהער, און אַליין ניט געגלויבט זיך, אַז דאָ אויפֿ׳ן באַנק זיצט אַ סימפּאַטישע מיידעל און הערט איהם אויפֿמערקזאַם צו און, דרעהענדיג מיט׳ן שירם אויבערן זאַמד, בעמערקט זי נור:

— יאָ, יאָ! אַדאי זייט איהר גערעכט, איך מיין אויך אַזוי, אַז קיין שלעכטע קינדער זענען גאָר ניטאָ.

ער האָט גערעדט, און אַהם זיי האָט זיך ניט געדרעהט מיט דער עזות׳דיגער מינע סאַנדאָמירסקי.

אַוועקפֿאָהרענדיג, האָט ער די גאַנצע צייט און וואַגאָן ניט אויפֿגעהערט טראַכטען וועגען איהר און וועגען דעם, ווי זי האָט איהם צוגעזאָגט שרייבען.

ווי אָפֿט פלעגען זיך בייטען די פֿאַרבען אויף זיין פּנים, ווען, שטעהענדיג ביים פֿענסטערל פֿון פּאָסט, פֿלעגט ער וואַרטען, וואָס פֿאַר אַ משפּט וועט באַלד אַרויסטראָגען דער קראַנקער, בלאַסער פּאָסט־בעאַמטער מיט אַזאַ אונהיימליכען פּנים.

ווען די דאַרע האַנד פֿלעגט דורכ׳ן פֿענסטערל דערלאַנגען אַ בריוועל, האָט נחום טאַנטלעווסקי דאָס צוגעכאַפּט און מיט אַ שמייכעל אַרומגעקוקט זיך, ווי בעטענדיג מחילה ביי די, וואָס שטעהען דאָ, פֿאַר דעם אונגעהייערן גליק, וואָס נאָר איהם איז אויסגעפֿאַלען. „גאָט וועט געבען, איהר וועט אויך בעקומען בריוועלעך, און גלויבט מיר, איך בין ניט שולדיג“ — האָט גערעדט זיין בליק. אַרויסגעהענדיג אויפֿ׳ן גאַס, האָט זיך איהם געדוכט, אַז אַלע ווייסען דערפֿון, אַז ער, נחום טאַנטלעווסקי, האָט בעקומען פֿון יענער סימפּאַטישער מיידעל אַ בריעף.

נאָר ווען דאָרטען פֿון פֿענסטערל פֿלעגט זיך דערהערען אַפֿריהער אַ בייזער הוסט און דערנאָך אַ שלעכטער, האַרטער „ניין!“ — דעמאָלט האָט נחום טאַנטלעווסקי געפֿיהלט, אַז עפּיס רייסט זיך ביי איהם דאָרט אינעווייניג, און אַז איהם וואַרפֿט אַפֿריהער אין היץ, דערנאָך אין קעלט, און אַז אין צימער איז פֿינסטער, און אַז מאָדנע בעשעפֿענישען זענען אַרויסגעשפּרונגען פֿון אַלע ווינק-

לען מיט אַרויסגעשטעקטע צינגער, מיט גרימאַסען, און לאַכען,
לאַכען פון איהם. איהם האָט געדוכט, אַז אַ שלעכטע קראַפט שטופט
איהם אין אַן־אָבגרונד, און אַז מען האַרף צונעהמען די לעצטע
כחות, בכדי ניט אַריינצופאַלען אַהין.

אין דעמאָלט פלעגט פאָרקומען איינע פון די קאָמיש־ריד־
רענדע סצענעס, וואָס צו זיי איז מען שוין אויף דער פאָסט געוועהנט
געווען.

נחום טאַנטלעווסקי פלעגט זיך אָנהויבען דינגען. ער פלעגט
שטעהן אַביסעל נידערגעשלאָגען נעבען דעם פענסטער און מיט
אַ שוואַכער שטים זאָגען:

— איך בעט אייך, גיט אַ קוק נאָך אַמאָל. עס מוז זיין
אַ בריעף. האַ? וואָס? איך האָב אַליין געזעהן. מיר דוכט זיך,
אָט דאָרט אָן אַ זייט אין אַ ברייטען קאָנווערט מיט בלויע טינט.

— אָבער לאָזט מיך, איך בעט אייך, צו־רוה! — שרייט
אויף דער בעאַמטער. און נחום טאַנטלעווסקי פערשטעהט, אַז וואַר־
טען איז ניטאָ אויף וואָס, און נאַריש־פערלאָרען עפענט ער די טיר
און לאָזט זיך געהן איבער די פערבאָרגענע געסלעך, מען זאָל
ניט זעהן זיין בזיון.

דאָס האָט געדויערט כמעט אַ יאָהר. צום אָנהויב אָפט, דער־
נאָך זעלטענער פלעגט ער בעקומען בריעף, ביז עס איז אָנגעקומען
די צייט, ווען נחום טאַנטלעווסקי האָט גוט געפיהלט, אַז דער
שמייכעל איז פערשוואונדען...

דאָך בענקט ער אַזוי נאָך אָט דעם שמייכעל. דאָך פער־
דריסט איהם, וואָס זיין איינציגער ראָמאַן האָט זיך אַזוי גיך אי־
בערגעריסען.

זכרונות.

I.

ווען יענע פערבארגענע כחות, וואס געוועלטיגען איבער אונז, רייסען איבער דעם פאדים פון לעבען, אבגעבענדיג אין אונזער רשות א קורצע צייט, כדי אינטערצופיהרען די נויטיגע באלאנסען, ווייזט זיך דער מענש איבערצייגען די עטליכע שעה אדער מינוטען און ארויסרופען פאר זיך אלדאס בעסטע, וואס איהם איז איבערגעקומען איבערלעבען, און פערשטעהט זיך, פריהער פאר אלץ ווענדט ער זיך צו די קינדהייטס-יאהרען. אייגענטליך נור דאס אליין בלייבט: עטליכע ערשטע יאהרען און דער צארטער בליק פון דער מוטער. אלץ איבעריגע איז דאך נור א מיעדער נאכיאגען זיך נאך עפּיס א פאנטאם. א שענע געשטאלט בעווייזט זיך פאר אונז. „גליק, דאס איז דער גליק" — שרייען מיר און הייבען זיך אן יאגען. נאר וואס מעהר מיר יאגען זיך, אלץ מעהר דערווייטערט זיך עס פון אונז. און דער סוף איז א נארישער: מען האט אונז פשוט אבגענארט אויף'ן נידעריגסטען, גראבסטען אופן, און ניטא אפילו, פאר וועמען זיך צו קלאגען. די פרייד פון שטענדיגען זוכען? אמת, דעם גאנצען לעבען זוכען מיר. אפריהער די אידעאלען, דערנאך די פרוי. און געדט די פרוי אוועק, זוכען מיר דעם פריינד. נאר וואס איז דערפון, וויבאלד ס'ניטא קיין איין אידעאל, וואס אונז זאל פריהער אדער שפעטער ניט אויסקומען אויפהערן צו גלויבען אין איהם? וויבאלד די זיסע קושען קענען אונז ניט צווינגען פערגעסען די גאנצע ביטערקייט פון דער פאלשקייט, פון דעם ליגען? און דאס שרעקליכסטע: אין איין פריה-מארגען כאפען מיר זיך אויף און געפינען ניט אונזערע פריינד....

דאן שפארען מיר זיך אן אויף'ן וויכען קישעל פון זכרונות און טראגען זיך אוועק ווייט, ווייט. און וואס ווייטער, ווערט אלץ

גרינגער אויפ'ן האַרצען. גוט אַזוי, די ליפּען שמייכלען, און אין דער שטילקייט איז עס, אַזוי ווי עס הערט זיך אַ שטים:

„מיר פאַר דיר, מיין קינד, מיר פאַר דיר".

דאָס רעדט די מוטער. נאָר די מוטער רעדט אַזוי, נאָר איהר קען מען גלייבען, ווארום דאָס איז אייביג.

אָבער ניט נור דעמאָלט, ווען די פּעדים ווערען אַלץ שוואַכער, און מיר פיהלען שוין די קאַלטקייט, דעם שרעקליכען הוסטען פון טויט, שפּרייטען מיר אויס די הענד און כאַפּען די פער־גאַנגענהייט. אַלע פאַרנאַכט, ווען עס הייבט אָן פערגעהן די זון, ווען די נאַטור ווערט דורכגעפּילט מיט דעם בעזונדערען אומעט פון צעשיידונג; פאַרנאַכט, ווען עס לאָזט זיך אַראָב די געטין פון בענקשאַפט און געהט פון פענסטער צום פענסטער מיט צו־נויפגעפלאָכטענע הענד; ווען עס איז אַזוי שטיל אַרום און אַרום, און נאָר אַ פייגעל זינגט ערגיץ, און עס קלינגען די שליסלען פון פערשפעטיגען קרעמער, — יאָ! אַלע פאַרנאַכט האָבען זיי אויך, די געשטאַלטען, רינגלען אונז אַרום, און מיר פערברענגען מיט זיי, ביז עס קומט אָן דאָס באַנאַליע: דער גראַמאָפאָן פון צוויי־טען הויף און די עזות'דיגע פייערען פון ביאָסקאָפּ.

אָ! דו בענקשאַפט, דו שווערער אומעט! אין דיינע שוואַרצע נעצען פאַלען מיר שטענדיג אַריין אין די שעה'ן פון פאַרנאַכט. אַזוי שווער מיט דיר צו קעמפּען. ווארום דו לאָזט אַריין דיין גיפט טיעף אין אַלע פערבאָרגענע ווינקלען פון דער נשמה, און הערצט איז דיין גיפט זיס. וואָס? דיר איז שלעכט, שווער דיין געמיט, ליעבע מיידעל? דוכט זיך, גאָר ניט לאַנג ביזט אַרומ־געגאַנגען איבער די פרעהליכע צימערן און געזונגען. ביי דיר זע־נען געווען לאַנגע שווערע צעפּ, און דו פלעגסט זיך אָפט שעמען, וואָס דו ביזט אַזוי געזונט. איצט זיצסטו און רייסט בלעטלעך פון אַ פערוועלקטער בלימעל, — די בלעטלעך פאַלען, און דו דיפצסט. וואָס? ער האָט אָפּגענאַרט? דאָס לעבען האָט אָפּגע־נאַרט? דו האָסט זיך ערגיץ געריסען, ווי אַ נאַכט־שמעטערלינג צום פייער, און די פליגלען פון אַלע דיינע האָפענונגען, חלומות זענען אָפּגעברענט געוואָרען. ווי אַ האַרבסט־בלעטיל ביזטו, ווי אַ האַרבסט־בלעטיל, וואָס דער ווינט טראָגט אום און ווארפט אַוועק

ערגיץ אונטער אַ פֿאַרקאַן, אויף אַ דאַך, נעבן דער שוועל פֿון אַ פֿאַראַר-הויז. נאָר זיי געטרייסט, אין אָט דער שעה הענגט דער אומעט איבער דער גאַנצער וועלט, איז אין אַלע הערצער. און דער פּריקאַשציק, וואָס האָט אַזאַ רויטן פּנים און גרויסע האָריגע הענט, איז איצט ניט קיין פּריקאַשציק נאָר אַ פּאָעט. הער זיך צו, מיט וואָס פֿאַר אַ געפֿיהל, ווי גוט ער זינגט זיין ליעד, אויפֿן ערשטן בליק אַזאַ באַנאַלע, נאָר אין דער אמתן אַזאַ שענע, האַרציגע. די ליעד האָב איך אַזוי ליעב, וואָרום אין איהר דערצעהלט דער עמיגראַנט וועגן זיין איינזאַמקייט, בענקשאַפֿט, וועגן דער צעשפּרייטונג און צעזייאונג פֿון דער יודישער פֿאַמיליע. אין איהר טרעט אַרויס די יודישע מוטער, דאָס בעט זי, האַלוענדיג דעם זוהן, ער זאָל אָן איהר ניט פֿערגעסען:

אַ בריוועלע דער מאַמען
זאָ—לסטו ניט פֿערזאַמען,
שרייב, מיין קינד, שרייב געשווינד.

ווי אַ לעבעדיגע, שטעהט זי פֿאַר מיר, די אַלטיטשקע מוטער. אָט טראָגט זי אין איהרע אַלטע, דאַרע הענד אַ פּעקעלע מיט געבעקס, לעגט אַליין אַריין אין וואָגען: „פֿערליר נאָר ניט, הערסט? פֿערליר נאָר ניט" — זאָגט זי צום זוהן, רעדט וועגן נאָך אַנדערע קליינינקייטען. דערנאָך... מיט איין מאָל גיט זי אַ טראַכט אַז זי זעהט דאָך איהם דעם לעצטען מאָל, און דער שרעקליכער, האַרטער זין פֿון די ווערטער „דעם לעצטען מאָל" שטעלט זיך איהר פֿאַר אַזוי קלאָר, אַזוי דייטליך. און זי פֿאַלט צו צו איהם און וויל איהם ניט אַרויסלאָזען פֿון איהרע אָרעמס. און דער פּריקאַשציק, וואָס ביי איהם איז אַזאַ רויטער פּנים און גרויסע, האָריגע הענד, האָט זיך געזוים אָן עפּיס ריהרענדעס דערמאָנט. וואָרום וואָס ווייטער, זינגט ער אַלץ בעסער, מיט מעהר געפֿיהל, אַזוי גוט זינגט ער:

די מאַ—מע וועט דיין בריוו—לע לעזען
און זי וועט ווערען גענע—זען,
שרייב. מיין קינד, שרייב געשווינד.

זיי געטרייסט, ליעבע מיידעל! אין אָט דעם צוויבער-פֿאַרנאַכט ביזטו ניט אַליין. די לופֿט איז אָנגעפֿילט מיט אומעט. מיר דוכט, אַז אַלע זיצען איצט, די אויגען פֿערמאַכט, און בילדער, איי-

נער שענער פֿאַר׳ן אַנדערן, טראָגען זיך הירך. פֿאַרהאַנען נור איין מיטעל צו פֿערגעסען אָן דאָס ביטערע, און דער מיטעל איז: אָבגעבען זיך אינגאַנצען די היהיגע וואַלען פֿון זכרונות, וואָס קאָנען אַזוי היילען די וואונדען...

.II

דער זכרון שילדערט אַ דאָרף אין קליין־רוסלאַנד. אַ רייכער דאָרף מיט קאַרשען־גערטנער נעבען יעדען הויז. די פּויערים האָבען אַ סך ערד, און די עטליכע יודישע פֿאַמיליעס, וואָס וואוינען אין דאָרף, ווייסען ניט פֿון נויט און דחקות. אַ זאַטער, רוהיגער לעבען. אמת, אָבגעריסען פֿון דער גרויסער יודישער וועלט — נאָר אין יענער צייט זענען געווען נאָך אַ סך אַזוינע היהיגע דערפֿער, און מען איז געפֿאָהרען איינע צו די אַנדערע אין געסט, עטליכע דערפֿער האָבען געהאַט איין שוחט, איין חזן, יום־טוב פּלעגט מען זיך צונויפֿגעקומען, און עס האָט געהערשט די פֿרעהליכקייט, די ברייטקייט, וואָס וועגען איהר האָט דער איצטיגער יודישער נעוואַסטענישער הער ניט קיין אַהנונג. עפּיס אַזאַ זיכערקייט אויף די פּנים׳ער, אַזוינע פֿעסטע לאַנגזאַמע טריט. עס גלייבט זיך גאָר ניט, אַז מיט 25 יאָהר צוריק זענען געווען אַזוינע הויכע געזונטע יודען, וואָס גוים פֿון דאָרף פּלעגען ציטערן פֿאַר זיי. ווי האָט דאָס געטראָפֿען, אַז הירד קאַטאַנאָווסקי, אַ טאַבאַק־הענדלער און אַ שענקער אין דערזעלבער צייט, אַ ריז אין אַ גרויסען וואָלפֿענעם פּעלץ, האָט ניט איבערגעלאָזען זיינע אייניקלעך גאָרנישט פֿון זיין ברייטקייט, זיכערקייט. זיי, די אייניקלעך, בעת זיי געהען, שפּרינגען זיי אונטער, איין פּלייצע איז העכער פֿאַר דער אַנדערער, די שטים אַ נערוועזע, און די אויגען פּונקט ווי זיי וואָלטען זוכען עפּיס אַן אָרט וואו צו בעהאַלטען זיך. וואוהין איז דאָס אַלץ אַהינגעקומען, פֿערשוואונדען? וואו זענען די יודישע חתונות, וואָס פּלעגען געדויערן צוויי וואָכען? אויף׳ן ברייטען פּלאַץ אַן אויסגעבויטער הילצערנער שאַלאַש מיט פֿענסטער. שוין דער זיבעטער טאָג, נאָר קיינער טראַכט נאָך נישט אַוועקפֿאָהרען. עלטערע יודען געהען קאַראַהאָדלעך, און די יונגוואַרג שפּיעלט אין פֿאַנדען. געוויס, „פּסיכאָלאָגיע“ איז גע־

װען װײניג, אָבער דערפֿאַר זענען געװען אָפֿענע פּנים׳ער. מען האָט זעהר װײניג געלײענט, נאָר אַז מען פֿלעגט װעלן ליבען אַ בחור, פֿלעגט מען צװישען אַלע אַנדערע מעלות, װאָס ער האָט, אױך ניט פֿערגעסען, אַז ער איז אַ גוטער שװימער.

װאָס פֿאַר אַ גרױסער קאָנטראַסט אין משך פֿון אַזאַ קורצער צײט! און װײל דער קאָנטראַסט איז אַזױ גרױס, װײל אַזױנע דערפֿער מיט ייִדישע אַרענדאַרעס, פּאָסעסאָרס, זענען שױן איצט אַ זעלטענהײט, שטעלען זיך פֿאַר יענע יאָהרען נאָך אין מעהר צױבערפֿאַרבען, און עס װילט זיך דאַנקען דערפֿאַר, װאָס די זכרונות פֿון די ערשטע קינדהײטס־יאָהרען זענען ניט צונױפֿגעבונדען מיט דער גרױסער שטאָדט. אַ דאַנק דיר, גאָט, דערפֿאַר, װאָס איך בין ניט געבאָרען געװאָרען אין אַן ענגען צימער אױפֿ׳ן פֿינפֿטען גאָרען; דערפֿאַר, װאָס דער שכן פֿון מײנע עלטערן איז ניט געװען אַ שוסטער, װעלכער קומט אַלע נאַכט אַ שכּור׳ער און שלאָגט זײן װײב. איך האָב ניט געװאוסט די הױפֿען־שטײגען מיט די בלינדע מוזיקאַנטען, הױזירער, מיט די אָרימע ראַכיטישע קינדער. איך פֿערמאָג אַ קלײנעם אײגענטום, און ער בעשטעהט דערין, װאָס איך קען אַרױסרופֿען פֿון יענער לאַנגער פֿערגאַנגענהײט אַ לאַנגען גרינעם הױף אין דאָרף, אַ שטוב מיט אַ שטרױענעם דאַך און ברײטע ליכטיגע צימערן מיט װײסע װענט. און כאָטש מײן פֿאָטער איז געװען זעהר װײט דערפֿון, אַז מען זאָל איהם קאָנען רעכענען פֿאַר אַ רײכען, דוכט זיך מיר פֿאָרט, אַז איך שלאָף אין אַ גאָלדענעם בעטיל, און דורך די אָפֿענע פֿענסטער טראָגען זיך געזאַנגען, ריחות גוטע, און װען איך כאַפּ זיך אױף, נעהמען מיך אַרום װײכע, צאַרטע הענד.

די ערשטע זכרונות זענען אַלעמאָל געגליכען צו אַ צױבערחלום מיט שלעסער, פּאַרקען, פּרינצעסינס און װײסע שװאַנען. אין די װוּנדערבאַרע שלעסער געהען אַלע אָנגעטאָן אין טײערע, רײצענדע קלײדער. אַלע זענען יונג, פֿרעהליך. אומעטום פֿונאַנדערגעװאָרפֿען בלומען, װעלכע װעלקען קײנמאָל ניט. װאָס פֿאַר אַ זין איז אין דעם חלום, װײס מען ניט. װאָס פֿאַר אַ װערטער האָבען געהערט די אַלע מענשען, די פּאַזשען מיט די גאָלדענע לאָקען, איז

אַזוי אונמעגליך צו געדענקען. נאָר עס ווילט זיך, אַז דער חלום זאָל געדויערן וואָס לענגער.

פֿון די ערשטע זכרונות איז געבליבן אויף דאָסזעלבע, וואָס פֿון אַזאַ צויבער־חלום. קיין איין פֿיגור טרעט ניט אַרויס דייטליך. פֿון די מענשען זענען געבליבן נור איינצעלנע שטריכען. פֿון דעם זיידען, וואָס פֿלעגט מיך אָפֿט נעהמען צו זיך צו גאַסט אין דערבייאיגען דאָרף, האָט דער זכרון אײַנגעהאַלטען נור זיין פּלישענעם קאַרטוז, דעם לאַנגען לוסטרינענעם ראָק און דעם שרעקליכען קול, וועלכער פֿלעגט וואַרפֿען אַן אימה אויף די גוים. דערפֿאַר אָבער זענען מיר קלאָר אַלע ווינקלען פֿון דעם הויף, דער גרויסער גאָרטען, וואו איך פֿלעג כאַפּען היישעריקען, און די ברייטע וועראַנדע, וואו מיינע מומעס — מיידלעך פֿלעגען אויסנייען אויף לייוונט און זינגען אוקריינישע לידער. דער עיקר אָבער, וואָס עס איז געבליבען, איז דער איינדרוק פֿון אַ סך ליכט, אַ סך זון, וואַרימקייט, ברייטע פֿעלדער, גרינע ברעגעס און קלינגענדע קולכלעך פֿון געזונטע דאָרפֿישע קינדער, וועלכע שטיפֿען אין טייך.

ווייטער... דער נעפּיל גערט זיך ביסלעכווייז פֿונאַנדער, עס ווערט קלערער. עס זעהען זיך שוין פֿיגורען, גרופּעס גאַנצע. די הייזער פֿון אונזערע שכנים. די לעבהאַפֿטיגקייט אין דער צייט פֿון יריד, גרויסע מערק. און צופֿרידענע יודען, וועלכע פֿערדיענען. „קלייב אים פֿון אָט דער פֿערגאַנגענהייט, וואָס דיר געפֿעלט בעסער". און איך קלייב אים די ימים־טובֿים אין דאָרף. יעדער יום־טוב איז אַ באַזונדער פֿאָרשטעלונג, אַ בילד פֿון אַ קינסטלער. מעהר! וואָרום ניט יעדער קינסטלער וועט קענען אַזוי אַריינדרינגען אין דעם עצם, אַרויסנעהמען דעם גאַנצען אינהאַלט, וואָס דאַרף זיין אין דעם יום־טוב, ווי דאָס האָבען געקענט די פּשוט'ע יודען. יאָ! זיי זענען געוועזען קינסטלער, סטיליסטען פֿון ערשטען גראַד. אין פּסח ביים סדר זענען טאַקע געזעסען ביים טיש קיסרים אין ווייסע כאַלאַטען, יונגע פּרינצען מיט ליכטיגע פּנים'ער. אין הויכע באָקאַלען איז פֿאַר זיי געשטאַנען רויטער ווין. אָט איז איינער, דער יונגסטער, פֿון טיש אַרויס, האָט געעפֿענט די טיר — און אַלע האָבען באמת געגלייבט — ניט געשמייכעלט, ניט ראַציאָנאַליזירט דעם אינהאַלט, נאָר באמת גע-

גליטשט, אַז באַלד, באַלד וועט אַריין אליהו הנביא. דערפֿאַר געהט דער יום־טובֿ שבֿועות דורך אָהן בעזונדערע דעקאָראַציעס. מען גרייט זיך ניט אַזוי פֿיעל. נאָר אונבעמערקט איז ער ניט, פֿאַרהאַנגען אַ בעזונדער שטעמפּעל. ער צייכֿענט זיך אויס מיט זיין ליכֿטיגקייט, זאָרגלייזיגקייט, מיט דער פּאָעזיע פֿון זומער, עפּיס עהנליכֿעס צו אַ זומערדיגער עקסקורסיע. עס עטעמט זיך אַזוי פריי, עס שמעקט מיט פֿרישען היי, און פֿייגלען שפּרינגען, טאַנצען אַרום פֿון איין צווייג אויפֿ'ן צווייטען און זענען אַזוי פֿרעהליך, אַז זיי פֿערגעסען גאָר זינגען. עס וואָלט געווען געשמאַקלויז אָנטאָן דעם שבֿועות אין עפּיס שווערעס, מאַכֿען איהם פּאָמפּעז. ניין, דאָס איז גאָר אַ גראַציעזער מינועט, אַ לייכֿטע, לייכֿטע מוזיק, וואָס מען שפּיעלט די אין די איטאַליענישע שטעדט אויף די אָפֿענע פּלעצער.

נאָר אָט געהען מיר איבער צום נאַציאָנאַלען טרויער. ידען וואַרפֿען אַראָב זייערע שיך; מען קלייבט אויס די קליידער, וואָס וואָלטען געקענט מעהר אָנווייזען אויף דער עלענדקייט, אויפֿ'ן אומגליק: עפּיס אַ צעריסענעם ראָק, אַן אַלטע, אויסגעקראָכֿענע היטעל. היינט איז תשעה באָבֿ. און מנין זיצט מען אויף דר'ערד. קיינעם פֿאַלט גאָרניט אַריין אין זינען, אַז עס איז שוין צייט צו בערוהיגען זיך סוף כל סוף. דער בית־המקדש איז דאָך חרובֿ געוואָרען מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק. און די פֿערציג טויזענד קינדער, וועלכֿע מען האָט דאַן געטויט אויף אַ גרויסען שטיין? און די יודישע פֿרויען, וועלכֿע מען האָט צוגעבונדען צו די עקען פֿון פֿערד און געטריבען זיי?

„איכה ישבֿה בדד העיר“ — קלינגט אין דאָרפֿישען מנין די יודישע עלעגיע. און די צייט, די צוויי טויזענד יאָהר, זענען ניט אין שטאַנד צו פֿערגרינגערן, אָבשוואַכֿען די שווערקייט, די ביטערקייט פֿון דעם אָנווערה. פֿאַר זיי איז דאָס פֿאָרגעקומען גאָר ניט לאַנג, ערשט נעכֿטען. תשעה באָבֿ איז דער ערשטער סיגנאַל צו די „גרויסע מאַנעווערס“, ווי חסידים רופֿען אָן די גרויזאַמע טעג, די „ימים נוראים“. עס וועט פֿאָרקומען אַ שטאַרקע ראַנגלעריי צווישען די זינדיגע קינדער און דעם דערצאָרנטען פֿאָטער. ווער וועט וועמען בייקומען? די קינדער זענען דאָך אַזעלכֿע שוואַכֿע, די זינד אַזוינע שווערע, און ער זיצט דאָרט אויבען און האָט אָבגעקעהרט

זיין פּנים און װיל זיי ניט װיסען, דערקענט זיי ניט. שרייען די קינדער, װי קינדער דאַרפֿען שרייען, װען מען לאָזט זיי אין מיטען װעג. הענגען אַראָב די דאָרפֿישע ייִדען די טליתים איבער די קעפּ און װיינען מיט הילפֿלאָזע טרערען. זיי ראַנגלען זיך לאַנג — אַ נאַכט און אַ גאַנצען טאָג. און װי אַלעמאָל: די קינדער האָבען אויסגעפֿיהרט זייערס, — ער האָט מוחל געװען. ייִדען האָבען טאַקע מנצח געװען זייער גאָט. „נו, װאָס זאָל איך שוין מיט אײַך טון?“ האָט אַ מאַך געטאָן דער גרױסער פֿאָטער מיט זיין פֿערגעבענדער האַנד. און יום כּפּור נאָך נעילה, װי עס איז אײַנגעפֿיהרט בײַ חסידים, זעצט מען זיך אַװעק און מנין בײַ אַ לאַנגען טיש און מען זינגט פֿרעהליכע ניגונים, דאָס פֿייערט מען דעם זיג איבער איהם, דעם ייִדישען גאָט, װעלכער האָט טאַקע ניט אויסגעהאַלטען, אומגעביטען דעם צאָרן אויף רחמנות, פֿערגעבען די זינד. עס זינגען די דאָרפֿישע ייִדען און מנין, און דער איבעריגער הערט דאָס, שמייכעלט מיט דעם שמייכעל פֿון פֿערגעבונג. „נו, װאָס זאָל איך שוין מיט אײַך טון? — פֿאָרט קינדער“...

אין דערזעלבער נאַכט פֿון נאָך יום־כּפּור שטעהען שוין אײַנגעגראָבען אין דר'ערד פֿיער קלעצער אויף אַ סוכּה. אַ סימן, אַז די גרױזאַמע טעג זענען שוין אַװעק, און אין דער ייִדישער שטוב װעט זיך אומבייטען די דעקאָראַציע. אַ נייע פֿאָרשטעלונג, לוסטיגע טעג, און צװישען זיי דער לוסטיגסטער — שמחת תּורה. קיין איין אַרטיסט װעט ניט קענען מיט אַזאַ פֿולקאָמענהייט, נאַטירליכקייט זיין אי אַ קאָמיקער אי אַ טראַגיקער. דאָס האָט נור געקענט דער פֿרומער ייִד. נור ער האָט געקענט אַראָבװאַרפֿען פֿון זיך די גאַנצע זאָרג פֿון די גרױזאַמע טעג, און שמחת תּורה אַװעקלאָזען זיך אין אַן אונענדליכען טאַנץ מיט תּורה איהם אַליין אויסגעטראַכטע פֿיגורען, מיט פֿערשיידענע קונצען, מיט סאַלטאָ־מאָרטאַלעס און פֿרעהליכע אויסגעשרייען. מיט װאָס פֿאַר אַ ברייטקייט ער זאָגט דעם „גוט יום טוב“! מ'האָט נאָך גאָרנישט געטרונקען, נאָר ער איז שוין שכּור פֿון פֿרייד. און לאַנגע טישען זענען בעדעקט מיט גוטע מאַכלים, און ייִדען פּאַטשען אין די הענד, און מיר, קליינע קינדער, שפּרינגען, לאַכען, און די מוטער שמייכעלט גליקליך...

וואוהין איז דאָס אַלץ פֿערשוואונדען? וואוהין איז דאָס אַלץ אַהינגעקומען? וואָס פֿאַר אַ פּראָזע, געשמאַקלויזיגקייט הערשט איצט אין דער יודישער שטוב! ניטאָ שוין די יודען־קינסטלער, דאָרפֿישע יודען־קינסטלער, וועלכע האָבען פֿערשטאַנען די נשמה פֿון יעדער יום־טוב. און מיר דוכט, אַז איך בין געווען ביי די לעצטע פֿאָרשטעלונגען, אַז איך האָב נאָך פֿערכאַפּט עטליכע טענער פֿון עפּיס אַ וואונדערבאַרער קומפּאַניע, אַז איך האָב געזעהן דעם בילד, אין דער צייט ווען די פֿאַרבען זענען נאָך ניט אָבגעקראָכען.

און געווען איז דאָס לאַנג — אין די קינדהייטס־יאָהרען.

.III

די קינדהייטס־זכרונות! אַפֿילו די שווערע טעג, ווען די קליינינקע האַרץ האָט געליטען, קענען זיי בעפֿרייען, קענען זיי צוגעבען אַזאַ חן, אַז עס ווילט זיך איך אַריינשפּען זיי. דאָ אָבער איז שוין דערפֿאַר אַלץ קלאָר. איך דאַרף ניט אָנשטרענגען דעם זכרון, איך דאַרף ניט כאַפּען בעזונדערע שטריכען.

מיר וואוינען שוין אין דער קרייז־שטאָדט. און איך צוזאַמען מיט דעם עלטערן ברודער, וועלכער פֿיהרט מיך פֿאַר'ן האַנד, געה איך אין חדר. איך בין נאָך צו קליין, אום צו פֿערשטעהן, ווי פֿעדרעהט, פֿערפּלאָנטערט זענען דעם פֿאָטערס געשעפֿטען. נאָר איך פֿיהל עפּיס אַזאַ אונרוהיגקייט. פֿריהער האָט קיין מאָל ניט געטראָפֿען, דער פֿאָטער זאָל דורכגעהן דעם הויף און ניט בעמערקען מיך, ווען איך שפּיעל מיט חברים, ניט אַ גלעט טון, ניט זאָגען עטליכע גוטע ווערטער. נאָר איצט טרעפֿט זיך דאָס אַלץ אָפֿטער. ער איז געווען צעטראָגען, שטאַרק צעטראָגען. וואָרום עס האָט זיך דערנעהנטערט דער טאָג, ווען ער האָט געמוזט זיך דערקלערען באַנקראָט. אַמאָל, מיט צוואַנציג יאָהר צוריק, איז דאָס געווען אַ גאַנצע קאַטאַסטראָפֿע. מען האָט נאָך ניט געוואוסט פֿון צוואַנציג קאָפּיקעס פֿאַר'ן רובעל, נאָר מען האָט גוט געוואוסט, אַז מען דאַרף אָבגעבען דעם אַלמער מיט די אַלטע, טייערע ספֿרים, און אַז די מוטער דאַרף אויסטון פֿון זיך די צירונג, אַראָבנעהמען פֿון האַלז די שנירלעך פּערל. די קרעדיטאָרען, גוטע ברידער יודען,

האָבען דאָס גענומען אין געטרייסט: „הלואי, זאָל זיך דאָס ניט טרעפען. עס טרעפט. מיר ווייסען זעהר גוט, רב יחזקאל, אַז איהר זייט ניט שולדיג. זאָל אייך גאָט העלפען, איהר זאָלט דאָס ווידער צוריק אומקעהרען". דער פאָטער האָט געדאַנקט, בעגלייט זיי צום טיר און, אַריינגעהענדיג צוריק אין צימער, האָט ער זיך געמאַכט ניט זעהענדיג און געלאָזט די מאַמען זיך ווישען מיט אַ טיכעל די אויגען....

די גאַנצע שטוב זעהט אויס אונהיימליך אָהן דעם אַלמער ספרים. נור עטליכע האָט דער פאָטער פאַר זיך געלאָזען, וואָס אָהן זיי האָט ער ניט געקענט אויסקומען. די האַרץ האָט געקלאַפּט ביים קליינעם חדר־יונגעל און געפיהלט, אַז עס דאַרף קומען נאָך ערגערס. און איך דערמאָן זיך אָן איין פריה־מאָרגען, ווען מען האָט אונז, קינדער, אויפגעוועקט פריהער, ווי אַלעמאָל, וואָרום מיר האָבען זיך געדאַרפט געזעגענען מיט דעם פאָטער, וועלכער האָט געמוזט אָבפאָהרען פון שטאָדט. איך געדענק, ווי איצט, זיין בלייכען פנים. מיר, דערשראָקענע קינדער, שטעהען אַרום איהם, און ער, האַלטענדיג אין האַנד דעם טלית ותפילין און די עטליכע ספרים, וואָס אָהן זיי האָט ער ניט געקענט אויסקומען, בעט אונז זיין מענשען, זיין פרום און חלילה ניט אָבעסען דער מאַמען די האַרץ. געהענדיג פון חדר, האָט דער בתהער געפלייסט זיך צו דערקלערען מיר, פאַרוואָס איז דער פאָטער אָבגעפאָהרען. ער האָט עפּיס פערצעהלט וועגען אַ בייזען פריץ פאַוועל הרינעקאָ, וועלכער האָט ניט געוואָלט וואַרטען דעם חוב און וועלכער האָט געשראָקען: „איך וועל אידען שיסען, דעם פערשאָלטענעם ידען", האָט געזאָגט דער פריץ. און געפאָהרען איז דער פאָטער צום רבי'ן, דאָרט איבערוואַרטען די שלעכטע צייט.

לאַנג זענען מיר געווען אַליין. מיר האָבען גערעדט אין שטוב שטילער, וועניגער געשטיפט. און אָט איז געקומען נאָך איין פריה־מאָרגען, אייך אַ פליצלינדיגער. מ'האָט אונז אויך אויפגעוועקט פריהער, ווי שטענדיג, נאָר הירך די פענסטער האָט שוין געליכטען די זון. אַזוי האָט זיך יעדענפאַלס געדוכט, וואָרום די זון האָט געלייכטען אויף אונזערע פנים'ער, אין שטוב, און אונז:

דער פאָטער איז געקומען. דער רבי האָט דערוויזען על פי שכל, אַז קיין סכנה איז ניטאָ. דער פריץ איז שוין לאַנג אָבגעקיהלט

געוואָרען. „און אַזוי ווי איהר, רבי יחזקאל — האָט דער רבי געזאָגט — זענט אַ מענש, וועלכער איז נושא חן ביי אַנדערע, האָף איך, אַז ווען איהר וועט קומען צו איהם און איינגאַנצען דערצעהלען, וועט ער אייך גאָרנישט טון, פערקעהרט, איהר וועט נאָך אפשר אַ טובה פון איהם בעקומען. פאָלגט מיך, פאָהרט אַהיים צו אייער ווייב און קינדער, און גאָט זאָל אייך מצליח זיין אייער וועג". דאָס האָט דערצעהלט דער פאָטער ביים אינדערפריהענדיגען טיי. און געווען איז טאַקע אַזוי, ווי דער רבי האָט געזאָגט, און אין יענעם טאָג האָט ביי אונז געהערשט אַ שמחה. גוטע פריינד זענען געקומען אָבגעבען מזל טוב, און די מאַמע האָט געזאָגט צום טאַטען: „אפשר זאָלען שוין היינט צוליעב אַזאַ גאַסט די קינדער אין חדר ניט געהן"...

אינהאלט:

די ליעבע פראָווינץ 3

צעבראָכענע הערצער 13

אליל 27

דער פערלאָשענער שטערן 35

איהר לעבען 51

אַ זומער=בילד 71

עזריאל דער אײַנבינדער 81

דער כראָמאַנט 111

דער לעהרער 121

זכרונות 133